STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09476

DI MUTER UN DOS KIND

Charles-Louis Philippe

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שאַרל לואי פיליפ

די מוטער און דאָס קינד

שאַרל לואי פיליפּ

די מוטער און דאָס קינד

☆

איבערגעזעצט און אַרויסגעגעבן
פון
ד״ר יואל זינגער

☆

הויפּטפאַרקויף
ג. קאַפּלאַנסקי
קאָרריענטעס 2883, טעל. 62-8753

בוענאָס-איַרעס
1951

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Dr. ELIAS SINGER

CHARLES LOUIS PHILIPPE

La Madre y el Niño

Epílogo de **ANDRE GIDE**

Queda hecho el depósito que marca la ley

Traducido y editado por el
Dr. ELIAS SINGER
Buenos Aires

Charles-Louis Philippe

☆ ☆
☆

איך האָב איבערגעזעצט שאַרל לואי פיליפּס ווונדערלעך בוך ווײַל איך דענק אַז אַפילו אַ פּלייסיקער לייענער האָט זעלטן די געלעגנהייט אָנצוטרעפן אויף אַזאַ שיינעם בוך.

פאַרן יידישן לייענער פון לעצטן יאָרצענדליק, וואָס שווימט אין ים פון אונדזער טראַגיק־ליטעראַטור געווידמעט דער שווי־דערלעכער קאַטאַסטראָפע וואָס אונדזער פאָלק האָט איבערגע־לעבט, וועט „די מוטער און דאָס קינד" זײַן אַן אָפּרו, ער וועט פּלוצלינג אַרײַנגעצויגן ווערן אין אַ אָאַזיס, אַ פרישן און אַ פרעכטיקן ווי דער פראַנצויזישער זשעני בליצט מיט זײַן גאַנצן פראַכט, רײַכקייט און טיפקייט.

בכלל איז שוין צײַט אַז די יידישע ליטעראַטור זאָל נאָך אַמאָל אָנהייבן איר נאָרמאַל „לעבן", ד"ה אַז זי זאָל נאָכאַנאַנד באַרײַכערט ווערן מיט איבערזעצונגען פון געקליבענע ווערק.

איך ווידמע די איבערזעצונג פון „די מוטער און דאָס קינד" דעם יידישן לייענער מיט אַ געפיל פון טיפער עמאָציע ווײַל דאָס האָט מיר געגעבן די געלעגנהייט צו פאַרבינדן מײַן נאָמען מיט איינעם פון די שענסטע גײַסטער און צאַרטסטע דיכטער פון דער מאָדערנער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

ד"ר יואל זינגער

אַפּריל, 1951.

ערשטער קאַפּיטל

דאָס קינד ווערט געבוירן אין אַ נאָכמיטאָג, געשוואָלן און רויט, אין אומאָרדענונג ווי אַ שטיק כאָאָס. עס איז עפּעס אַזוינס ווי אַ נײַ שטיק מעבל וואָס מען ברענגט אַרײַן אין שטוב, און וואָס מען דאַרף אויף דעם אַכטונג געבן און פּאָלירן אַ לאַנגע צײַט ביז עס באַקומט אַ היימישן אויסזען. עס איז איבערהויפּט ענלעך צו אַ שלעכט דערצויגענער חיהלע, וואָס קאָן נישט באַנוצן, ווי עס באַדאַרף צו זײַן, נישט זײַנע פיס, נישט זײַנע הענט, נישט די אַנדערע גלידער פון זײַן קערפּער. טאַטע־מאַמע: גיט אַכטונג מיט אויפמערק, פּאָלירט גוט אָט דעם קליינעם קעגנשטאַנד, ווײַל אין אַ געווויסן טאָג וועט זײַן געשטאַלט מוזן בלײַבן

גוט אײַנגעקריצט אין אײַער זכרון און זײַן לעבן וועט זײַן ענלעך צו אײַער לעבן; דערציט גוט דאָס חיהלע ווײַל עס איז נויטווענדיק אַז שפּעטער זאָל עס וויסן ווי אַזוי אָרומגיין, און זיך אויפפירן ווי אַ ציוויליזירטעס און גוט מענטשעלע.

די מוטערס, אַזעלכע גוטע און אַזעלכע בלייכע, וואָס האָבן ערשט געבוירן אַ קינד, האָבן אַ פּרעכטיקע עמפּינדלעכקייט זיך אויסצולערנען דערקענען זייערע קינדער. זייער פאַרמאַטערטער גוף שײַנט בײַ זיי צו זײַן אַ מינדערוויכטיקע זאַך, זייערע אויגן האָבן דאָס מילדע לעבן פון בלומען און קוקן מיט בליקן וואָס זענען אַזוי דין ווי געפילן. עס ווײַזט אויס אַז זיי שטייען אין וווּנדערלעכער קאָמוניקאַציע מיט ווײַטע וועלטן. מען וואָלט געזאָגט אַז ווען זיי נעמען עפּעס אין די הענט באַרירן זיי עס נישט; אַ וווּנדערלעכע זיסקייט! זיי פאַרבינדן באַלד דאָס קליינע באַשעפעניש מיט דעם משפחה־שטאַם; דאַרטן ווי איר זעט אַ פּנים פון ווייך פלייש, געפינען זיי פאָרמען און ענלעכקייטן. איך האָב געקאָנט אַ יונגע מוטער וואָס פלעגט זאָגן צו איר מאַן:

— זײַן נאָז איז ענלעך צו דײַן נאָז, אָבער זי איז נאָך מער ענלעכער צו דײַן פאָטערס נאָז.

אַלעס ווערט קאַטאַלאָגירט: מען געפינט אויס אַז די אויגן האָבן אַ בליק פול מיט אויסדריק און עס פעלט זייער ווייניק אַז מען זאָל באַשליסן אַז דאָס קעפּעלע ווײַזט אויס צו זײַן פול מיט אינטעליגענץ. דעם קינדס אײַנגעפאַלענע ליפּן וואָס האָט נאָך נישט קיין ציין און וואָס זענען ענלעך צו דעם פאָטערס ליפּן, אַזעלכע זיסע! אָבער איבערהויפּט די דורכזיכטיקע נייגעלעך, וואָס מען באַקוקט אַלעמאָל ווײַל זיי זענען שיין ווי ראָזעווע פלייש און ווײַל זייער גענויע אויסגעפורעמטקייט דערמאָנט אַ סך בעסער די אויסגעחלומטע קרובהשאַפט. און איך האָב געזאָגט אַז אַ קינד איז עפּעס אַזוי ווי אַ נײַ שטיק מעבל וואָס מען האָט געבראַכט אין שטוב. איצט זעט איר אַז עס איז נישט אמת, ווײַל אַכט טעג נאָך דעם

געבורט האָט עס שוין דאָס היימישע אויסזען פון די אַלטע קרוי־בים און פון די אַלטע זאַכן. און אויב עס וואָלט געווען בײַ אים עפּעס אַ שטריך וואָס מען וואָלט ניט געקענט פאַרבינדן מיט אַן אַנדער משפּחה־שטריך, איז: אָ, מײַן גאָט, ווי גליקלעך מיר זע־נען! דאָס וואָלט דאָך געמיינט אַז דאָס קליינע און טײַער וועזן האָט דאָך אייגענע פּערזענלעכע שטריכן.

און דאָס איז נישט אַלעס. ווײַל די מוטער, אין דער זעלבער צײַט וואָס זי פאָרשט די פאָרמען פון קינד, באַטראַכט זי אויך גענוי זײַנע זשעסטן און די פונקציעס פון זײַנע אָרגאַנען. עס איז אַזוי שוואַך, און זײַן האַנט איז אַזוי ווייך אַז זי איז תמיד פאַר־מאַכט. אָבער אַז מיר גליטשען אין איר אַרײַן אַ פינגער, פילן מיר אַז עס דרוקט אויף אים. די שוואַכע וועזנס, די וואָס טרינ־קען זיך, די קראַנקע און די קינדער לייגן אַרײַן זייער גאַנצן כוח אין די הענט: די וואָס טרינקען זיך טוען עס זיך אָנצוכאַפּן אין די צווײַגן פון דיביימער; די קראַנקע — צו דריקן די האַנט פון זייער דאָקטער; און די קינדער — זיך צו פאַרבינדן מיט אַ לעבן וואָס באַשיצט. זייערע פּיס באַוועגן זיך גראַציעז, אַבּיסעלע אין אומאָרדענונג און מען וואָלט געזאָגט אַז יעדער פינגערל איז אַ באַזונדער חיהלע. אַחוץ דעם: דאָס קינד גענעצט, זויגט און שליקערצט. עס זויגט ווי אַ נאַשער, ווי אַ פרעסער וואָס וואַרפט זיך אויפן עסן. דאָס דאָזיקע דאַרף רעגולירט ווערן און מען דאַרף אים לערנען ער זאָל זיך אַזוי נישט אײַלן בײַם זויגן, ווײַל דאָס ברענגט דעם שליקערץ. און די צערטלעכקייט וואָס ליגט אין דער מוטערס האַרץ מאַכט אַז זי זאָל דערקענען די אַרבעט פון אַלע געדיירים מיט אומענדלעכער מילדקייט, אַזוי ווײַט אַז עס איז נישט נייטיק אַז דאָס קינד זאָל וויינען כדי זי זאָל וויסן אַז עס איז קראַנק.

אַבּיסעלע שפּעטער, בײַ די דרײַ אָדער פיר חדשים הייבט אָן דערשײַנען עטוואָס, זייער סובטילעס: דאָס איז דער אָנהייב פון דער אַנטשטייונג פון געוויסן. געלערנטע מענטשן האָבן מיר

געזאָגט, דאָקטוירים און נאַטור־פאָרשער, אַז אין דעם מאָמענט דערשיינען בײַם מוח פון די קינדער די געוועב־צעלן וואָס בילדן די חושים. די מוטערס האָבן אַ ווונדערלעכע אינטויִציע און זיי קענען אַזוי די אייגעלעך בײַ זייערע קליינינקע, אַז זיי דערשפּירן ווען פאַר זייערע אויגן גייען פאַרבײַ די געשטאַלטן און די געדאַנקען. זיי ווייסן אויך ווי אַזוי צו דערקענען, אַ קליינינקן ציטער פון זייער קערפּערל, וואָס מיינט אַז זיי הערן שוין די קלאַנגען און דאָס גערויש. און זיי שמייכלען זעענדיק ווי אָט דער געמיש פון געפילן מאַכט אַז דאָס קינד זאָל ווערן אָנרירן די זון וואָס שטראַלט און כאַפּן די ווערטער וואָס עס הערט.

די מוטער נעמט דאַן דאָס קינד אויף די הענט און פירט עס שפּאַצירן און ווײַזט אים די פאַרבלענדנדיקע ספּעקטאַקלען.

— זע, מײַן קינד, ווי עס שטראַלט, ווי עס זינגט, זע אַלעס וואָס איז שיין. די זון, די מוזיק און די שיינע פרויען. ווען איך בין אַלט געווען פיר חדשים, זענען די שפּאַנישע קאַרליסטן, וואָס מען האָט אַרויסגעיאָגט פון זייער היים, געקומען זוכן אַ מקום מנוחה אין אונדזער לאַנד, און איינע פון זייערע גרופּן איז אַ לאַנגע צײַט פאַרבליבן אין מײַן קליינער שטאָט. זונטיק פלעגן זיי געבן קאָנצערטן אין פּאַרק. זיי זענען געווען אָנגעטאָן אין בלויע און רויטע קליידער און די מוזיק פון זייערע קופּערנע אינסטרומענטן האָט געהאַט זייער אַ לעבעדיקע נשמה. עס איז קײַן צווייפל נישט אַז דער מחיהדיקער געמיש פון ליכט און קלאַנגען האָט געמאַכט שוידערן מײַנע טונקעלע פּעיִקייטן ווי עס שוידערט דער געשמאַקער האַניק אין די נעסטעלעך פון בינשטאָק אַנטקעגן די זונען־שטראַלן. דאָס שוואַכינקע נערוון־געוועב פון וועלכן עס רעדן די געלערנטע האָט באַדאַרפט פאַרענדיקן די אַנטוויקלונג, האָט זיך באַדאַרפט שטאַרקן. איך האָב שוין כמעט באַדאַרפט פאַרשטיין. אָ, שוואַרצהויטיקע קאַרמענס פון שפּאַניע! די מוזיק האָט דערמאָנט אָן אײַך און דערמאָנט אײַער פײַערדיקן רויטן אָטעם!

אַביסל שפּעטער, לערנט מען די קינדער שמייכלען. שמייכ־לען מיינט זײַן פריילעך. שמייכלען מיינט, שוין פילן דעם טעם און גליק פון לעבן. צו מאַכן שמייכלען די קינדער קיצלט מען זיי אין בערדל, וואָס מאַכט שווידערן זייער צאַרטעם פלייש. מען קוקט זיי גלײַך אין די אויגן, מען מאַכט באַוועגונגען מיט די הענט, מען לאָזט זיי הערן דעם קלאַנג פון זעלטענע זילבן צו ווײַזן זיי וואָס זיי דאַרף געפעלן: די זאַכן וואָס בלישטשען — די אויגן, די וואָס באַוועגן זיך — די הענט, און די ליבלעכע קלאַנגען וואָס זייער מוח קאָן פאַרנעמען, ווײַל זיי מיינען דאָך גאָרנישט. צום סוף באַקומען זיי אַ ברייטן שמייכל, אָן באַשרענקונגען, אַ שמייכל וואָס ווײַזט אויס ווי אַ קליינינקער אַקט אין וועלכן זיי לייגן אַרײַן אַלע זייערע כוחות. און דעמאָלט זענען די מאַמעס גליקלעך. שמייכל, שיינער שמייכל, דו ביזט אַ ראַפינירטע פאָר־מע פון גליק. די חיות וואָס זענען נאָר פריילעך, קאָנען נישט שמייכלען. זיי בריקעווען, שפּרינגען, אָבער דאָס איז דער ברו־טאַלער אויסדרוק פון מאַטעריעלער פריילעכקייט. אָבער דאָס קליינינקע קינד שמייכלט, און זײַנע אויגן, זײַנע בעקעלעך און זײַנע ליפּן האָבן אַ פאַרכישופטן אויסדרוק. מיר זאָגן צו זיי אונ־טערשטרײַכנדיק שטאַרק די ווערטער:

— מיסינקער!

דאָס קינד פאַרשטייט נישט, אָבער עס הערט, זעט און שמייכלט נאָך מער. שיינינקער, בלאָנדינקער, שטיקעלע מענטש, קינדעלע! צו זײַן אַ מאַן פעלט דאָך דיר נאָר דו זאָלסט רעדן.

פון דעם מאָמענט אָן קומען שוין די געשעענישן איינער נאָכן אַנדערן, אין אײַלעניש. מען ווייסט נישט גוט ווי אַזוי די זאַכן הייבן זיך אָן, אָבער אין אַ באַשטימטן טאָג, קוקנדיק אויף דער זון, אין לאָמפּ אָדער אין פײַער, און דאָס קינד הייבט אָן רעדן. מען רופט עס בעבען אָדער גאָרגלען. דאָס זענען נאָך נישט קיין זילבן, דאָס זענען קוים קלאַנגען. עס איז ליכט און ציטערניש. עס איז אומאַנטשלאָסן ווי אַ זונענשטראַל אין פרימאָרגן. מען פילט

ווי דאָס קליינינקע געווימן צעעפֿנט דעם קנאָספּ און מאַכט אַ נאַיִוון געריש צו באַווייַזן אַז עס איז דאָרטן דאָ. עס איז ווי אַ טײַכל וואָס שטראָמט איבער שטיינדעלעך. עס איז אויך ווי אַ פייגעלע וואָס זינגט אָן אַ שום סיבה, נאָר פּשוט ווײַל עס לעבט. און איצט, יעדעס מאָל וואָס דאָס קינד וועט אויף עפּעס קוקן, וועלן זײַנע אייגעלעך שײַנען און ער וועט בעבען. איך זאָג אײַך אַז דאָס פײַער, דער לאָמפּ און די זון גייען אַרײַן אין זײַן מוחל ווי ליכט און גייען אַרויס ווי ווערטער. מײַן מוטער פלעגט מיר זאָגן לאַכנדיק:

— אָבער דאָך, פּלאַפּל נישט אַזוי פיל! אַלעס וואָס גייט אַרײַן אין דיר דורך די אויגן גייט אַרויס דורכן מויל!

און די אויפמערק דערוועקט זיך, און איינעם מיט דער אייגנשאַפט, אין דער זעלבער צײַט, דערשײַנען אומבאַשטימטע געדאַנקען. אויב זײַנע הענטעלעך און פיסעלעך צאַפּלען, אויב זײַנע אויגן שײַנען, אויב עס בעבעט עפּעס, איז עס מעגלעך דער־פאַר ווײַל עס הייבט אָן טראַכטן. אָפּטמאָל שטעלט עס אָפּ דאָס זויגן און קוקט זיך אַרום און אַמאָל שמייכלט עס צו די זאַכן וואָס זענען אים היימיש. זײַן שמייכל איז שוין נישט אומבאַשטימט און גליקלעך, ניין: עס שמייכלט מיט אַ מינע פון פאַרשטאַנד. עס שײַנט אַז עס זאָגט צום לאָמפּ: „דו ביזט דער לאָמפּ", און צום טיש: „טיש, דו שטייסט דאָרטן". אָבער איבערהויפּט שײַנט עס צו זאָגן דעם פאָטער און דער מוטער: „איך דערקען אײַך". ביז דעם מאָמענט האָט מען אים נאָר געזען אַרײַנגעטאָן אין זיך. זײַן נשמהלע איז געווען פאַרשפּאַרט אין זײַן קערפּער ווי צירונג אין אַ שאַכטל: אָבער איצט צעשפּרייט זיך עס, עס הויבט זיך אַרויס, דערקענט די קעגנשטאַנדן, און איז אַ וועזן וואָס נעמט אויף די אײַנדרוקן וואָס קומען פון דרויסן. אַך, דו, מוטער, וואָס לויערסט אויף זײַן נשמה, דו נוצט אויס אַלע די מאָמענטן צו געבן דײַן קינד די נייטיקע אָנווײַזונגען! און פאַרשטייסט אַלעס וואָס ער פאַרשטייט. ווען ער קוקט אויפן לאָמפּ רייצט דו אים

אין די בעקעלעך צו ציִען זײַן אויפמערק צו דײַנע ווערטער, און דו זאָגסט אים פשוטע פראַזן וואָס ער זאָל קענען אויפנעמען. דו שטעלסט זיך אַוועק אויף זײַן פלאַץ, דו פאַסט צו דײַן נשמה צו זײַנער, דו לויערסט אויף אים און זייער גיך טרעפסטו שוין אַלע זײַנע געפילן. דו נעמסט זיי בײַ אים צו, זיי צו אַנטוויקלען און פאַרגרעסערן. זײַן נשמה איז ווי אַ קלייניניקעס קינד וועמען דו נעמסט אָן בײַ דער האַנט אים צו דערפירן ביז צום סוף פון זײַן וועג.

צוערשט גייסטו אַרײַן אין באַזיץ פון זײַן שיינעם בעבען. זייער מילד זוכסטו אים צו פאַרשטיין. אין דײַן מוח וואַכן אויף אייגנשאַפטן פון אַן אַלטן געלערנטן. דו פאַרטיילסט די קלאַנגען: עס זענען פאַראַן מער קאָמפּליצירטע, וואָס באַווײַזן שוין אַ קלאָרן פאַרשטאַנד. אין זייער אַ דעליקאַטער פאָרמע נעמסטו זיי צו בײַ אים, דו נעמסט זיי אַרײַן אין דיר, און מאַכסט אַז דײַן נשמה זאָל זיך באַוועגן אַרום זיי. דערנאָך, אין אַ געוויסן טאָג, ווען ער האָט געענדיקט דאָס זויגן און קוקט מיט ליידיקע אויגן אַרום אים, חזרסט דו זיי אים איבער. צום אָנהייב דערקענט ער זיי נישט; מעגלעך דערפאַר ווײַל ער טראַכט נישט אין זיי; אָבער זייער געשווינד ציסטו אים צו מיט דער זיסקייט פון דײַנע אויגן און פון דײַן שטימע. ציסט אים צו און ער וויל שוין ליבער זײַן מיט דיר ווי קוקן אויפן פײַער אָדער אויפן לאָמפּ און קוקט אויף דיר און הערט דיך אויס. דו חזרסט אים נאָך איבער, ווי אַ ליד, די צוויי אָדער דרײַ שטיקעלעך וואָס ער האָט געבעבעט. צום סוף דערקענט ער זיי און עס ווײַזט אים אויס אַז דאָס וואָס גייט אַרויס פון דײַן מויל איז עפּעס פון אים אַליין. דעמאָלט שמייכלט ער מיט אַ גרויסן שמייכל, אַ ליכטיקן און ברייטן און זאָגט און חזרט איבער, און חזרט נאָכאַמאָל איבער, ווי אַ ליד, די צוויי אָדער דרײַ שטיקלעך וואָס ער קאָן שוין.

אַך, ווי שיין! איצט איז שוין נישט ווי עס וואָלט זיי אַליין

געזאָגט, ניין; עס חזרט איבער דער מוטערס ווערטער ווײַל זײַן אויפמערק איז געווענדעט צו איר, און חזרט זיי איבער ווי דאָס שול-קינד וואָס דערקלאָמירט זײַן אויפגאַבע ווײַל ער האָט פאַרשטאַנען אַז מען מוז זיך לערנען. עס באַקומט אַ געוווינ־הייט צו נאָכמאַכן: געפינען מיר אַ שיין וואָרט חזרן מיר דאָס איבער פאַר אים. אָפט איז עס אַ באַקאַנט און אַלט וואָרט, אָבער דער וואָס זאָגט עס אַרויס זאָפט עס אָן מיט עטוואָס נײַעס וואָס איז דאָס לעבן; און ווען מיר חזרן עס איבער, האָט זיך עס פאַרגרעסערט, צאַפּלט עס, עס האָט אין זיך עפּעס פון מוח פון אַ אינטעליגענטן מענטש. אַזוי טוט דאָס קינד. אַז עס שמייכלט מיט זײַן גאַנצן וועזן, אַז עס איז גליקלעך, איז עס דערפאַר ווײַל הערנדיק זײַנע אייגענע ווערטער האָט ער זיי געזען, האָט ער זיי געפילט און געפינט אוים אַז זיי זענען שיי־נע, אַז זיי האָבן חן ווײַל זיי האָבן אים געמאַכט שמייכלען.

אָ, עס איז שיין! אָבער מען דאַרף זיך דאָ נישט אָפּשטעלן. בדרך אגב באַוווּנדערט די מוטער, ווי עס באַוווּנדערט אַ מענטש ווען ער קומט אַהיים, אַ בלום וואָס האָט זיך ערשט צעעפנט אין אַ שיינעם גאָרטן. די מוטער ווייסט וווּהין זי דאַרף פירן איר קינד דערפאַר ווענדעט זי אירע פאַרשנדיקע אויגן אין דער ריכ־טונג אין וועלכער דאָס לעבן איז לעבעדיקער, ווי די קינדער, נאָכדעם ווי זיי האָבן געבעבעט — אומשולדיקע קליינינקע — ווייסן שוין ווי מענטשעלעך, ווי אַרויסצוזאָגן דעם נאָמען פון זייער מוטער. און ווירקלעך, דער ענין איז זייער אַ דעליקאַטער. לאָמיר זען: די מוטער האָט שטודירט דעם קינדס בעבען, און האָט עס אים איבערגעחזרט כדי אים אויסצולערנען נאָכזאָגן וואָס זײַן מוטער זאָגט. ווען זי האָט דאָס שוין דערגרייכט, הויבט זי אָן אים זאָגן ווערטער צו וועלכע עס איז נאָך נישט געוווינט; און אַזוי ווי עס האָט זיך צוגעוווינט איר נאָכצוזאָגן, גייט עס שוין ווײַטער אַזוי ביז סוף כל סוף הויבט עס אָן נאָכ־זאָגן, הגם נישט דרײַסט, די שיינע און שווערע ווערטער. נאָ־

טירלעך, דאָס ערשטע וואָרט וואָס זי לערנט אים זאָגן איז: „מאַמע". און עס איז שווערער ווי עס ווײַזט זיך אויס, ווײַל מען דאַרף אים געבן צו פאַרשטיין אַז עס איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן דער פּערזאָן און דאָס וואָרט וואָס עס זאָגט אַרויס. דער־נאָך דאַרף מען אַביסל פאַריכטן זײַן אויסשפּראַך וואָס איז פון אָנהויב גאַנץ לעכערלעך.

צום סוף ווערט דאָס וואָרט עטוואָס פאָרמלאָז, נישט קלאָר, אָבער עס איז אַביסל ענלעך צו די געדאַנקען וואָס גייען אַרויס, צו די נישט אַנטוויקלטע מוחות. עס זאָגט „באַבאַ" אָדער „מאַ־מאַ", עס איז שווערלעך צו דערקענען ווײַל עס איז נישט גענוי אַרויסגעזאָגט. עס איז אַ גאַנצעס שטוק, אַביסל אַ שווערעס, ווי אַ פּלעצעלע פון זאַמד, אָבער דאָך איז דאָס באַחנ׳ט ווי אַלעס וואָס קינדער מאַכן. עס קומט פאַר צומאָל מיט אַ סקולפּטאָר אַז נאָכדעם ווי ער אַרבעט אָפּ אַ גאַנצן טאָג, איבער אַ ביוסט פון אַ מענטשן וועמען ער האָט ליב, רײַסט ער פּלוצלינג איבער די אַרבעט. ער קאָן זײַן פרײַנט און באַטראַכט זײַן ווערק. די אויגן פאַרמאָגן אַביסל פון דעם ענטוזיאַזם וואָס זיי דאַרפן האָבן, די נאָז לעפּעלעך טרעמלען מיט אַן אינטענסיוו לעבן, ווי די לײַכטע זאַכן, דאָס מויל האָט שוין דעם קלאָרן און פּשוטן אויסזען פון די גוטע און צאַרטע מײַלער; אָבער, באַזונדער דער קאָפּ דערהויבט זיך גלײַך און באַשיידן ווײַל ער איז פול מיט הערלעכע געדאַנקען. נאָכדעם, צופרידן פון זיך זעלבסט, פאַר־מאַכט ער די אויגן כדי בעסער צו זען וואָס עס בלײַבט אים נאָך צו טאָן און דאָן ווערט געבוירן אין זײַן מוח, דאָס שמייכל־דיקע געשטאַלט פון זײַן געליבטן פרײַנד, מיט אַלע דעטאַלן, רײַך און שיין פאַרענדיקט, פּונקט ווי ער האָט עס פאַרטראַכט. אַ גליק! דאָס איז די פאַרבײַגייענדיקע רגע וועמענס טעם גאָט האָט געפילט, איידער ער האָט געשאַפן די וועלט, ער האָט זי שוין פריער געקאָנט.

די מוטערס פון די קלייניקע קינדער זענען ענלעך צו דעם

סקולפּטאָר. אין אַ באַשטימטן טאָג בלײַבן זיי שטיין און ווענדן זייער בליק צוריק, צו שמייכלען פאַר דעם אָפּגעגאַנגענעם וועג. דאָרטן ווײַט איז דער אָנהויב. שטיקעלעך כאַאָס! דאָס קינד וויינט ווײַל אַ חיה וויינט ווען זי איז הונגעריק. עס האָט גע־לעבט צוגעקלעפּט צו דער מוטערס ברוסט, עס האָט אַרײַנ־געזאָפּט איר זאַפט אַ לאַנגע צײַט, גלײַך עס וואָלט געוואָלט אַרײַנדרינגען אין איר לעבן. עס האָט פון גאָרנישט געוווּסט, עס פלעג פאַרמאַכן די אויגן און צוקוועטשן זײַנע קולאַקלעך. עס איז געווען אַ קײַקעלע קרעכצנדיק און פאַרמלאָז פלייש. זײַן מוטער האָט עס ביסלעכווײַז מאָדעלירט, געלערנט אים זען, האָט געגעבן זײַנע אויגן דעם בליק און זײַנע ליפּן דעם שמייכל. ווענדעט זײַנע געפילן, פירט זיי ווי דער פּאַסטוך פירט זײַן צעלאָזטע טשערעדע געריכטעט צו דער גרויסער לאַנקע ווי זי וועט קאָנען פּאַשען. עס לערנט זיך אויס בעסער זויגן. עס האָט געקאָנט זען; איצט קאָן עס שוין קוקן. עס קאָן שוין גאַרגלען. עס באַרירט די זאַכן פון לעבן מיט נישט דרײַסטע פינגער וואָס קאָנען נאָך נישט באַנעמען אָבער קאָנען שוין גלעטן. און צום לעצט לערנט עס זיך אויס רעדן. ווערטער; פאַרבינדונג מיט די מיטמענטשן. אָ! ווערטער וואָס קומען אַרויס פון איין מוח, גייען דורך און דרינגען אַרײַן אין אַ צווייטן מוח. עס איז אַ פּאַראיי־ניקונג פון צוויי נשמות. איך רעד צו דיר ווײַל איך טראַכט וועגן דיר און וויל אַרײַנלעגן אַ שטיקעלע פון מײַן נשמה אין דײַנער. ביז אַהער האָב איך נאָר געוואָלט באַווײַזן אַז עס האָט גע־טראַכט וועגן זײַן מוטער, דאָס קינד האָט נאָר געהאַט זײַנע אויגן און זײַנע הענט: בליקן און צערטלען. איצט רעדט ער און קומט אויס פאַרכישופנדיק. דאָס וואָרט מאַמע וווינט אין זײַן האַרץ ווי אַ פייגעלע און אַמאָל קומט עס זיך אַוועקשטעלן אויף זײַנע ליפּן: פּלאַטערט, לאָזט זיך אַוועק און דערגרייכט דער מו־טערס האַרץ.

איר האָט פאַר זיך דאָס וואָס איז שוין אָפּגעטאָן געוואָרן.

דאן, ווי איך האב איין שוין געזאגט, פארמאכט די מוטער די אויגן, פונקט ווי דער סקולפטאר, כדי בעסער צו זען וואס עס בלייבט איר נאך צו טאן. עס בלייבט פאר איר פארוואנדלען אין א מענטש דאס אייניאריקע קינד. כדי דאס דורכצופירן וועט זי פאר אלעמען אים דערווייטערן פון זיך, זי וועט אים צונעמען די ברוסט. קינדער, ווי שעפעלעך דארף מען פריילאזן כדי זיי זאלן קענען בריקעווען צווישן די זאכן, טאן א ביים א בלעטעלע און טרינקען אין די טייכעלעך. אזוי ארום לערנען זיי די מוטערס גייען, דערנאך שיקט מען זיי אין שול זיי זאלן דערקענען די ביכער וואס זענען פול מיט וויסן און דערלערנען נוצלעכע אידעען. עס איז שוין אלט צוועלף יאר; ער איז א גרוים ייִנגל וואס האט דורכגעמאכט מיט גלענצנדע קלאסיפיקאציעס די פריי־מאר שול און גייט ווייטער אויף לעקציעס כדי זיך צו פארפול־קאמען. דער מוטער ווייזט זיך תמיד אוים אז זי זעט אים קו־מען מיט די העפטן אונטערן ארעם. ער האט דעם גרויסן קאפ פון די אינטעליגענטע קינדער, אויגן וואס פינקלען און וואס קוקן מיט אזוי פיל אויפמערקזאמקייט אז מען וואלט געזאגט אז זיי הערן זיך צו א חוץ דעם וואס זיי קוקן; ער האט אויך א קלארן און פרייען שטערן, אבער איבערהויפט האט ער א נאזוו און פארטרוילעך מויל וואס עפנט זיך קוים און עס שיינט אז עס צעעפנט זיך פארן לעבן. פון דעם מאמענט אן, וועלן אויפ־הערן דער מוטערס אנווייזונגען. דאס קינד איז אין פולן גאנג צו זיין גורל; איצט דארף מען אים שוין נאר לאזן גיין. דאס אלעם זעט די מוטער פארן צוקונפט, און דער רעזולטאט איז א וונדערלעכער, אזוי וונדערלעך אז ער פילט זי אן מיט ליכט און גיט איר מוט פאר איר טעגלעכער דערציערישער ארבעט. זינג, שיין מוטערלעך הארץ, זינג ווי א פייגעלע וואס שטייט אויפן צווייג, צו דער דורכזיכטיקער צוקונפט וואס האט זיך אנ־געהויבן אין דיינע אויגן, וואס לויפט, וואס שטראלט און וואס איז א טייכל וואס גייט צום גרויסן טייך!

זי וועט צונעמען די ברוסט ביי איר קינד. דאָס קינד וואָס זויגט איז זייער שוואַך. עס איז צופיל צאַרט צו טרינקען אין די קוואַלן פון דער נאַטור, ווייל דאָס לעבן איז געמאַכט געוואָרן פאַר דערוואַקסענע און באַט אונדז אָן צו שטאַרקע שפּייזן. די מוטער איז די וועלכע דאַרף אַריינזאַפּן די דאָזיקע שפּייזן און אַרויסציען פון זיי די עטלעכע פּשוטע סובסטאַנצן וואָס בילדן אַ געשמאַקע מילך. ער וועט זויגן די ווייסע מילך וואָס צעגייט זיך אין זיין קערפּערל און וואָס דרינגט אַריין אין ווייכן פלייש פון קינד. מיר וועלן אָבער מאַכן אַ באַמערקונג, דאָס יאָ, אַז הגם דאָס לעבן איז געמאַכט פאַר דערוואַקסענע, ווייסן זיי כאָטש ווי אָפּצוהיטן די קינדער.

אָבער מען דאַרף ביי אים צונעמען די ברוסט און דאָס איז אַ שרעקלעכע דראַמע: דער וואָס האָט געלעבט פון דער מוטערם מילך איז געווען גליקלעך מיט איר זיסקייט. ווייס, פּשוט און ריין, ווי אַ צערטל, די מילך וואָס מען זויגט קומט צו אונדז פון דעם קוואַל פון אַלע גוטסקייטן. צונעמען ביי אונדז די ברוסט מיינט אונדז אָנהויבן דערווייטערן פון אונדזער מוטער. דאָס הייסט אונדז אָנהויבן אַריינוואַרפן אין לעבן. אָ, ווייסט איר ווי מחיהדיק עס איז געווען די געוווינהייט וואָס מיר פאַרלאָזן! עס זענען פאַראַן מענער וואָס וויינען ווען זייער געליבטע פאַרלאָזט זיי, ווייל ווען זיי וועלן צוריקומען ביינאַכט אין זייער צימער, וועלן זיי שוין נישט געפינען זייערע אָפענע אָרעמס און זייערע ליפּן וואָס האָבן זיך געבעטן מיטן רויטן געשמאַק פון די לאַנגע קושן פון ליבע. און דו וויינסט, מיין קינדעלע, וויינסט אין משך פון טעג און טעג, און ווילסט גאָרנישט זען און ווילסט גאָרנישט הערן און פאַרמאַכסט די אויגן און דו ווערסט שטאַר. האָסט אַ גרויסן ווייטיק און אַ גרויסן כעס. אָבער זע, עס איז נויטווענדיק. דיין מוטער וואָלט געוואָלט נאָכגעבן דיין ווילן. נייך, מען דאַרף דיך צונעמען פון דער ברוסט! דו וויינסט, קליינינקער, אָבער דו דאַרפסט ווייסן אַז מען טוט עס פון דיין טובה

וועגן. און אין משך פון אַכט טעג, צעטומלט, אין צאַפּל פון געוויין וועסטו ברוגז ווערן און וועסט נישט וועלן פאַרשטיין גאָרנישט פון די זאַכן פון דער וועלט.

די מאַמע פלעגט משוגע ווערן ווײַל עס איז געווען אַ ווייטיק אָן הפסקות. איך פלעג זיך איבערוועקן בײַנאַכט און וויינען. אָבער זי האָט געטראָפן וועלכע עס איז די גרויסע רפואה: מיר ווײַזן גלענצנדע ספּעקטאַקלען. אַ מוטערס האַרץ איז ווי אַ שווער וויסנשאַפטלעך בוך; אַ דיקער בוך פון פשוטער מעדיצין און נאַטוראַליזם. זי פלעגט זיך זאָגן: איך וועל אים ווײַזן אַז דאָס לעבן איז שיין וועט ער זיך דערוויסן אַ עס זענען פאַראַן אַנדערע גליקן וואָס זענען אַזוי געשמאַק ווי דער מוטערס ברוסט. זײַן צער וועט זיך מילדערן, זײַן ווייטיק וועט זיך שטילן און איך וועל באַלד דערזען דרײַ קליינינקע גליקן אין זײַנע אויגן, אין זײַן פלייש און אין זײַן האַרץ. קליינינקער גליק פון זײַנע אויגן! אין אַ געווויסן טאָג האָט ער געקויפט בילדלעך פון סאָלדאַטן. ער האָט זיי אויסגעלייגט פאַר מיר און מן הסתם איז געווען צווישן זיי אָפיצירן און אינפאַנטעריע־סאָלדאַטן, רויטע און בלויע און דראַגונערס מיט הויכע, הויכע שטיוול. זי פלעגט מיר זאָגן: „זעסט"? די וועלט איז באַוווינט פון שיינע מיליטערלייט, עס איז וווּנדערלעך. זיי זענען באַדעקט מיט גאָלד און זענען שיין ווי די פּרעכטיקע פייגל מיט טויזנט קאָלירן, און זיי מאַרשירן. איך האָב נישט פאַרשטאַנען. אָבער די מיליטערישע אוניפאָרמס זענען צוגעננגלעך צו די קינדערשע מוחות. און זיי פלעגן מיר געפעלן ווײַל זיי זענען געווען פריילעכע און בלישטשענדיקע. איך פלעג פאַרגעסן, ווי עס פאַרגעסט דער אומטרייסטבאַרער געליבטער אין מיטן פון רעש, דאָס געשטאַלט פון יענער וואָס האָט אים פאַרלאָזן.

אַזוי האָב איך זיך צוגעוווינט צו לעבן פון זופּן. קליינינקער גליק אין זײַן פלייש, האָט מײַן מוטער געטראַכט. איבערהויפּט פלעג איך שטאַרק ליב האָבן די זופּ מיט ברעקלעך אין וועל־

בער דאָס ברויט ווערט אַזוי צאַרט, פליסיק און גליטשיק. אַזוי אַרום האָב איך דערקענט די שפּײַזן און זייער גיך האָב איך געפונען אין זיי אַ גרויס זיסקייט.

עס איז געווען בײַם אָנהויב פון אַ נײַעם פּעריאָד פון מײַן עקזיסטענץ: מען האָט מיך געלערנט אָנרופן די קעגנשטאַנדן בײַ זייערע נעמען אין דער זעלבער צייט וואָס מען האָט מיך געלערנט גיין. קינדישער וואָקאַבולאַר! ווערטער פון נישט גע־ניטע מיילעכלעך! זיי האָבן אפילו נישט קיין מענטשלעכע פאָרם. זיי קומען אַרויס אַזוי מחיהדיק, פּלוצלינג! דאָס קינד דריקט זיך אויס אין זײַן לשון, דאָס מיינט אַרויסזאָגן פּשוט די ווערטער אַזוי ווי זיי ווערן בײַ אים געבוירן. עס זענען געווען זאַכן וואָס איך פלעג אָנרופן: „בו", אַנדערע פלעג איך רופן „באַ". און עס זענען געווען אַנדערע וועלכע איך פלעג אָנרופן „פּום". איך בין שוין געווען אינגאַנצן רואיק. די גוטע זופּ מיט ברעקלעך ברויט האָט געמאַכט מײַן פלייש, און וועלכן עס האָט געוווינט מײַן האַרץ, שטײַפער. קליינינקער גליק אין זײַן האַרץ, פלעגט טראַכטן די מוטער. מײַנע שטראַלנדיקע אויגן האָבן עס גאַנץ קלאָר אָנגעדײַטעט, און מײַנע הענט וואָס האָבן אַלעס באַרירט. פון דעם פלעגט מען דרינגען אַז מײַן וואַכע אינטע־ליגענץ ווערט פאַרפולט מיט וויסן. אַ, מען באַדאַרף נישט קיין סך צײַט צו טרייסטן אַ קינד! און דער בעסטער אופן איז אים באַקענען אינטימער מיט דער וועלט. די וועלט, באַבלומט ווי אַ גאָרטן, איז פול מיט געוויקסן און חוץ דעם באַוווינען זי חיות וואָס זענען פּשוטע און גוטע. די קינדער האָבן ליב די חיות. איך וועל אײַך זאָגן פאַרוואָס: די חיות האָבן אַ מוח וואָס ווייסט גאָרנישט און איז נאַיוו, דאָס הייסט, אַ מוח וואָס איז ענלעך צו דעם פון די קינדער. דערפאַר האָבן זיי די קינדער ליב.

אָט האָט איר דאָס אייזל מיט די גרויסע און באַוועגלעכע אויערן; אָט איז דער אָקס און די קו וואָס זענען אַזעלכע רו־איקע און נישט קריגעריש, אַז מען וואָלט געזאָגט אַז דער

אָקס איז דער מאַן און די קו איז די ווײַב; אַט זענען די גוטינ־קע שאָף באַדעקט מיט וואָל; אַט זענען די הינער וואָס זענען אַביסעלע משוגענע. אָבער, העכער פון אַלע שטייען די קעלבע־לעך, וועלכע מען האָט ליב ווײַל זיי זענען קינדער. מען האָט מיך אויסגעלערנט זיי צו דערקענען. ווען מען קאָן נאָכמאַכן די חיות, קאָן מען זיי אַ סך בעסער.

— ווי מאַכט עס דאָס הייזעלע?

— הי, האָן...

— און דאָס קעלבעלע?

— מעו, עו, עו...

— און די הין?

— קאַ־קאַ־קאַ...

און ווײַל איך האָב די קעגנשטאַנדן באַטאַפּט און געזען, האָב איך זיי דערקענט. איך פלעג שוין עסן געדיכטע שפּײַזן. איך האָב שוין געקענט די סאָלדאַטן. איך פלעג נאָכמאַכן די חיות. איך האָב באַנעמען פאַרשידענע זאַכן אין לעבן. איך בין אַלט געוועזן צוועלף חדשים און בין געווען אַ שטאַרקער. אַזוי אַרום אַז די זאַכן אַרום מיר פלעגן מיך אָנרעגן, האָב איך געמוזט גיין. איך האָב פריער געמאַכט אַ סך פּרוּוון אָבער עס האָט גע־פעלט דער ווילן און דאָס וועלן אָן וועלכע מען קאָן גאָרנישט באַקומען.

עס איז געשען אין אַ פרימאָרגן, אין מײַן פאָטערס קראָם, בשעת די מוטער האָט געשיילט קאַרטאָפל. מען האָט מיך אוועקגעזעצט אויף דער ערד און איך האָב געקוקט אַרום מיר. די הויט פון די קאַרטאָפל האָבן זיך ספּיראַלנאַרטיק געדרייט אַרום מעסער און האָבן פאַרגעלעגט אַ צוציענדעס ספּעקטאַקל. און איך בין שוין אויף די פיסלעך, שפּרײַזנדיק צו דער קאַר־טאָפל־שאָלעכץ, ווײַל זיי האָבן פאַרגעשטעלט עפּעס פון לעבן וואָס האָט מיך אָנגערעגט און ווײַל איך בין געווען אַ מענטש

וואָס האָט געוואָלט קומען אין באַזיץ פון די זאַכן וואָס כ'האָב געוואָלט האָבן.

מײַנע הערן און דאַמען: איר ווייסט עס נישט, מײַן קינדעלע גייט שוין אַליין! דאָס האָט זיך אים פאַרוואָלט יענע וואָך בשעת איך האָב געשיילט קאַרטאָפל. ער זיצט; הויבט ער זיך אויף און קומט צו צו מיר. איך האָב געמיינט אַז מײַן האַרץ איז פון זון געמאַכט. אַזוי גרויס איז געווען מײַן גליק. מײַנע דאַמען און הערן, מײַן קינדעלע איז אַ מאַן, און דאָס מאַכט מיך שטאָלץ. זעט, איך האָב געאַרבעט אַ לאַנגע צײַט, און איך האָב גוט געטאָן. איך האָב געאַרבעט טאָג און נאַכט, בײַטאָג פלעג איך נעמען זײַן נשמה אין מײַנע הענט און זי מאָדעלירן און בײַנאַכט פלעג איך אים טרייסטן אויב עפּעס שוואַרצעס האָט אים געמאַכט וויינען. מײַנע דאַמען און הערן, איצט גייט ער אַליין. ער שטעלט זיך אויף זײַנע פיס, באַוועגט זיך און גייט. ער גייט צו צו אַלעם וואָס רינגלט אים אַרום. ער גייט אַרום איבער דער וועלט אָן ערנסטער. עס פאַלט מיר אײַן אַז אַזוי מוזן אַרומגיין די אויסדערוועלטע ווען זיי קומען אָן אין גן־עדן, ווען שפּאַצירנדיק אין די גערטנער, קוקן זיי און באַרירן די בלומען, פאַר דעם געטלעכן פאַרגעניגן צו פילן אַז זיי עקזיסטירן אין אַ לויטערן פלאַץ ווו עס איז אַ יום־טוב פון בשמים.

צווייטער קאַפּיטל

איך האָב ניט באַוויזן צו רעדן פֿון דיר, מײַן גוטע מוטער. מיר דאַכט, אַז דאָס זעט מען גלײַך. איך האָב גערעדט פֿון די געוועלעכע מוטערס וואָס זענען וווּנדערבאַרע פֿרויען מיט הענט וואָס זענען געמאַכט אַרומצוגיין מיט וויקעלעך, אָבער איך האָב נישט באַוויזן צו רעדן פֿון דיר, מײַן גוטע מוטער מיט דײַן ווײַסער קופּקע, וואָס האָסט געלעבט נעבן מיר ווי נעבן עפּעס זייער וויכטיקעס. עס איז נישטאָ גענוג גליק אין מײַנע פּראָזן, עס איז נישטאָ גענוג פּיעטעט אין מײַנע געפֿילן. איז דען פֿאַראַן גענוג גוטסקייט צו באַפֿרידיקן דײַן האַרץ? אָ, מוטער, איך וואָלט דאָ געוואָלט אַוועקשטעלן אַזעלכע ווײַסע ווערטער ווי

דײַן קופּקע, אַזעלכע רײנע געדאַנקען ווי דײַן שטערן, עמאַציעס אַזעלכע פּשוטע ווי דײַן בלוזע. און דאָס בילד פון אַ לעבן פון אַרבעט וואָס זאָל מאַכן אַז מען זאָל טראַכטן אין דײַן בלויען פאַרטוך! איך וואָלט איבערהויפּט געוואָלט אַז עס זאָל דאָ זײַן אַ אומענדלעכע ליבע פאַר דיר. אַזויפיל אַז אַלע זאָלן זאָגן:

— זײַן מוטער איז געווען אַזאַ גוטע אַז ער האָט זי ליב געהאַט מער ווי אַלעס אין דער וועלט.

— איך וואָלט געוואָלט אַז איטלעכער זאָל דאָס זאָגן. אָבער איך וואָלט אויך געוואָלט אַז דו זאָלסט טראַכטן:

— מײַן זון איז אַ גוטער זון וואָס האָט מיך ליב און וואָס רעדט פון מיר.

און דאָס בוך, מאַמע, שרײַב איך כדי דײַנע הענט זאָלן דאָס באַרירן, כדי דײַנע אויגן זאָלן דאָס לייענען און כדי עס זאָל זײַן דאַנקבאַר פאַר דײַן האַרץ.

ווען איך בין אַלט געווען צוויי יאָר, מאַמע, ביזטו געווען אַזוי שטאַרק ווי אַ געטלעכער כח, ביזטו געווען שיין מיט אַלע מינים נאַטירלעכע שיינקייטן, ביזט געווען זיס און קלאָר ווי דאָס לויפנדע וואַסער. ביזט געווען פאַר מיר די פולקאָמסטע פאַרשטעלונג פון דער וועלט. איך זע דיך און פיל דיך. דו ביזט ענלעך צו דער גרינגער און שטילער ערד פון אונדזער שטעטל, וואָס דערוויַיטערט זיך אין טאָלן און בערגלעך, אין פעלדער און אין לאָנקעס. דו נעמסט דײַן קינד אין די הענט, גלעטסט אים מיט ווײלטעטיקע הענט און דאָס איז אַזוי גוט ווי ווען אַ מאַן לייגט זיך אָפּרוען אין אַ זומערדיקן זונטיק נאָכמיטיק אונטער דעם שטן פון אַ בוים. עס איז מיר אוממעגלעך זיך פאַרצושטעלן די וועלט אָן דיר. דו ביזט דער הימל וואָס צעשפּרייט זיך איבער אונדז, בלויער ברודער פון פלאַכפעלד. דו רינגלסט אַרום מײַן האַרץ מיט אַ ליבע אויך אַ בלויע און וואָס דערגרייכט ווײַטער פון האָריזאָנט. איך דענק אַז דאָס לעבן וואָס שטעלט נעבן אונדז אַוועק אַ געטרײַע מוטער איז גליקלעך און גרינג. אַן אויפמערק-

זאַמע מוטער, וואָס קוקט אויף אונדז, אַ צאַרטע מוטער וואָס שמייכלט צו אונדז, אַ שטאַרקע מוטער וואָס פירט אונדז בײַ דער האַנט. איך האָב געטראַכט אין נאָך אַ סך זאַכן וועלכע איך געדענק שוין נישט. דו ביזט איבערהויפּט, מאַמע, אַ ברייטער, רואיקער טײַך וואָס שפּאַצירט זיך צווישן צוויי מיט גראָז באַוואַקסענע ברעגן אונטער רואיקע הימלען. איך בין געווען אַ נײַ שיפל וואָס לאָזט זיך אויפן שיינעם טײַך און וואָס שיינט אים צו זאָגן: פיר מיך וווּהין דו ווילסט, שיינער טײַך. איך האָב מײַן לעבן אָנפאַרטרויט דײַן לעבן ווײַל איך ווייס אַז דו קענסט שיינע לענדער ווּ מען לעבט גליקלעך. און אַזוי בין איך מיר געגאַנגען, קוקנדיק אויף דער וועלט, פאַרבײַגייענדיק, ווײַל די וועלט האָט זיך געשפּיגלט אין דײַן ברוסט.

מוטער, איך באַטראַכט דיך מיט אויפמערקזאַמקייט. מײַנע אויגן עפענען זיך ווי די טירן פון אַ שפּײַכלער, ווי מען זאָגט אויף אונדזער ערד. זיי עפענען זיך כדי דורכצולאָזן דײַן געשטאַלט, ווי דעם וואָגן מיט היי וואָס וועט שפּײַזן די גוטע בהמות פון דער שטאַל. דו גייסט אַרײַן אין מיר, מיט דײַן פּנים, דײַנע קליידער און דײַנע זשעסטן און דו באַזעצטסט זיך אויף אייביק, און ביזט בײַ דיר אינדערהיים, אין אַ שטוב וואָס דו טוסט אויפראַמען. מען באַמערקט דאָרטן די ווײַסע קופּקע וואָס פּאַסט דיר אַזוי ווי אַ שינדלדאַך פּאַסט דער באַשיידענער שטוב פון אַ גוטן מענטשן. מען זעט דײַן שוואַרצע בלוזע ווּ עס שטעקן די נאָדלען, דײַן בלויער פאַרטוך פון אַרבעט און פּשטות. מען זעט אויך דײַן קליידל וואָס האָט דעם קאָליר פון די שטוב-זאַכן און וואָס האָט נישט מורא פאַרן שטויב. אַזוי איז עס, מוטער; און איך פאַרשטיי אַז דו פּוצסט זיך נישט ווײַל דאָס לעבן פון די פרויען באַשטייט פון אויפגאַבעס, און נישט פון שיינע קליידער. איך פאַרשטיי, דאָס הייסט, איך זאַמל צונויף די עלעמענטן וואָס העלפן מיר הײַנט פאַרשטייען. און איך זאָג מיר נאָכאַמאָל

אַז דאָס קלייד וואָס דו טראָגסט איז דער אונפאָרם פון די מו־טערס.

מוטער! דו גייסט אַרום צווישן די זאַכן. איך זע ווי דו מאַכסט אָרדענונג צווישן זיי, ווי דו רייניקסט זיי, און דאָס מעבל וואָס דו היטסט אָפּ. איך פאַרשטיי ניט גוט וואָס דאָס באַ־דייט, אָבער איך פאַרשטיי אַז דאָס איז אַ וויכטיקע און שווערע אַרבעט. צורעכטמאַכן, שטוב־אַרבעט, פשוטע אויפגאַבעס פון אונדזערע מוטערס וואָס האַלטן אָן פון פרימאָרגן ביז נאַכט. שטוב־אַרבעט וואָס הויבט זיך אָן בײַם קאַמין, דאָס מעבל און וואָס באַגלייט מײַן מוטער ווי עס באַגלייט אונדז אַ גוטע מידה. זי אָרדנט אײַן מיט קלאָרער האַרמאָניע די בענקלעך, דעם טיש, די בעטן, דעם שיפלאָד, פשוטע זאַכן; אָבער די האַרמאָניע איז אַזוי שיין אַז עס איז אוממעגלעך צו באַגרייפן אַן אַנדערע. נישט אמת אַז אַזוי דאַרף זײַן אויסגעשטעלט אונדזער מעבל און אַז אַ קלייניקייט וואָלט געקאָנט שטערן זייער האַרמאָניע פונקט ווי עס וואָלט געקאָנט שטערן די האַרמאָניע פון דעם אוניווערז? עס איז פאַראַן אַן אַלמעכטיקער גאָט פאַר דער וועלט און דו מוטער ביזט דער גוטער גאָט פאַר דער שטוב.

אָבער איבערהויפט, מוטער, ביזטו מײַן פעסטונג. דו שטעלסט זיך אַוועק אויפן בערגל, פרעכטיק אויסגעצויגן און רואיק און דײַן קינד האָט פאַר גאָרנישט מורא ווען עס לאָזט זיך אַראָפּ אין טאָל. דאָך ביזטו נישט קיין פעסטונג מיט געדיכ־טע מויערן און קאָמפּליצירטע פאַר דער פאַרטיידיקונג, ניין. דו האָסט נישט יענעם דראָענדיקן אויסזען פון די פעסטונגען פול מיט קאַנאָנען, אָבער דו שטייסט אויפן בערגל, פעסט און ערנסט און זיכער ווי אַ קריגער. מען זעט דיך דאָרטן און מען זאָגט זיך: „דאָרטן אויבן שטייט די וואָס באַהערשט דאָס פעלד און פאַרטיידיקט איר קליינינקן קעגן די פאַרדאָרבענע". איך גע־דענק נאָך, אַז אין אונדזער קירכע איז פאַראַן אַ גרויסער סעינט זשאָרזש מיט זײַן שווערד לעבן אַ קליינער קאַטעדראַל. מיר

דאכט אז דו האלטסט אין דיינע הענט די שטארקע שווערד פון דעם גרויסן הייליקן. און איך בין די קלייניקע קאטעדראל און איך לאז אין געזאנג די קינדער „גאט פון מיין הארצן”: דאס שלעכטע קאן נישט קומען ווען עס וואכט דער גרויסער סעינט זשארזש.

איך בין אלט געווען צוויי מיט א האלבן יאר, מוטער. עס איז איבערהויפט די לוטערע עלטער אין וועלכער די קינדער שפאצירן זיך דורכן לעבן פול מיט ליכט. זיי האבן שיינע באגערן וואס פירן זיי א ווי ארטיפיציעל פייער דורכן פלאכפעלד. זיי לויפן נאך די מענטשן און די וועגענער נישט ווייסנדיק פארוואס, און זיי שמועלן זיך קאפריזנע אפ, נישט ווייל זיי זענען מיד, נאר פשוט ווייל מען דארף ערגעץ בלייבן שטיין. זעסטו, מוטער? זיי זענען ווילדע, קלייניקע ווילדע, זייער ווילדע, וואס שטעלן זיך אפ, ווי די נארישע פייערן אנטקעגן די צלמים, כדי זיך צו צלמען ביי גאטס פיס. וואס לויפן צו זייער מוטער און ווען זיי באהאלטן דעם קאפ אין די פאלדן פון איר קליידל פארמאכן זיי די אויגן און פילן זיך באדעקט מיט צערטלעכקייט. א קינד פון צוויי מיט א האלבן יאר איז געמאכט פון באוועגונג, געלעכטער און ליבע.

עס שטייט אויף זיבן אינדערפרי. עס ווייזט אויס ווי עס וואלט געקומען פון זייער ווייט, און דאס מאכט דענקען אז די נאכט איז אן אלטיטשקע וואס שלינגט איין די קינדער יעדע נאכט. אבער ווען זייער באוועגלעכע נשמה קומט צוריק צום לעבן, הארמאניזירט עס באלד מיט דער פאריונגערטער זון. עס ווייסט נישט אז מען קען לעבן זייער שיינע מאמענטן, זיצנדיק אדער ליגנדיק בתנאי מען זאל אין עפעס טראכטן. פאר אים באשטייט דאס לעבן אין באוועגן די פיס און די הענט אין שטוב, אין גאס אדער אין פעלד. דאס זעלבע מיינען די חיות און זיי האבן נישט אינגאנצן קיין טעות, ווייל גאט האט אונדז געבראכט אויף דער וועלט כדי מיר זאלן באנוצן ווי ווייט מעג-

לעך אונדזער קערפּער. דאָס קינד וויל זיך אויפהויבן געשווינד כדי נישט צו פאַרלירן קיין צײַט. מאַמע, דו דאַרפסט זיך אײַלן; דײַן קינד, זיצנדיק אין בעט, איז נישט זייער געדולדיק. דו האָסט נאָך נישט באַמערקט אַז די קינדער זײַנען עגאָאיסטן און נעמען צו זייערע מוטערס פון די וויכטיקע אויפגאַבעס פון דער שטוב.

ער איז אויפגעשטאַנען: קוק אים אָן. זײַן לאַנג העמד איז דעקאָראַטיוו ווי אַ גריכישע טוניק, אָבער ער מאַכט פון דעם קיין וועזן. ער שפּרינגט פון בעט און גייט אַרום באָרוועס אויף דער ערד, מיטרײַסנדיק דעם שלעפּ פון זײַן העמד: „קלייניקער משוגענער, דו וועסט זיך פאַרקילן". זײַן מוטער לויפט אים נאָך, נעמט אים פאַר דער האַנט, שלעפּט אים, זעצט אים אַוועק אויף איר קני און דאָס קינד באַוועגט זיך ווײַטער. די וואָס גלויבן אין די נויטווענדיקייטן, ציען אַרויף, מיט גרויס ערנסטקייט זייערע זאָקן, ווײַל זיי ווייסן, אַז אום צו לעבן מוז מען טראָגן זאָקן. אָבער דעם קינד זענען נאָר באַקאַנט די באַוועגונגען נאָך וועלכע ער לאָקט און בשעת זײַן מוטער ציט אים אַרויף די זאָקן באַוועגט ער די פיס מיט אומגעדולד. דאָס מיינט: „זעסט נישט אַז דערקוטשעסט מיר; איך האָב הענט און פיס, זיי זענען שוין פעסט: מײַן באַגער רופט מיך, און די רגע וואָס דו מאַכסט מיר פאַרלירן מיט די זאָקן וואָלט געווען אַ שיינע רגע פון מײַן לעבן". די שפּילערייען פון די קינדער פון צוויי מיט אַ האַלבן יאָר, אין דער גוטסקייט פון פרימאַרגן, גלאַנצן צו דער זון. ווען דאָס קינד איז אַ רואיקס באַשטייען זיי פון זאַמד־ראַמען, און פון שפּאַצירן און געלויף, ווען עס איז אַ באַוועגלעכעס. זײַן באַוועגונג באַשטייט פון נישט דרײַסטע זשעסטן וואָס מישן זיך אויס און פאַרדרייען זיך מיט די געפילן פון אַ נישט ענטשלאָסענער נשמה, אָבער עס איז פול מיט לעבן ווי די באַגערן פון אַ נשמה אין פּראַצעס פון געבוירן. זאַמדענע ריימעלעך און קלייניקע הערעלעך! דאָס איז אַן ערנסטע אָפּעראַציע צו וועלכער מען דאַרף זיך אַוועקזעצן און וואָס האָט אין זיך אַבּיסעלע שיינקייט:

אַן עסטעטיק פון פלעצעלעך. שפּאַצירן אין געלויף: דאָס איז אַ באַשעפטיקונג פול מיט גלאָריע ווי די פון אַ קריגער וואָס גייט מלחמה האַלטן, וואָס רייצט אים, גיט אים אַ שטאָלצן אויסזען, ווײַל ער איז אַ שיינער מאַן וואָס באַנוצט זײַן קערפּער. די דאָזיקע ספּעקטאַקלען לאָזן איבער אַ גרויסע לויטערקייט אין האַרץ און ווען די מוטער דערמאָנט זיך אין זיי זאָגט זי זיך, אַז עס איז דעמאָלט געווען אַ וווּנדערבאַר וועטער. די מוטערס זענען גערעכט ווײַל פון דעם אַלעם בלײַבט איבער איין איינציקער געפיל פון זון, אומשולד און גוטסקייט.

דערנאָך דאַרף מען עסן די זופּ. די זופּ איז אויך אַ צוטשעפּעניש. תמיד קומט זי זוכן די קינדער אין די מאָמענטן פון די פריילעכסטע שפּילערייען כדי זיי צו דערמאָנען אַז עס זענען פאַראַן אַקטן וואָס זענען אַ נויטווענדיקייט. זיי פאַרשטייען: פּונקט ווען זיי זענען אין פולן ענטוזיאַזם דאַרף מען אַראָפּנידערן צו דער וווּלגאַריטעט פון דער טעגלעכער זופּ. אין אַ געוויסן טאָג, ווען פּאַסטעור איז געווען פאַרטיפט אין אַ כעמישן עקספּערימענט האָט מען אים דערמאָנט אַז ער האָט צוגעזאָגט חתונה צו האָבן פּונקט דעם טאָג. דער גוטער געלערנטער האָט געמוזט טראַכטן: אָט אַן אומאַנגענעמע זאַך. מען וואָלט קיינמאָל נישט געווען באַדאַרפט דערפינדן די חתונה". דאָס זעלביקע זאָגט צו זיך דאָס קינד: „צום טייוול מיט דער זופּ און מיט די וואָס האָבן באַשלאָסן אַז מען דאַרף זי עסן". אָבער דאָך נעמט מען זיך צו דער אַרבעט. די צעלאָזענע קינדער קאָנען אַליין ניט עסן די זופּ צו די צוויי אַ האַלב יאָר, און עפענען דאָס פּיסקל ווי די פייגעלעך כדי די מוטער זאָל זיי אַהין אַרײַנלעגן דאָס געדיכטע ביסל זופּ. אָבער די פאַרשײַטע קינדער ווייסן נישט פון בלײַבן רואיק ווי די מיושבדיקע פייגעלעך. אַלעם צעשטרייט זיי, זיי קוקן אין אַלע ריכטונגען און דער קאָפּ פאָלגט נאָך, אַן אויפהער, די אויגן. אַזוי אַרום אַז די מאַמע באַדאַרף זײַן זייער פאָרזיכטיק נישט צו גרייכן מיט דעם לעפעלע אין דער נאָז, אין

אויער אָדער אין די אויגן אנשטאט דאָס אַרײַנלעגן אין באַוועגלעכן מויל.

ער האָט נאָך נישט געענדיקט און ער אַנטלויפט שוין. אָ, זאָל ער נאָר ווײַט נישט אַוועקגיין מיט זײַן אָרעמער אומוויסנהייט פון אונדזער קאָמפּליצירטער וועלט! עס זענען פאַראַן געפערלעכע זאַכן: די וועגענער און די שטיינער: די וועגענער מיט די פאַרשאָלטענע רעדער און די שטיינער וואָס, ווי זיי וואָלטן געצויגן צו זיך און מען פאַלט. און דאָס מינדעסטע טײַכעלע איז אַ פּלאַץ פון טויט וואָס וואַרט אויף אַ קרבן. די גאַס ווי אַ שלעכט באַשעפעניש ברענגט שאָדן די קינדער. בלײַב בײַ דער טיר, נעבן מיר, חזרט איבער די מוטער. זי איז די היטערן. מוטער, איך האָב עס שוין געזאָגט, דו ביזט מײַן באַפּעסטיקטע שטאָט. איך האָב זיך אויך נישט געוואָלט דערווײַטערן איבער די פאַרשידענע שרעקן וואָס איך האָב געהאַט. בײַ די צוויי מיט אַ האַלבן יאָר האָב איך מורא געהאַט פאַר די קעץ. מען קאָן צו זיי נישט האָבן קיין צוטרוי. זיי זענען פול מיט אומדערוואַרטעטע באַוועגונגען און זייערע ציין און זייערע נעגל האָבן אין זיך אַ טייוולאָנישע בייזקייט. ווען עס פלעגט זיך דערנענטערן צו מיר אַ קאַץ פלעג איך לויפן צו מײַן מוטער, אָן איר צו זאַגן די סיבה, ווײַל מיר האָבן דאָך אונדזער שטאָלץ, און זיך באַהאַלטן אין די גוטע פאַלדן פון איר קלייד, האָב איך געפילט ווי אַ האַנט שפּרייט זיך אויס אויף מײַן קאָפּ און פאַרטרײַבט די געפאַרן. איך בין אויך נישט געווען זייער רואיק ווען עס פלעגן פאַרבײַגיין די בעטלער מיט זייערע גרויסע זעק אין וועלכע עס קאָנען זייער גוט אַרײַן די קינדער וואָס פאָלגן נישט.

ווייסט דען עמיצער די כונות וואָס יעדער מענטש קאָן טראָגן אין זיך? פּנימער אַרומגערינגלט מיט געדיכטע בערד. אימיצער פון זיי האָט מיך געקאָנט פּאַקן און מיך אַוועקפירן ווער ווייסט וווּהין. צומאָל פלעג די מאַמע זיי זאָגן: „נעמט אים

מיט אײַך, איר וועט מיר טאָן אַ טובה, אָבער איך פאַרזיכער אײַך אַז איר מאַכט זייער אַ שלעכט געשעפט". איך פלעג לאַכן מיט אַ האַלב מויל, ווי מען זאָגט, כדי איר נאָכצוטאָן, איך האָב אָבער געכאַפּט אַ האַלבן ציטער ווײַל מען קאָן קיינמאָל ניט וויסן וואָס עס קאָן פאָרקומען.

תמיד האָב איך געהאַט אַ גרויסע פאַנטאַזיע און איך בין קיינמאָל נישט געווען געוואַגט. אונדזער פאָרשטעלונגס-כח ווײַזט אונדז אַ וועלט באַפּוצט מיט הימלען, פרויען און ווײַ־טיקן וואָס מאַכן אונדז פילן דעם טויט, ווי אַ שוואַרצע הייל אָן פרויען און פול מיט פאַרגעסן. מען צווייפלט איידער מען לאָזט זיך אין וועג. נישט די זענען געווען מײַנע מחשבות ווען איך בין געווען אַ קינד, אָבער דאָך פלעג איך טראַכטן אין פּײַניקונ־גען פון אָפּגעשניטענע אויערן און נעזער, פון אויסגעליידיקטע אויגן און אַרויסגעריסענע צונגען. איך האָב געטראַכט פון זײַן פאַרשפּאַרט אין שאַפּעס אָדער אין זעק, און אין בלוטדורשטיקע חיות וואָס בײַסן אונדז אין משך פון יאָרן און יאָרן. איך פלעג זיך זאָגן: „זיי נישט אַזוי פאַרטרויט, די געשעענישן לויערן אויף אונדז און עפּעס קאָן קומען, דיך נעמען פאַר דער האַנט און דיך אַוועקפירן ערגעץ אויף זייער אַ שלעכט אָרט. דער־ווײַטער זיך נישט צופיל פון דײַן מוטער וואָס וועט דיך וויסן ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן".

ווען עס פלעגט ווערן צוועלף אַזייגער, די שעה פון אַפּע־טיט, פלעג איך נישט לאָזן מען זאָל מיך רופן צוויי מאָל עסן. די גלענצנדיקע פרימאָרגנדיקע גימנאַסטיק אויף וועלכער עס גייט דורך די פרישע לופט פון די דערפער, פולן אָן דעם קער־פּער מיט געזונט. איצט בין איך הונגעריק. בײַ אונדז איז נישטאָ קיין הויך בענקעלע פאַר קינדער, און אַוועקגעזעצט אויף אַ גע־וועלנלעך בענקל דערגרייכט מיר דער טיש צו מײַן בערדל. וואָס קימערט עס? עס האַנדלט זיך פון עסן און נישט פון זײַן באַ־

קוועם. חוץ דעם לוינט זיך עס זאָל עפּעס פעלן אין שטוב אויב דאָס דאָזיקע פעלן לערנט אונדז אויס אויסקומען אָן אַ באַקוועמ־לעכקייט. מײַן פאָטער פלעגט מיר זאָגן: „זע, ער ווײַזט אויס אַ זשאַבעלע וואָס שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון וואַסער". גע־דולד, די קליינינקע זשאַבע האָט אַפּעטיט און מען דאַרף זען ווי דאָס מאַכט פריילעך די מאַמען. זי גיט מיר דאָס עסן אין מויל און די לעפל גייען איינער נאָך דעם אַנדערן אָן אויפהער. ווען זי טוט דאָס טראַכט זי: „וואָס פאַר אַ גליק, אַזוי וועט ער האָבן כח צו לויפן און שפּילן נאָכמיטיק". און זי מונטערט מיך: „עס, קליינינקער און דו וועסט וואַקסן".

אָבער נאָכן עסן פיל איך זיך שווער. דעמאָלט זעט מען ערשט ווי קליין עס איז די ענערגיע פון קינד. דאָ נישט לאַנג האָבן מיר געהאַט פאַר אונדז אַ לעבעדיק יינגעלע וואָס פלעג אודנז שלעפּן בײַ די פיס כדי מיר זאָלן זיך אַרײַנמישן אין זײַנע שפּילערייען. קוקט אים אָן איצט ווי ער ווערט אַנטשלאָפן אויף דער מוטערס קני, פאַרמאַטערט און אײַנגעקאָרטשעט. די מאַמע צעשפּרייט אירע פליגל מיך צוצודעקן און צעעפנט איר האַרץ מיט רחמנות. זי האָט מיך מער ליב ווייסנדיק אַז איך בין שוואַך און שטילערהייט טראָגט זי מיך אין בעט. איר ציטערנדיקע נשמה שמייכלט צו מיר און באַשיצט מיך.

איך שטיי אויף 3 אַזייגער. דער נאָכמיטיק שפּרייט זיך אויס אונטערן רואיקן הימל און די שעהן קומען איינע נאָך דער אַנ־דערער, די זעלביקע און גליטשנדיקע ווי מענטשן שיינע און באַ־גילדעטע. מען זעט זיי דורכגיין אין גאַס, זיך זעצן און זיך דער־ווײַטערן אין שטן. אַלעס איז מילד און איך וועל זיך ווײַטער שפּילן. מײַן פאָטער מאַכט הילצערנע שטעק־שיך און זײַן גע־רויש דערמוטיקט אונדז. די מאַמע נייט זיצנדיק אויף דער שוועל, אַ פלייסיקע און אַ גוטע. איך שטיי נעבן איר מיט מײַנע צוויי פיסעלעך וואָס גייען און מיט צוויי גרויסע אויגן וואָס קוקן. די

נאָכמיטאָגן אין מײַן דאָרף זענען זייער לויטערע און זיי ווײַזן מיר דאָס לעבן מיט פשטות. עס גייען דורך די בהמות, די וועגענער און די מענטשן. די הונט וואַנדערן און לויפן פאַרבײַ די פיר עקן פון דער גאַס נישטערנדיק אין די קופעס מיסט גלײַך ווי זיי וואָלטן געווען מוניציפאַלע באַאַמטע. די דאָזיקע הינט באַאומרואיקן מיך אַביסל, אָבער איך טראַכט אַז אין גרונט זענען זיי רואיקע חיות וואָס דאָס איינציקע וואָס זיי ווילן איז עסן. די קי גייען מיט זייער גרויסן און סאָלידן שפאַן נישט טראַכטנדיק אין געפעלן אימיצן. די פערד וואָס מען פירט צום קוואַל האָבן פיר שפרינגענדיקע פיס. אָבער מער פון אַלעם געפעלן מיר די ראָזעווע חזירימלעך ווײַל מען וואָלט געזאָגט אַז זיי זענען געמאַכט פון שינקע.

עס גייען אויך דורך די וועגעלעך געצויגן פון אייזעלעך, אויף וועלכע עס זיצט אַ פרוי מיט אַ קליינינקער מיידעלע, און זעצן פאָר זייער וועג באַרג אַרויף אַזוי לאַנגזאַם אַז זיי מוזן זיך לאַגווײלן. די מאַמע האַלט אויף מיר אַן אויג און האָט מורא איך זאָל נישט לויפן אונטער די רעדער. אָבער עס פאָרן דורך וועגענער מיט פערד וואָס לויפן זייער שנעל און מען פאַרשטייט, לויט זייערע גלעקעלעך אַז עפעס זייער וויכטיקעס וועט געשען. דאַן האָט די מאַמע מורא און רופט מיך. קינדער, מען דאַרף נישט האָבן צוטרוי צו די שטאָלצע וועגענער ווײַל זיי קענען עמיצן שעדיקן, נאָר כדי צו באַווײַזן אַז זיי זענען עס אימשטאַנד.

און חוץ דעם האָב איך גוטע ברידער. מיט זײַן גרויסן פעלענעם פאַרטוך, זײַן צעקנייטשטן קאַפעליוש און זײַן אַרויסשטאַרצנדיקן גאָרגל וואָס ווײַזט אויס ווי אַ עפל וואָס איז געבליבן שטעקן אין האַלדז, דערשיינט לימוזען דער בעל־עגלה, וואָס ווען ער גייט הוידעט ער זיך און וויגט זיך. ער מאַכט מיך שטאַרק לאַכן ווען ער שטעלט זיך אַוועק און זאָגט מיר מיט זײַן פאַנפעוואַטע שטים „מען וואָלט געזאָגט אַז דו נודיעסט

זיך". ער איז ערנסט, טשודנע און טיף און ווײַזט אויס ווי „פּאַ־ליטשינעל" ווען ער זאָגט אַרויס אַ ריכטיקן זאַץ. איך זע אים גיין: זײַנע צעעפנטע הענט, פאַרנעמען די גאַס, זײַנע לאַנגע פיס זענען וואַטאָווע און זייערע ברייטע שפּאַנען זענען לאַנג־זאַמע.

אָט איז דער אַלטער בעל־הבית פון שפּײַז־קראָם, מיט די ברילן, מיט זײַן וואָגן באַדעקט מיט לייוונט און זײַן ווײַס הײַזל. ער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון אונטערן לייוונט און קוקט אויף מיר מיט אַזעלכע היימישע אויגן אַז איך רוף אים פעטער שאַרל. דאָס איז אַ פריילעכער און גוטינקער אַלטיטשקער וואָס פאַרקויפט בוימל און שאָקאָלאַד אין פעלד און וואָס פאַרט זייער לאַנגזאַם ווײַל ער וויל גאָרנישט. איך האָב אים ליב ווי מען דאַרף ליב האָבן די וואָס האַלטן אויף אַ פריילעכע שטימונג פאַר די קינדער.

אָבער דער בעסטער פון אַלע איז דער קאָוואַל. ער איז אַזאַ גוטער ווי אַ זיידע. ער איז מײַן אַלטער און זײַן ווײַב איז מײַן אַלטע; ער מיט זײַן גרויסער ווײַסער באָרד און זי מיט אַ קופּקע אויף איר לאַכנדיקן קאָפּ. זיי האָבן אַ שוואַרצע שטוב און אַ שטילע קוזניע ווי דער נאָכמיטאָג בלײַבט שטיין און פאַרברענגט ווי אַ מענטש וואָס וואָלט געשלאָגן מיטן האַמער אויפן אײַזן. וויפיל שעה האָב איך פאַרבראַכט נעבן אים! מײַן אַלטער דער־ציילט מיר צוויי אָדער דרײַ פריילעכע זאַכן וואָס ער קען. פריער לערנט ער מיך אויס שפּאָטן פון מיר אַליין. פון זיי דערלערן איך אַז עס איז גוט צו לעבן און זיך אָפּהיטן. ער פּראָוואָצירט מיך ווען איך עס און זאָגט מיר: „דײַן בויך איז אַ געבענטש־טער", אָדער „האָסט שוין געענדיקט עסן דאָס צוקערל? דאַרפסט זיך אײַלן, איך האָב געזען אַ קאַץ זיך אַרומדרייען אַרום דער שטוב, און די קעץ זענען אַלע גנבים". עס איז נישט דערפאַר ווײַל איך גלויב אים באמת, נאָר מײַן געוווינהייט צו

די זיסקייטן און די מורא פאַר די קעץ שטופּן מיך צו דער מאַ־מען. די מאַמע באַרואיקט מיך: „אָבער ניין, קליינינקער, אָט בין איך דאָ מיט אַ שטעקן דיך צו פאַרטיידיקן און ווען די קאַץ וועט קומען וועל איך זי הרגענען". „יאָ מוטער". די גרויסע פאַר־ברעכנס זענען ווערט גרויסע שטראָפן, און איך ווייס נאָך נישט צי דאָס לעבן פון אַ קאַץ איז מער ווערט ווי אַ צוקערל. איך גיי צוריק צו מײַן אַלטן: „עס איז נישט אמת". קליינער פּאַראַטע־נער צוטרוי וואָס רירט מײַן אַלטן. דערפאַר נעמט ער מיך אויף די הענט און גיט מיר קלינגענדיקע קושן מיט זײַן מויל און מיט זײַן באָרד. און זײַן מויל איז ווייך און וואַרעם און זײַן באָרד איז פול מיט זיסקייט ווי די זאַכן וואָס האָבן געלעבט אַ לאַנגע צײַט. אַזוי באַגלייטן זיך די טעג מיט פרייד און דאָס גליק וווינט אין מײַנע עלטערנס שטוב. זיי זעצן זיך אַוועק, רוען זיך אָפּ און טראַכטן: אונדזער יינגעלע הויבט אָן זיך צו פונאַנדערקלייבן. ער גייט שוין גוט, רעדט, קאָן עטלעכע שפּילערייען און פאַר־שטייט די מעשהלעך. די וועלט גייט אין אים אַרײַן דורך די אויגן און דורך די אויערן. ער גייט אַרום אין גאַס פאַר אונדזער שטוב און ווי אַ הון וואָס פּיקעט די שטיינער, בלײַבט ער שטיין און זאַמלט באַגריפן וועגן די זאַכן. דאָס לעבן רינגלט אים אַרום ווען ער שפּאַצירט זיך. עס בלײַבט אונדז נאָר אים לאָזן וואַקסן. דאָס וואַסער, די זון און די ערד וועלן אים מאַכן בליען; דער־נאָך וועט ער געבן פרוכטן, ווײַל די מענטשן זענען ענלעך צו דיביימער און טראָגן אין זיך די פרוכטן וואָס גאָטס אַ באַשע־פעניש וועט קומען בײַ זיי נעמען צו אַסימילירן אַביסל פון זייער סובסטאַנץ.

גוטע עלטערן, מען דאַרף נישט פאַרקוקן. זעט וואָס עס איז געשען מיט דעם קליינעם אָגיוסט. אָגיוסט איז אַלט גע־ווען דרײַ יאָר און האָט געוווינט אַנטקעגן אונדז מיט זײַנע על־טערן און האָט געלעבט אַ דעליקאַט לעבן פון אַ קראַנק קינד.

ער האָט געהאַט אַ קראַנק האַרץ און דאָס האָט אים געמאַכט בלייך און גוט. ער איז אַ סך נישט אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס, נישט געלאָפן, נישט געשריגן און תמיד פלעגט מען אים זען נעבן זיין מוטער, מיט אַ מינע פון טרויער. עס וויל זיך תמיד קושן אָט די קראַנקע קינדער און אָגיוסטן מער ווי די אַנדערע, ווייל דער דאָקטאָר האָט געזאָגט אַז ער איז נישט געווען זייער קראַנק. זיינע עלטערן האָבן אים זאָרגפעליק אַרומגערינגלט מיט פאָרזיכטסמיטלען. אָבער די נאַטור לאַכט פון אונדז און גרייט אונדז צו איין געפאַר נאָך דער אַנדערער.

מיר זענען געווען פריינט. ער האָט אַריינגעלייגט מונטער-קייט אין זיינע מאַנירן און איך האָב אַריינגעלייגט מילדקייט אין מיינע. אַמאָל דאַרף מען שפּאַצירן; פלעג איך גיין לאַנגזאַם אים נישט צו פאַרמאַטערן, און ער פלעגט פאַרשנעלערן זיינע טריט כדי איך זאָל נישט פאַרלירן קיין צייט. מיר פלעגן כמעט נישט רעדן אָבער מיר זענען געווען גליקלעך וויסנדיק אַז מיר זענען צוזאַמען אַנטקעגן די געשעענישן פון לעבן.

אין אַ דערביייאיקן געסל איז געווען אַ הייל אין דער הייל איז געווען אַ קוואַל ווו די פרויען פלעגן צומאָל וואַשן אַביסל וועש. דורך אַ פּאָר שפּאַרעס פלעג אַריינדרינגען אַביסל ליכט און דאָס איז געווען גענוג.

איינמאָל זאָגט אָגיוסט:

— מיין מוטער איז אין דער הייל.

מיר האָבן זיך גענומען גיין אַהין. די הייל האָט אונדז גע-צויגן ווי אַ שיינער ספּעקטאַקל. אָגיוסטס מוטער: איך ווייס וועגן קינדער וואָס וואָלטן דיך געוואָלט זען. מיר זענען אַנגעקו-מען. די הייל איז אינגאַנצן פינצטער. מיר זענען ווייטער געגאַנ-גען. מיר האָבן נישט געוווסט אַז אין דער פינצטערניש דאַרף מען נישט גיין. מיר זענען צוויי קינדער. פּלוצלינג פאַלט אָגיוסט אַריין אין קוואַל. איך בין אים נאָכגעגאַנגען אָבער איך האָב

זיך באַצײַטנס אָנגעכאַפּט אין די ווענט. עס איז געווען אַן אַלטער קוואַל מיט ווענט פֿון ציגל מיט שפּאַרעס דאָרטן ווו ציגל זענען אַראָפּגעפֿאַלן. אויף די שפּאַרעס האָב איך געקאָנט שטעלן מײַנע פֿיס בשעת מײַנע עלנבויגנס האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אויף דער ערד. דאָס אַלעס איז געשען ווי אַ דונער. די האַלבע פֿינצטערניש, דאָס וואַסער, דאָס צעמישונג, די שוואַכקייט און די מורא האָבן זיך אויסגעצויגן אַרום מיר ווי שוואַרצע ווערזנס און האָבן מיר וויי געטאָן. איך האָב געשריגן. מײַן גאַנצע ענערגיע איז געווען אין מײַן שטים. איך האָב געשריגן כּדי אימיצער זאָל מיך הערן, אָבער אויך צו פֿאַרגעסן אַביסל. צווישן צוויי געשרייען האָב איך געהאַט צײַט צו טראַכטן, און עס איז געווען מוראדיק. אַז מען איז אַלט דרײַ יאָר ווייסט מען נישט ווי אַזוי די געפֿאַר זעט אויס. איך האָב געטראַכט: „אין קוואַל וווינט אַ בער. אָוגיוסט איז אַרײַנגעפֿאַלן און דער בער האָט אים אויפֿגעפֿרעסן. אַז איך זאָל אַרײַנפֿאַלן וואָלט ער מיך אויך אויפֿגעפֿרעסן”. איך האָב געפֿילט אונטער מיר עפּעס זייער שוואַרצעס וואָס איז געווען אַ נעסט פֿון פֿאַרברעכער אָדער פֿון בייזע חיות ווי עס האָט געהאַלטן אין פֿאָרקומען אַ דראַמע. דאָרטן איז געווען טויט, נאַכט, אָבער איבערהויפּט איז דאָרט געווען ליידן. עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט אַז מען ציט מיך בײַ די פֿיס אויסצומישן אין אַלעס וואָס דאָרטן קומט פֿאָר. דאַן האָב איך אָנגעהויבן שרייען אָן אויפֿהער אויף אַ רגע אפֿילו: מײַנע געשרייען זענען געווען מײַן איינציקעס געווער קעגן געפֿאַר און איך האָב דאָס גענוצט ביז צום צעברעכן עס. איך האָב געשריגן מיט אַלע כּוחות פֿון מײַן קערפּער, ווי עס קעמפֿט אַ מענטש אום נישט צו שטאַרבן, איך האָב געשריגן מיט די פֿיס, מיט די הענט, מיטן קאָפּ, מיט דער שטימע.

ענדלעך האָט מען דערהערט מײַנע געשרייען. עס איז געקומען צו לויפֿן מײַן מוטער, ווי עס קומען די מוטערס, אַרײַנ-

לייגנדיק אַזויפיל ענערגיע אין לויפן ווי איך האָב עס געטאָן אין שרייען. „וואָס קומט פאַר, גאַט מײַנער, וואָס קומט פאַר?״ עס איז פאָרגעקומען אַז איר יינגעלע איז אַרײַנגעפאַלן אין אַ קוואַל און האָט געהאַלטן בײַם שטאַרבן. ער איז דאָרטן געשטאַנען אַזוי שוואַך, צוגענעגלט צו די ווענט, איבער דעם טויט. עס איז אַ גרויסער אומגליק, גאָט מײַנער. זי הויבט מיך אויף, און נאָך ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער הויבט זי אָן שרייען. זי האָט נישט געהאַט קיין כוח אַרויסצוציען אָגיוסטן פון דעם וואַסער, שרײַט זי. די אָרעמע פרויען פון די דערפער, וואָס האָבן קיינמאָל גאָרנישט געזען בויגן זיך אונטער גאָטס האַנט און וואַרטן וויינענדיק אויף דעם סוף פון די אומגליקן. עס קומען זיך צונויף די שכנים. אָגיוסטס מוטער איז שוין דאָ. מען נעמט אים אַרויס. זי נעמט אים אויף די הענט, לויפט; זי איז משוגע. דער קליינינקער אָגיוסט און זײַן מוטער: מען לייגט אים אַוועק אינגאַנצן ווײַס אין זײַן געלעגער און די מוטער, וואָס ווייסט שוין נישט וואָס צו טאָן ווײַל איר קינד קאָן זיך נישט דערוועקן, בלײַבט שטיין.

דער דאָקטאָר האָט אים צום לעבן נישט צוריקגעבראַכט. גאָט איז אַ ליגנער. אָט זעט איר עס. ער האָט אויסגעבאַקן דעם קליינעם אָגיוסט מיט ווײַס פלייש און האָט אים געגעבן אַ קראַנק האַרץ כדי די מוטער זאָל אים איינגעבן רפואות. ווען ער האָט געטרונקען זײַנע סיראָפּן האָט די מוטער שוין פאַר גאָרנישט מורא געהאַט. און אַמאָל אין אַ טאָג ווען ער איז שוין כמעט אויסקורירט און מען האָט שוין אַ סך האָפענונגען, לייגט גאָט אַרײַן דעם טויט אין אַ קוואַל אויף צוציען דאָס קינד. די מוטער בלײַבט אַליין און וויינט דאָס גאַנצע לעבן, זאָגנדיק:

— איך האָב אים געגעבן די רפואות. ווען די טיר פון הייל וואָלט געווען פאַרמאַכט... גאָט מײַנער, גאָט מײַנער, ווען איך וואָלט געווען געוווּסט!...

דריטער קאַפּיטל

איך בין אַלט געוואָרן פינף יאָר און מײַן מוטער האָט מיך געשיקט אין שול. מײַן מאַמע איז אַן אַלוויסנדיקע און עקספּערימענטירטע פרוי, וואָס ווייסט אַז די קינדער דאַרפן גיין אין שול. די מענטשן האָבן לערעס וואָס מען דאַרף קענען, ווי דאָס לייענען, דאָס שרײַבן, דאָס זיך אויסלערנען לעבן אין דער געזעלשאַפט פון אַנדערע קינדער. דאָס אַלעס איז נויטווענדיק כדי צו באַקומען אַ מוח וואָס זאָל באַגרייפן און אַ האַרץ וואָס זאָל פאַרשטיין. מײַן מוטער קאָן אַלע די נויטווענדיקייטן. דאָס לעבן איז געבויט אויף קאָמערציעלער און אינדוסטריעלער אַרבעט וואָס נעמען די מענטשן און מאַכן אַז זיי זאָלן אָנטיילנעמען אין

זייער האַרמאָניע. מײַן מאמע גלויבט אין דעם זייער באַשיידן, מיט איר מוח פון אַ גוטער פרוי און שיקט מיך אין שול אָן קאָמענטאַרן, איך זאָל דאָרטן טאָן אַזאַ נויטווענדיקע זאַך ווי עסן אָדער טרינקען. איך בין אַלט פינף יאָר און פאַרברענג די טעג ווײַט פון איר. אָבער זי זאָגט צו זיך: „עס איז נויטווענדיק אַז מען זאָל אויפקלערן מײַן זון אין אַלע מענטשלעכע זאַכן”.

גיין אין שול! אַ קינד פון פינף יאָר וואַקלט זיך נאָך אויפן וועג אין שול. ער קאָן אומפאַלן ווײַל דער וועג איז אַ לאַנגער, אָדער בלאָנדזשען, ווײַל דאָרטן ווו דער פּאַרק ענדיקט זיך זענען פאַראַן פיר גאַסן און מען פאַרגעסט אַמאָל וועלכע איז די ריכטיקע. וואָס אָנבאַלאַנגט מיך באַגלייטן, האָט מײַן מוטער נישט קיין צײַט. דאַן פאַרטרויט זיך מיך פּעטערן, דעם קאָוואַלס זון, וואָס איז אַלט צוועלף יאָר און וואָס ווייסט ווי אַזוי מען דאַרף זיך אויפפירן אין גאַס.

גיין אין שול! דאָס איז זייער אַ פריילעכער שפּאַציר. פּעטער טראָגט מיך אויף די פּלייצעס און לויפט. איך זיץ מיר דאָרטן, ווי אַ רייטער אין גאַלאָפּ, כמעט אַזוי באַקוועם ווי אויף אָן אמת פערדל. אַלעס גייט פאַרבײַ אַרום מיר, און איך אָטעם אײַן אַ שטאַרקע לופט, גלײַך עס וואָלט געווען אַ ווינט. איך האָב זיך זייער גיך צוגעוווינט צו דעם, און איך פלעג זאָגן פּעטערן, מיט מײַנע געדאַנקען אויף דער מענטשלעכער פּלייצע: פּעטער, גיי, נעם מיך אויף דײַן רוקן.

אַנדערע מאָל פלעגט מיר פּעטער גיבן די האַנט. מײַן מוטער קוקט נאָך ווי מיר גייען אַראָפּ און איך בין אַ מענטשעלע אָנגעטאָן אין הויזן, מיט איין האַנט אין פלען אָבער מיט אַן אָנשטעל פון אומאָפּהענגיקייט. פּעטער מאַכט זיך דער נאַר, מיך צו דערשרעקן. ער פאַרמאַכט די אויגן און איך דאַרף אים פירן ווי אַ בלינדן. איך בין שטאָלץ צו טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו מאַכן אים אויסמיידן די שטיינער אָבער אין גרונט בין

איך אומרואיק ווײַל איך פֿיל מיך נישט אינגאַנצן אומשטאַנד דאָס דורכצופֿירן. פּעטער איז אַ לאָבוס וואָס ווייסט ווי זיך אויס־צוזיטן ווען די וועגענער לויפֿן זייער שנעל, אָבער ווען זיי גייען מיט דער לאַנגזאַמקייט פֿון אַן אייזל, מאַכט ער גלײַך ווי זיי וואָלטן אים פֿאַרשלעפּט. איך צי אים בײַ דער האַנט, איך ווער אומגעדולדיק, איך שרײַ און בעט זיך: „זײַ פֿאַרזיכטיק, פּעטער, דו וועסט קריגן אַז מײַן פּעטער שאַרלס וואָגן זאָל דיך צע־פּלעטשן".

און די שפּילערייען אין הויף! די מאַמע עפֿנט די טיר פֿון קראָם, פֿון וואַגען מען הערט, פֿון ווײַט, געשרייען פֿון קינדער וואָס פֿאַראייניקן זיך אין אַ גרויסן טומל. דער דאָזיקער טומל איז לעבן און איז פֿרייד. די מוטער טראַכט: „מײַן קליינינקער שפּילט זיך און איך בין צופֿרידן. די פֿרימאָרגנדיקע שפּילערייען פֿאַרבעסערן דאָס געזונט און זײַן געזונט איז איינע פֿון די בעס־טע זאַכן פֿון דער וועלט".

און די לערער האָבן אונדז געלערנט אַ נוצלעכע און פּשוטע וויסנשאַפֿט. זיי האָבן זי אונדז געלערנט מיט זייערע פּשוטע מוחות פֿון פֿויערישע קינדער און זיי פֿלעגן זי פֿאַרוואַנדלען אין עפּעס נישט געטאַקטעס און נישט עלעגאַנטעס ווי זייערע נע־מען: פֿינעל, אָובעל, לאַרסערי, שאַוואַראַט. מען האָט מיך אויס־געלערנט מאַלן שטעקענעס, לייענען אותיות און ציילן מיט דעם ציילער פֿון קייקעלעך. מאָלן שטעקענעס איז אַ זייער פֿאַר־ווײַלנדיקע באַשעפֿטיקונג, צו וועלכער מען באַנוצט טינט און פֿען אָנצושרײַבן פֿאַרשידענע פּשוטע שטריכן אין אַ העפֿט. איך האָב סוף כל סוף דאָס געמאַכט גוט; מײַנע הענט און מײַן מוח האָבן נאָכגעגעבן אַזוי ווי עס בויגט זיך אַ פֿלאַנץ אין שטן כּדי זיך צו ווענדן אין דער ריכטונג וווּ עס איז דאָ די זון.

איך קום צוריק אַהיים פֿיר מיט אַ פֿערטל דעם זייגער. איך עפֿן די טיר: „גוטן אָוונט, מאַמע". זי זיצט, איך קוש זי, און

מיר קוקן זיך אָן אַ לאַנגע רגע אויף צוריקגעווינען די פֿאַרלוי־רענע צײַט. באַלד דערצייל איך איר מײַנע מעשהלעך. מעשה־לעך פֿינפֿיעריקע, קליינענקע געשעעענישן פֿון איין סאַנטים, וואָס הערן זיך אויס שמייכלענדיק ווײַל זיי זענען נישט קיין געפֿער־לעכע. געשעענישן וואָס אַנטהאַלטן אַ שײַנעם זין דורך וועלכן מען זעט אַז איך קוק אויף די זאַכן און אורטייל זיי. מען דאַרף האָבן דרך ארץ פֿאַר די קאָנווענציעס, מען דאַרף אויספֿירן די אויפֿגאַבעס; איך ווייס עס און איך שטעל מיר צונויף מיט דעם אַ מאָראַלישע געזעץ וואָס וועט זײַן מײַן אָנווײַזער.

זשאָרזש, דעם ערדמעסטערס זון, אַ קלייניקער וואָס גייט נאָך אין אַ קליידעלע האָט באַשמוצט די באַנק. צו זײַנע יאָרן איז עס זייער נישט שיין. איך דערצייל עס מײַן מוטער. זי באַ־רעכנט עס מיט מיר, מיט די זעלביקע ווערטער וואָס איך באַ־נוץ, כדי מײַן מוח זאָל דאָס קאָנען פֿאַרנעמען. דאָס איז זייער נישט שיין, מײַן קינדעלע; ער האָט באַדאַרפֿט בעטן דערלויבע־ניש און אַרויסגיין. ער איז ווערט געווען מען זאָל אים באַ־שטראָפֿן. איך אויף זײַן פּלאַץ וואָלט געליטן אַ גרויסע בושה.

סימאָן, דעם שוסטערס זון האָט נישט געוואָלט גיין אין שול און דער פֿאָטער האָט אים געבראַכט צו שלעפּן. סימאָן האָט געשריגן ווי אַ שלעכטער יִינגל. דאַן זאָגט די מאַמע: „קיינ־מאָל וועט ער זיך נישט אויסלערנען לייענען, און שפּעטער, ווען ער וועט זײַן גרויס וועט ער זײַן אַן אייזל".

בײַ אַ צווייטער געלעגנהייט האָט סימאָן געגעבן אַ בריקע מיטן פֿוס דעם קליינעם עמיל און האָט אים וויי געטאָן; סימאָן איז ברוטאַל. ער האָט אים געקאָנט צעברעכן דעם פֿוס, עמילן, און מען וואָלט אים געוועזן פֿאַרשפּאַרט אין תּפֿיסה.

מאַמע, אָרעמע גוטע פֿרוי, דו ווייסט נישט אַז די תּפֿי־סות זענען אַ שלעכטע שטראָף. דו רעדסט פֿון זיי מיט דײַנע דאָרפֿישע געדאַנקען. דו האָסט פֿאַר זיי מורא און האָסט פֿאַר

זיי דרך־ארץ, אַביסל ווי מען האָט דרך־ארץ פאַר די ריכטער. מאַמע, מען דאַרף מער מורא האָבן פאַר די שלעכטע האַנדלונ־גען ווי פאַר דער תפיסה. ווייסט נישט אַז עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס זענען געגאַנגען אין תפיסה ווייל זיי האָבן גע־וואָלט טאָן גוטס. נו, איך האַנדל אפשר נישט גוט ווען איך זאָג דיר די דאָזיקע זאַכן ווייל איך וואָלט זיי נישט באַדאַרפט פאַר־שטיין. און, דאַרף מען דען נישט האָבן עטלעכע סטראַשידלעס צו שרעקן די קינדער? דו ביזט אַ גוטע פרוי, מוטער. דו האָסט געקענט אַ קאַרגע ערלעכקייט און דו האָסט מיך געלערנט די ערלעכקייט וואָס איז געווען אין דיין האַרץ.

פינף יאָר, זעקס יאָר און זיבן יאָר קומען איינע נאָך די אַנ־דערע און זענען ענלעך. די שול־ און די נאַאיווקייט בילדן אויס ביים קינד אַ מישובדיקן גייסט אָבער מיט זאָנדערבאַרע באַ־טראַכטונגען. און דאָס לעבן פון אַ קינד, פאַרנאַכט, נעבן דער מוטער, דריקט זיך אויס אין קליינע ווערטער דורך וועלכע עס פליסן גוטע געפילן. פינף יאָר, זעקס יאָר און זיבן יאָר וואָס זעצן זיך אַוועק אויף אַ בענקל, נעבן אַ זייגער און וואָס קוקן אַרום זיך. די אַרבעט פון זיין גייסט איז ענלעך צו דער אַרבעט פון אַ שטוב בעל־הביתטע וואָס גרייט צו דאָס עסן פאַר די אייגענע. זיי שפּילן זיך אויך אָבער נישט זייער ווייט פון דער טיר, ווייל עס קאָנען נאָך פּאַרקומען אַקצידענטן. זיי שפּילן זיך און רוישן און לויפן. זייער קערפּער איז פול מיט באַוועגונג, ווי אַ גליקלע־כער קערפּער, און געניסן פון פרימאָרגן פון זייער לעבן ווי מען געניסט פון אַ נייער זאַך. פינף יאָר, זעקס יאָר און זיבן יאָר, וואָס עסן און שלאָפן. זיי זענען די פרייד פון דער שטוב: אַ קאָנ־צערט, אַ ספּעקטאַקל, אַ ברכה. זיי שטייען אויף אינדערפרי מיט טומל און זיי ווערן אַנטשלאָפן ביינאַכט שטילערהייט, לויט די ריטמען. זיי זענען דאָס געזונט זעלבסט: אויגן וואָס שטראַלן, פולע באַקן און גלידער פלינקע, דורך וועלכע עס גייט דורך

די פרייד גאַנץ. הכּלל, זיי זענען די צאַרטקייט. אַ האַרץ און אַזעלכע ליפּן און האָבן חוץ דעם אַ בויגעוודיקע נשמה וואָס מען נעמט אַרײַן אין ביידע הענט זי אויסצוגלײַכן און מאַכן פון איר די ריינע און גוטע נשמה פון אַ גערעכטן און ברייט־האַרציקן מענטשן.

פינף יאָר, זעקס יאָר און זיבן יאָר, די פרייד...

אין איינעם אַ טאָג פון חודש סעפּטעמבער ווען איך בין אַלט געווען זיבן יאָר, האָבן מיר וויי געטאָן די ציין. עס איז טרויעריק האָבן ציין־ווייטיק. עס איז אַ ווייטיק וואָס נעמט אין קלעם די אידעען און קוועטשט זיי צו כּדי זיי זאָלן לײַדן ווי די חיות און נישט וויסן וואָס צו זאָגן. עס טוען מיר וויי די ציין. די מאַמע האָט געוואַשן דאָס גרעט. איך בין אַרומגעגאַנגען אַרום איר, אומרואיק, קרעכצנדיק. מען וואָלט געזאָגט אַז מיר פירן שפּאַצירן אונדזער ווייטיק כּדי אים צו פאַרלירן, ער זאָל פאַרשווינדן אין אַ ווינקל און זאָל אונדז מער נישט קאָנען געפינען. די לײַדן פון אַ קינד זענען אומפּאַרדינטע לײַדן. דער שיקזאַל מאַטערט אימיצן וואָס בויגט זיך אײַן און וויינט מיט אַזויפיל שוואַכקייט אַז מען טראַכט: „נאַטור, ביזט שטאַרק, אָבער ביזט אומגערעכט”. מײַן מאַמע האָט מיך געקושט: „מײַן אָרעם קינד וואָס האָט ציין ווייטיק!”

דעם אַנדערן טאָג האָט נאָך וויי געטאָן: „קינד מײַנס, הײַנט נאָכמיטאָג וועלן מיר לאָזן אַרויסציען דײַן צאָן”. דער דאָקטאָר נעמט צוויי צוואַנגען, זייער האַרטע און שעדלעכע, מען עפנט דאָס מויל און מען פילט אַ שטאַרקן צי, מען שרײַט. שוין.

אַ טאָג שפּעטער האָט דער ווייטיק נישט געהאַט אויפגע־הערט. „האָסט ווייניק מזל מײַן קינד. אָט דער ציין ווייטיק וויל נישט פאַרשווינדן?” איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ בענקל און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, צו זען צי עס וועט מיר ווערן גרינ־

גער. איך האָב שוין נישט אַרומשפּאַצירט מיַין ווייטיק ווי דעם ערשטן טאָג, וויַיל ער איז געווען אַזוי שטאַרק אַז איך האָב מיט גאָרנישט אים געקאָנט צעשטרייען. זעט דאָס קינד זיצנדיק אויף אַ בענקל מיט דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן. עפּעס דריקט אים, עטוואָס זייער שווערס פאַר זיַינע פּלייצעס. ער וויינט, רופט זיַין מוטער, רופט צו גאָט און צו אַלע קרעפטן וואָס ער קען. די מוטער טראַכט: „מיַין קינד האָט דיך קיינמאָל נישט באַליידיקט, גאָט מיַינער. און וואָס האָב איך דיר געטאָן כדי דו זאָלסט אים אַזוי שטראָפן? גאָט מיַינער, דו האָסט מיר באַדאַרפט שיקן די דאָזיקע ליַידן”.

עס איז מיר געשוואָלן געוואָרן די באַק. די געשווילעכץ האָט געוואקסן און מען האָט געשיקט נאָכן דאָקטאָר וואָס האָט זי באַטאַפּט, זי געקוועטשט, ער האָט נישט געוווסט גענוי פון וואָס עס האָט זיך געהאַנדלט און האָט געזאָגט: „גאַנץ זיכער אַז עס איז אַ מכה. מיר וועלן זי עפענען שפּעטער מיט עטלעכע טעג”. דעם דאָקטאָרס וויזיטן באַרויקן אונדז אַביסל און מיר ליידן מיט ווייניקער אומרו, וואַרטנדיק עס זאָל זיך אויסקורירן.

דער דאָקטאָר איז נאָכאַמאָל געקומען. עס איז נישט געווען קיין מכה. עס איז עפּעס געווען: אַ געשווילעכץ, אַ געוויקס, ווער קאָן עס וויסן?... מיַין אָרעמער קאָפּ איז געווען אינגאַנצן קראַנק. איך האָב עס געפילט אויף מיַין שטערן, אויף די האָר, אין מוח, בייַם נאַקן, ווי אַ שווערע האַנט וואָלט זיך דאָרטן אָנגעשפּאַרט און איך האָב באַדאַרפט איַינבויגן דעם קאָפּ. דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן אַ זאַלב. זאַלב, זאַלב, אַלע אינדערפרי און אַלע נעכט, דער ווייטיק האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער אומשעדלעכער און לעכערלעכער זאַלב, וואָס איז אַלץ פאַרבליבן דאָרטן. זאַלב, זאַלב, אַלע אינדערפרי און אַלע נעכט, דיַין שאַכטל האָט זיך אויסגעליידיקט אַביסל אָבער דו ביזט פאַרבליבן וויַים

און אַזוי אומנוצלעך ווי אַ שיינע דאַמע נעבן אַן אַקצידענט. איין טאָג קומט נאָכן צווייטן פונקט ווי איין וווייטיק קומט נאָך דעם צווייטן. דאָס זענען די שוואַרצע טעג וואָס ווערן געבוירן מיט אַ מידן פרימאָרגן. אַכט אַזייגער און די זופּן זענען אַזוי טרויעריק ווי אַ רפואה פאַר די וואָס האָבן ניט קיין אַפּעטיט. ניַין אַזייגער, צען, עלף; דער ווייטיק וווינט אין מוח און קינביין, אין די שלייפן, אין בלוט. דו ביזט שוין נישט דאָס קינד פון די בליקן און פון די אידעען ווײַל דער ווייטיק פאַרשטעלט דײַנע אויגן און פאַרנעמט דאָס אָרט פון דײַנע אידעען. און צוועלף אַזייגער מיט זײַנע געשמאַקע דאַרפישע מאכלים מאַכט דיך נאָכאַמאָל לײַדן. צום סוף צעשפּרייט זיך דער נאָכמיטיק ווי אַ זאַמדיקער פלאַכפעלד ווו מיר ווערן פאַרלוירן מיטן לאַנגווייל, מיט דער נאַכט און מיטן טויט.

און דער דאָקטאָר איז צוריקגעקומען. ער איז געווען אַ פּראָווינציעלער בורזשוי, פעט, וואָס האָט געגעסן, געגאַנגען אויף יאַגד, געטרונקען און האָט באַזוכט די קראַנקע מיט אַ רעשטל וויסנשאַפט וואָס ער האָט געבראַכט פון פּאַריז. אַ גוטער מענטש און אַ גוט הארץ, וואָס פלעגט זיך דערבאַרעמען ווי אַן עם-הארץ און פלעגט זאָגן: „אָרעמער יינגל!” אויסער דעם פלעג ער נישט וואַגן צו מאַכן כירורגישע אָפּעראַציעס פאַר מורא אַז די אָרעמע מענטשן זאָלן נישט לײַדן. איך דענק אַז עס איז געווען מער דערפאַר ווייל ער איז נישט געווען זיכער מיט זיך אַליין. ער האָט קיינמאָל נישט אויסגעפונען מײַן קראַנקהייט. זײַן וויסנשאַפט האָט זיך אויסגעשעפּט, ווען נאָך אַלע זאַלבן, ביטערע רפואות און אָפּפיר מיטלען האָט זיך מײַן קראַנקהייט פאַרערגערט.

איך בין געוואָרן שוואַכער פון טאָג צו טאָג. איך בין געווען אַ קינד וועמענס קערפּערל עס האַלט אין אַוועקגיין, וואָס פילט אַז זײַן פלייש צעגייט זיך און וועמענס נשמה זשיפּעט

אין אַ קופּקעלע שוואַכע געוועבן וואָס וועלן זיך ווײַטער אָפּשוואַכן און אָפּשוואַכן. עס בלײַבן אַ פּאָר פֿאַרשפּיצטע קינבאַקן, די הענט דורכזיכטיקע און ביינערדיקע און פֿון אונטער זײַנע מלבושים, שטעקן אַרוים צוועלף אַרויסשטאַרצנדיקע ריפּן וואָס ווײַזן אויס דער אינעווייניק פֿון אַן אביונישער שטוב. אָבער דאָס געשווילעכץ פֿון דער באַק ווערט גרעסער און שײַנט זיך צו נערן פֿון אַלע אומגליקן וואָס רינגלען איר אַרום, און פֿאַרנעמט זיך צו פֿאַרבלײַבן אויף אייביק, ווי אַ פּאַראַזיט וואָס האָט זיך אײַנגעאָרדנט אין דער שטוב בײַ אַן אָרעמען מענטשן.

דאַן האָט דער דאָקטאָר באַשלאָסן צו אָפּערירן. ער האָט ווייניק געהאַלטן פֿון כירורגיע, אָבער מען האָט מיך באַדאַרפֿט ראַטעווען. ער האָט געבלעטערט ביכער, ווײַל ער איז געווען אַ גוטער; און אין אַ פֿרימאָרגן האָט ער געוואַגט צו מאַכן אַ שניט. און לײַדן און שרעק האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אין מיר ווי צוויי הענט וואָס פֿאַראייניקן זיך צו דערפֿלעטשן אַ האַרץ.

מען האָט מיר געמאַכט דעם שניט און דערנאָך איז פֿאַרבליבן אַן אייטערדיקע ווונד און דאָס אייטערן האָט זיך נישט אָפּגעשעלט. אין יענער צײַט בין איך געווען אַ קינד פֿון זיבן יאָר, וואָס פֿון מײַן באַנדאַזשירטן קאָפּ האָט זיך אַרויסגעזען צווישן די לײַלעכער אַן אויסגעבלייכט פּנים. מײַן בענקעלע און איך האָבן געבילדעט אַ קרעכצנדיק שטיק מעבל, וואָס האָט פֿאַרבראַכט זײַנע טעג נעבן בעט אָדער נעבן קאַמין. צומאָל פֿלעגט מײַן מוטער מיר בײַטן די באַנדאַזשן מיט אירע גוטע פֿינגער, אָבער דאָס פּשוטע צורירן זיך, אַ גלעט, פֿאַרבײַגייענדיק, צענעמען און צעטרייסלען דאָס וויטיקלעכע לעבן פֿון אַ קראַנקן. דאַן פֿלעגט מײַן מוטער מיך אַוועקזעצן אויף אירע קני און מיך פֿאַרוויגן. און עס איז געווען אין איר שוים אַזאַ וואַרעמקייט פֿון וועלכן איך פֿלעג אײַנדרימלען בײַנאַכט, ווײַט פֿון די אַכזריותדיקע מכות, נעבן אַ מאַמען וועמענס צוויי פֿליגלען דעקן מיך צו.

פון דער כלומרשטער מכה האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזן. אין אַ טאָג האָט זיך פאַרמאַכט די ווּנד און דאָס געשווילעכץ איז געבליבן. דער דאָקטאָר האָט מיך נאָכאַמאָל באַטראַכט, האָט מיר געהייסן עפענען דאָס מויל, האָט אַלעס באַקוקט האָט זיך מישב געווען אַ מאָמענט און האָט געזאָגט: „באמת, איך ווייס נישט וואָס דאָ קומט פאָר. עס האָט זיך נישט לאַנג באַזעצט אַ נייַער דאָקטאָר אין שטעטל: איר וואָלט באַדאַרפט גיין זיך באַראָטן מיט אים און זען צי ער וועט באַוויַיזן אויסצוקורירן אייַער קינד".

אַזוי קומט עס שוין פאָר. עס זענען פאַראַן מעדיצין-סטודענטן וואָס פאַרברענגען אין פּאַריז און לערנען ווי אַזוי צו זייַן דאָקטוירים. חוץ דעם זענען זיי רייַכע און זיי באַזעצן זיך אין אַ ווינקל פון אַ פּראָווינץ ווו זיי דאַרפן קורירן די קראַנקע. זיי פירן אַ פריילעך לעבן נעבן די נאָבעלע פויערים און ווידמען זיך דעם עסן און טרינקען. זיי לויפן נאָך די מיידלעך, גייען אויף יאָגד און לעבן אין ווילטאָג. זיי פאָרן אויס די פעלדער און פּראַקטיצירן זייער פּראָפעסיע צו פאַרגרעסערן זייערע אייַנקונפטן. מיר האָבן זיי ליב ווייַל זיי זענען פריילעכע און געזונטע. מיר עפענען זיי די טירן און נעמען זיי אויף אין אונדזערע היימען ווי מען נעמט אויף די קוראַציע. און צום סוף, ווען זיי האָבן געמאַכט עטלעכע וויזיטן צו צוויי פראַנק, לאָזט זיך אויס אַז די קראַנקהייט האָט זיך פאַרערגערט און זיי זאָגן אייַך: „איך פאַרשטיי נישט וואָס עס קומט פאָר מיט אייַער קינד און איך פאַרזיכער אייַך, אַז איר וואָלט עס באַדאַרפט לאָזן באַטראַכטן פון אַ צווייטן דאָקטאָר".

דער צווייטער דאָקטאָר איז געווען ענלעך צו דעם ערשטן. אַ זון פון אַ רייַכן פויער, האָט ער געוואָלט נאָך מער רייַך ווערן און האָט געטאָן אַלעס מעגלעכעס צו טאָן אַ גוטן שידוך. אָבער אין גרונט איז ער געווען אַ ווילער בחור, ליב גע-

האָט אַ כּוסה, אַ פּריילעכער, וואָס פלעגט זיך פאַרסאַפּען און האָט געוווּסט ווי אַזוי מיך צו מאַכן לאַכן. מיר גייען צו אים יעדן דאָנערשטיק אינדערפרי פאַרבײַגייענדיק דעם מאַרק. יעדן דאָנערשטיק אינדערפרי מאַכן אַ סך מענטשן געשעפט פאַרקויפנדיק אייער; מײַן מוטער מאַכט געשעפט פירנדיק איר זון צום דאָקטאָר. פאַרקויפן אייער מיינט פאַרדינען געלט. היילן איר קינד הייסט פאַרדינען לעבן. ווען מיר קומען אַרײַן טרעפן מיר שוין עטלעכע מענטשן וואַרטנדיק, און מיר וואַרטן אויך, ריידנדיק שטילערהייט פאַר צײַטפאַרטרײַב. די מאַמע זאָגט: „מיר וועלן זען וואָס ער וועט אונדז זאָגן. אפשר וועט ער דאָס מאָל דיך אויסהיילן”.

אָט זע איך דיך נאָכאַמאָל, מײַן דאָקטאָרס קליינער קאַבינעט, מיט דײַנע שטולן, דײַנע טישן און דײַנע ביכער! דו האָסט מיר אויסגעזען אַזוי לוקסוסדיק ווײַל ביזט געווען פול מיט טעפּיכער, ווײַל עס האָט געהערשט אין דיר אַ שטילקייט בײַם אַרײַנעמען די קראַנקע, ווײַל דו האָסט געהאַט ביכער און ווײַל דו האָסט געמאַכט אַ רושם פון ווּיסנשאַפט פּונקט זוי דײַן בעל־הבית. מײַן דאָקטאָרס קליינער קאַבינעט! דו ביזט געווען אַ קליין געבעט־הויז ווו גאָט האָט אַרײַנגענומען די פאַרווּנדעטע. מיר קומען אַרײַן אַהער צו וויסן וועגן אונדזער שיקזאַל. די מוטער, אַביסל אַ בלײַכע, פירט מיך פאַר דער האַנט. דו ביזט געווען זייער אַ גוט געבעט־הײַזקעלע ווען גאָט פלעגט מיר זאָגן: „זעץ זיך”. ער פלעגט מיך אויסטאַפּן פרעגנדיק: „איך טו דיר וויי, מענטשעלע?” דערנאָך פלעגט ער מיר אַרײַנקוקן אין מויל און עס האָט געהאַט חן ווײַל ער פלעגט מיר זאָגן: „נו, עפן דעם פּיסק”. צום סוף האָט מען באַדאַרפט אײַננעמען עפּעס אַ רפואה וואָס פלעגט מיר מאַכן קלאַפּן דאָס האַרץ. אפשר האָט דאָס געזאָלט זײַן די אמתע רפואה. און ווען מיר פלעגן אַרויסגיין פלעגט מיך דער דאָקטאָר גלעטן און איך פלעג אַוועקגיין זייער שטאָלץ ווײַל איך האָב געוווּסט ווי אַזוי צו ענטפערן

אויף די פראַגעס וואָס דער דאָקטאָר פלעגט מיר שטעלן: „ווער איז געווען דער נאָכפאָלגער פון פראַנץ דער ערשטער?"

מיר פלעגן אַהיימגיין דעם זעלבן דאָנערשטיק אינדערפרי. אַ קינד און זײַן מוטער זענען אַראָפּגעגאַנגען די גאַס, זוכנדיק האָפענונג און איצט גייען זיי צוריק שמייכלענדיק. די נײַע דאָקטוירים זענען ווי די נײַע געליבטע וואָס גיבן אַ נײַ גליק. און יענע דאָנערשטיקס אינדערפרי, פולע מיט לויטערקייט פלעגן באַשײַנען די וואָך. איך האָב ליב די פרימאָרגנס פון די דאָנערשטיקס און ביז הײַנט זענען זיי בײַ מיר פרימאָרגנס פון האָפענונג.

אין משך פון אַ לאַנגער צײַט האָב איך גענומען רפואות. מיר לויפן אין אַפּטייק און איך נעם זיי באַלד אײַן. מען דאַרף ניט לאָזן רוען דעם שונא. די ערשטע טעג בין איך געווען זייער נאַיִוו. יעדער ביטערער סיראָפּ איז פאַר מיר געווען אַ געטלעכע פליסיקייט דערפונדן פאַר דעם מענטשלעכן גליק. איך טרינק זי, איך פיל זי אין מיר און נעם זיך מאַכן העוויות שרײַענדיק: „איצטער בין איך אויסגעהיילט".

אַביסל שפּעטער האָב איך נאָך געהאַט גלויבן אין מאָרגנדיקן טאָג. די נאַכט נעמט אַרײַן אין אירע הענט דעם וואָס לייגט זיך פול מיט לײַדן און צערטלט אים און באַרואיקט אים. קומענדיקן פרימאָרגן וועט דאָס פעלן פון לופט האָבן פאַרשווינדן; דער שלאָף האָט אונדז אָפּגעוואַשן דעם קאָפּ, און דאָס געשווילעכץ פון די באַקן — איר געדענקט? — איז שוין מער נישטאָ.

אַביסל שפּעטער האָב איך נאָך געהאַט גלויבן אין דעם סוף פון דער וואָך. עס נויטיקן זיך עטלעכע טעג כדי די רפואה זאָל אַרײַן אין בלוט. צום אָנהויב פילט מען גאָרניט, ווײַל דאָס האָט נאָך ניט געקאָנט אָנהויבן ווירקן, אָבער לאָזט עס זאָל גוט אַרײַן אין פלייש און דאָס גאַנצע פלייש וועט זיך בײַטן, די שלעכטע הומאָרן וועלן זיך צעלעזן, זיי וועלן אַוועק און

וועלן פאַרשווינדן. עס קאָן גרייִלעך זײַן אַז דער קומענדיקער וויזיט צום דאָקטאָר זאָל, זײַן דער וויזיט פון דער ענדגילטיקער קוראַציע.

אָבער, ווײ! אומפאַרווירקלעכבאַרע האָפענונגען, שיינע האָפענונגען פון מײַנע טעג, וואָס האָבן מיך אָפּגענאַרט! איך האָב זיי געזען אַוועקגיין איינע נאָך דער אַנדערער ווי עס גייען אַוועק צוויטלאָזע בלומען פון אַ גאָרטן ניט איבערלאָזנדיק קיין פרוכט. וויפיל האָב איך זיי געהאַט! די ערשטע איז געווען די שענסטע און זי איז אַוועק די ערשטע. איר שוועסטער איז געווען ווייניקער שיין און זי איז אויך גיך אַוועק. די דריטע איז געווען באַשיידן און מילד. זי פלעגט זיך אַוועקשטעלן אַנט־קעגן מיר און ווען זי פלעגט אויף מיר קוקן האָט געשטראַלט אין אירע אויגן עפּעס פון איר נשמה. איצטער ווייס איך אַז זי איז געווען די בעסטע פון אַלע. איך פלעג איר אויסשטרעקן מײַ־נע הענט און מיר פלעגן שפּילן אין באַהעלטעניש אונטער די ביימלעך וואָס זענען געווען גרינע און שוואַרצע. אין אַ טאָג האָט זי זיך אַזוי גוט באַהאַלטן אַז קיינמאָל מער האָב איך זי שוין ניט געקאָנט געפינען.

אָ, ווי אונדזערע כאַראַקטערן קאָנען זײַן בויגזאַם! צופּאַ־סונגס־פעיִקייטן. אָרעמע מוחות און אָרעמע נערוון! אָ, ווי זיי איבן זייערע צופּאַסונגס־פעיִקייטן זיך צוגעוווינען צום אומ־גליק!

נאָכדעם ווי די דרײַ האָפענונגען האָבן געהאַט אַריבערגע־טראָטן מײַן שוועל האָב איך געלעבט צוגענעגלט צו מײַן קראַנקהייט. איך האָב געלעבט נעבן מײַן קראַנקהייט ווי אַ מענטש לעבט נעבן אַ פּערזאָן וועמען ער קען. עס איז אַ שלעכ־טע פּערזאָן וואָס שרײַט אָן אויף אײַך און שלאָגט אײַך. זי זעצט זיך אויף מײַן בענקל, זי באַזעצט זיך בײַ מײַן טיש, שלאָפט אין מײַן בעט, זי וואָלט געוואָלט אַרײַנדרינגען אין מײַנע גע־דאַנקען. אָבער מיר ווייסן ווי אַזוי אָפּצוהיטן אונדזערע געדאַנ־

קען פון די שלעכטע מענטשן. מיר פאַרשפּאָרן זיי אין דער טי־פעניש פון אונדזער וועזן, דאָרטן וווּ עס געפינען זיך אונדזערע בעסטע געפילן. זיי לעבן און קורטשען זיך אײַן אין דער נעסט. עס זענען גוטע געדאַנקען, וואָרעמע און פרירלעכע; מעלאַנכאָ־לישע געדאַנקען פון אַ קראַנקן, געדאַנקען גוטע און צאַרטע! די נשמה פון איר זײַט באַקומט אויך עפּעס פון קראַנקן קער־פּער און ווײַל צו די קראַנקע קינדער ווײַל זיי וועלן זײַן צאַרטע און גוטע.

די מאַמע וואָס האָט געזען ווי איך ווער יעדן טאָג שוואַ־כער האָט זיך נישט געקאָנט צוגעוווינען צו מײַן קראַנקהייט. עס איז אַמאָל געווען אַ קינד וואָס איז געווען ענלעך צו די אַנ־דערע קינדער מיט זײַן געזונט לעבן און זײַן גליק. איך בין גע־ווען שיין, ווי אַן אויסאַרבעטונג וואָס איז אַרויס פון אירע הענט. איך האָב מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ טייל פון איר פלייש און פון איר בלוט און מען האָט געפילט אַז מײַנע אידעען זע־נען דורכגעגאַנגען דורך אירע הענט. און דאָס קינד וואָס פלעגט זיך שפּילן זעצט זיך אַוועק אין אַ ווינקל צו לײַדן. דאָס ווערק, וואָס מען האָט אויסגעפורעמט, אָט דער שיינער קעגנשטאַנד וואָס האָט געקאָסט אַזוי פיל מי צו קריגן, איז אַזוי שוואַך אַז אַ בלאָז קאָן עס צעברעכן. און דאָס פלייש פון אונדזער פלייש ווערט פאַרדאָרבן, דאָס בלוט פון אונדזער בלוט זאַמלט זיך צו־נויף אין אַ פּונקט פון דעם פּנים און פאַרוואַנדלט זיך אין אײַ־טער און אין ווייטיק. יאָ, זײַנע אידעען זענען ווײַטער די זעל־ביקע וואָס איך האָב אים געגעבן, אָבער די אידעען, אין ד ע ם מאָגערן קערפּער ציטערן און ווערן בלײַך און שטאַרבן סוף־כל־סוף, גאָט מײַנער!

ענדלעך, אַזוי ווי דער דאָקטאָר האָט גאָרניט געקאָנט טאָן, האָט מײַן מוטער זיך געאײַנפּערט כדי זי זעלבסט זאָל מיך נע־מען היילן. די דאָקטוירים ווייסן פון פיל קראַנקהייטן ווײַל זיי האָבן געלערנט, אָבער כדי אויסצוהיילן אַ קראַנקן דאַרף מען

אים באטראכטן מיט דעם אינסטינקט וואס נעמט זיך פון א גרויסער גוטסקייט. אין די שפיטעלער, די אלטע כירורגן און די אינערלעכע דאקטוירים, ערשט געענדיקטע, היילן מיט דער גאנצער וויסנשאפט פון די מעדיצינישע שולן. דאך שטארבן דארטן א סך מענטשן ווייל מען היילט זיי ניט מיט ליבע. די גוטסקייט איז שטארקער פון דער מענטשלעכער וויסנשאפט. מעדיצין וואלט באדארפט זיין א גאטעסדינסט און די דאקטוירים וואלטן באדארפט פראקטיצירן זייער פראפעסיע, ווי מען פירט דורך א גרויסע אויפגאבע. דער דאקטאר וואלט זיך יעדן טאג באדארפט פארשפארן אין זיין געדאנק און אין זיין הארץ. ווייט פון די פארגעניגנס פון דער וועלט, זיך צוריקציען און זיך שטארקן. דער מוח נוצט צו דערקענען די קראנקהייטן. אבער א מוח און א הארץ צוזאמען, קענען באווייזן וווּנדער. מען טרעפט דאס, וואס מען האט ניט פארשטאנען, און די ליבע שטייגט אריבער די אידעען און איז א וועגווייזער אין אלע לאַבערינטן. איזאק ניוטאן האט אויסגעפונען די גראוויטאציע, ניט ווייל ער איז געווען א געלערנטער, נאר ווייל ער האט געהאט א נשמה פון א דיכטער.

די דאקטוירים וואס באווייזן די פעלדער מיט זייער געדיכט בלוט און זייערע לויטערע אידעעס, קומען אריין אין די שטיבער און קוקן אויף די קראנקהייטן ווי אן אינזשעניער פון בריקן און וועגן קוקט אויף א קאנאווע וואס מען דארף פארשיטן. די מענטשן זענען פשוטער שטאף אויף וועלכן מען פראקטיצירט די מלאכה. אבער מעדיצין איז ניט קיין וויסנשאפט וואס מען ווענדעט אן אויף די מענטשן ווי מען וואלט זי געקאנט אנווענדן אויף די שטיינער.

אזוי, אז מיין מוטער האט זיך זשענירט זי זאל מיך אליין קורירן.

איך האב ניט געקאנט עסן. דאס לעבן איז אן אפנאר: די מאגערע מענטשן זענען פונקט די וואס קאנען ניט עסן. די זופ

בײַם פרישטיק, וואָס דערמונטערט, די פּאַסאַליעס און דער ווײַן בײַם מיטאָג און די זופּ פון דער וועטשערע. איבלען מיר און איך באַהאַלט זיך מיט מײַן בענקעלע אין מײַן ווינקל, דאָרטן ווו מען עסט נישט. און דאָך האָב איך ליב געהאַט די זעמל, אײַנגעטונקען אין ווײַן, וואָס צעגייען זיך אין מויל מיט אַ טעם פון אַ נאַשערײַ. אָבער דאָס איז נישט קיין עסן, און חוץ דעם, ווילן ניט די מענטשן פון די פעלדער וואָס פירן אַ געזונט לעבן, אויסגיבן זייער געלט אויף זעמל. מײַן מוטער האָט געזוכט עפּעס אַ שפּײַז וואָס זאָל מיך שטאַרקן און וואָס זאָל מיך לאָקן ווי אַ נאַשערײַ. צום סוף האָט זי גענומען טראַכטן אין שאָקאָלאַד. יעדן גאַנץ פרי, יעדן מיטאָג און יעדן פאַרנאַכט האָט מיך דער שאָקאָלאַד גערופן ווי אַ פרײַנד, מיט זײַן שיינעם קאָליר לילאַ און זײַן וואַרעמען גערויך. פון דעם ערשטן טאָג אָן, האָט ער מיך געלאָקט. אַ נאַשער בין איך, האָב איך זיך דערנענטערט. עפּעס אַ כוח באַוועגט מײַן לעפל און איך טרינק אים אינגאַנצן אויס, מאַמע. מען האָט מיר אַפילו אַרײַנגעלייגט ברויט אין טעפּעלע. איך וועל שוין ניט שטאַרבן פון הונגער. שאָקאָלאַד, איך וועל דיר תמיד זײַן דאַנקבאַר ווײַל דו האָסט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן.

די נאַטור ציט אַרײַן אין אירע געזעצן דעם וואָס עסט. אַ מאָלצײַט, אַ פאַרדײַונג און דער הונגער וואָס קומט שפּעטער, זענען אומבאַדינגטע דערשיינונגען. עס בילדעט זיך אַ נײַ בלוט, אַ נײַ פלייש און עס ווײַזט זיך אַפילו אויס אַז אין דער זעלביקער צײַט בילדן זיך נײַע אידעען. מיר נעמען אָנטייל אין געווענלעכן לעבן וואָס באַשטייט אין ענדערונגען. מיר זענען אין באַוועגונג ווי די לופט, ווי דער מענטש און ווי אַלע נאַטירלעכע כוחות. דער קראַנקער פאַרשפּאַרט זיך אין זיך אַליין און ווענדעט זיך צו דער פאַרגאַנגענהייט. זײַן געדאַנק דערמאָנט און לעבט אויף פאַרגאַנגענע מאָמענטן בשעת זײַן קערפּער נעמט אין זיך אַרײַן און טרינקט די אַלטע זאַפטן. און בשעת מעשה

פאַרשמעלערט זיך זײַן געדאַנק און זײַן קערפּער ווערט מאָגער, ווײַל די פאַרגאַנגענע מאָמענטן זענען פאַריבער און די אַמאָליקע זאַפטן האָבן זיך אויסגעשעפּט.

די מאַמע האָט זיך אַליין געזאָגט אַז זי דאַרף אויפלעבן מײַנע אידעען פּונקט ווי זי האָט געמאַכט אויפלעבן מײַן קערפּער. זי האָט באַשלאָסן איך זאָל צוריקגיין אין שול. דאָס וועט מיר דינען אַלס צײַט-פאַרטרײַב. אָן צווייפל, און ווען איך פלעג גיין מיט מײַנע העפטן אונטערן אָרעם האָב איך געטראַכט אין די זאַכן פון דער שול. איך בין געוואָרן אַרבעטזאַם. די היסטאָריע פון פראַנקרײַך, די טאַטן פון אירע קעניגן און זייערע שלאַכטן האָבן מיר אָנגעפילט דעם קאָפּ. איך האָב זיך באַקאַנט מיט די קלאַנגען וואָס עס ברענגען אַרויס די שווערדן ווען זיי קלאַפּן אין די פּאַנצערס און זיי האָבן געלעבט אין מײַן נשמה מיט דער זעלבער קראַפט מיט וועלכער עס האָבןווירקלעך געלעבט דוגעסקלין, זשאַן ד'אַרק און די ענגלענדער; פראַנצויזישע היסטאָריע, אויך דו האָסט מיר געראַטעוועט דאָס לעבן!

אין יענער צײַט איז פאַרבײַגעגאַנגען אונדזער הויז אַן אַלטע בעטלערן מיט איר קינד. דאָס איז געווען אַן אַלטשיטשקע וואָ סהאָט געוווינט עטלעכע קילאָמעטער פון אונדזער שטעטל און וואָס פלעגט קומען יעדן חודש און די רײַכע פלעגן איר געבן נדבות. מען פלעג זי זען דורכגיין מיטן קערבל אין איין האַנט און דאָס קינד בײַ דער צווייטער. איר קאָרב האָט אַנטהאַלטן די זאַכן פון איר לעבן: אייער, גרינוואַרג, אַביסל ווײַן און איר בײַטעלע און איר קינד האָבן געבילדעט אינגאַנצן איר גליק. יעדן חודש פלעגט מען זי זען פאַרבײַגיין אין איר ריינעם קליידל, איר ווײַסע קופּקע און איר פּנים וואָס האָט געהאַט דעם קאָליר פון דער פרײַער לופט. זי האָט געוווינט בײַם ראַנד פון אַ וואַלד אין אַ קליין ביידעלע אַרומגערינגלט מיט די געלע פעלדער פון בערי און דער טיפער וואַלד פון מײַן געגנט. אָבער קיינמאָל האָט מען זי ניט געזען אין איר ביידל. די פאַרבײַ-

גייענדיקע פלעגן זאָגן: „דאָס איז דאָס הויז פון דער מוטער הענ־רי", אָבער די לאָדנס זענען געווען פאַרמאַכט און די טיר גע־שלאָסן. וואַנדערונגען פון אַלטע בעטלערנס, אָפטע ווײַטע רײַ־זעס פון די וואָס בעטן נדבות בײַ די וועגן! די רײַזעס בילדן דעם גײַסט, ווײַל אויף די פעלדער, אין די שטיבער און אויף די וועגן זאַמלט מען אויף כמעט אַלע דערקענטענישן פון לעבן. אַזוי האָט זיך מוטער הענרי אויסגעלערנט מאַכן פון פלאַנצן אַזאַ מין וואַסער וואָס מען רופט „רויטע וואַסער" און וואָס פאַרגרינגערט אַלערליי ווייטיקן. זי פלעגט אויך אויסהיילן די „לאַבאַדאַ". איך האָב זיך קיינמאָל ניט דערוויסט וואָס די „לאַ־באַדאַ" איז געווען, אָבער מוטער הענרי פלעגט אויסקורירן די „לאַבאַדאַ". ווען זי וואָלט געווען עלטער, איינזאַם און שמוציק וואָלט מען געגלויבט אַז זי איז אַ מכשפה. אָבער זי האָט גע־האָט אַ קינד ווי די אַנדערע פרויען. זי איז געווען ריין אויך ווי אַלע אַנדערע פרויען, זי האָט גערעדט ווי די גאַנצע וועלט און דערפאַר האָט מען פשוט געגלויבט אַז וואַנדערנדיק אויף די וועגן האָט זי זיך אויסגעלערנט די סודות פון די פלאַנצן.

שוין אַ געוויסע צײַט אַז מײַן מוטער קוקט אַרום אַז זי זאָל פאַרבײַגיין. עס זענען פאַראַן נישט אַרויסגעזאָגטע האָפע־נונגען וואָס מיר לייגן אַרײַן אין די אַלטע קעפּ פון צופאַל. מײַן מוטער האָט געגלויבט אַז דער אמת וואָס רײַזט קען זיך טרעפן מיט די וואָס דרייען זיך אַרום. חוץ דעם, פעלן ניט קיין שכנים וואָס קאָנען דעם קוזין פון אַ געוויסן מענטשן וועמען עס האָט אויסקורירט אַן אַלטע בעטלערן. הכלל, דער דערפאָלג געהער צו די וואָס נישטערן אומעטום אפילו דאָרטן וווּ מען האָט קיין מאָל קיין דערפאָלג.

די מאַמע האָט גערופן די מוטער הענרי: „מען דערלייגט גאָרניט ווען מען פרוווט", פלעגט זי זאָגן. מוטער הענרי, איך זע דיך נאָך אָנקומען, מיט דײַן לאַנגזאַמען טריט און דײַן גוטער מינע אַזוי ווי עס קומען די אויף וועלכע מיר וואַרטן. דו האָסט

מיך געזען מיט דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט באַנדאַזשן און האָסט געזאָגט: „ווירקלעך, מען האָט מיר שוין געהאַט געזאָגט אַז אײַער קינד איז קראַנק". דו האָסט מיטגעבראַכט דײַן קינד. מײַן מוטער האָט דיר באַלד דערציילט אַז דאָס איז געווען אַ קראַנקהייט וואָס האָט ניט געוואָלט אַוועקגיין. און אַזוי ווי זי איז געווען אומגעדולדיק צו הערן וואָס דו וועסט איר זאָגן, האָט זי מיר באַלד אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש. דאָס געשווילעכץ איז דאָרטן געווען. דו האָסט עס אָנגערירט מיט די שפּיצן פון דײַנע פינגער כדי מיר ניט וויי צו טאָן. דערנאָך האָסטו געזאָגט: „זיכער אַז דאָס איז „הומאָר",(1) און דו האָסט אונדז אָנגעקוקט. דערנאָך האָסטו צוגעגעבן: „מען וואָלט באַדאַרפט צולייגן קאָרע פון „טאָרוויסקאָ". דאָס איז אַזאַ דינע קאָרע וואָס ציט אַרויס דעם „הומאָר" און נעמט אים אַוועק. עס איז פאַראַן אין אַלע אַפּטייקן".

דאַן האָט די מאַמע, פאַר דאַנקבאַרקייט, דיך מכבד געווען מיט ברויט, קעז און אַ גלאָז ווײַן. דו האָסט באַוויליקט און דײַן קינד האָט זיך געזעצט נעבן דיר אויפן בענקעלע. יאָ, מוטער הענרי, איך געדענק דײַן ליבע צו דײַן קינד. האָסט אים געגעבן צו עסן און צו טרינקען, אים זאָגנדיק: „עס גוט, טרינק גוט, מײַן קינד". ער איז געווען אַ גוט דערצויגן קינד וואָס האָט געוווסט ווי זיך אויפצופירן בײַם טיש ווײַל ער איז געווען געוווינט צו עסן אין שטובן פון רײַכע מענטשן און זיי געפעלט ניט אַז די אָרעמע זאָלן לאָזן פאַלן ברעקלעך אויף דער ערד. דו האָסט געקוקט אויף אים. מוטער הענרי; אַזוי לאַג איך וועל דערהאַלטן מײַן זכרון וועל איך געדענקען די בליקן וואָס האָסט געווענדעט צו דײַן זון. דו ביזט געווען אַן אַלטע בעטלערן וואָס האָט געוווינט אין אַביידל און ביזט אַרומגעפאָרן צו קלאַפּן אין טירן,

(1) פּאַרציינטנס פלעגט מען גלויבן אַז די קראַנקהייטן ווערן פאַראורזאַכט דורך שעדלעכע פליסיקייטן וואָס צירקולירן אין קערפּער און וועלכע מען פלעגט רופן „הומאָרן". — י. ז.

אונטערן רעגן אָדער אין די היצן. ווינטער פלעגט דײַן טונקעלע האַנט צופרעסן דײַן ברוסט, וווּהין דער אײַז-קאַלטער ווינט פלעגט אַרײַנדרינגען. און דײַנע אַלטע טריט, אין זומער צײַט, פול מיט שווייס, זענען אויסגעגאַנגען, אונטער דער הייסער זון, אומ-צאַליקע וועגן וואָס פלעגן פאַרמאַטערן דײַנע פיס דיר צו געבן ברויט. די אָרעמקייט האָט אַרומגערינגלט דײַן קערפּער ווי אַ דיקער שטריק און האָט דיך געשלעפּט ווי דער האַר שלעפּט אַ בהמה זי צו ווײַזן בײַ די טירן פון די שטובן. מוטער הענרי, ווען דו האָסט געקוקט אויף דײַן קינד האָט מען געפילט אַז דו ביזט אַ גליקלעכע פרוי. דו האָסט געקוקט אויף דײַן קינד ווי יעזוס מוז קוקן אויף יענע, וועלכע ער האָט געבראַכט אויף דער וועלט און וועלכע ער מאַכט לײַדן. אָבער דו האָסט, איבערהויפּט, געקוקט אויף אים ווי מען קוקט אויף דעם גליק. דײַן זון איז אין דײַנע אויגן געווען שיין ווי אַ פּאַלאַץ מיט אַ פּאַרק. דער בעל-הבית שטעלט זיך אָפּ און באַקוקט אים טראַכטנדיק אַז דאָרטן איז זײַן לעבן: רײַכטום, באַקוועמלעכ-קייט, שיינקייט. דײַן קינד איז געווען בעסער ווי די וואַרעמ-קייט פון די גוטע היימען, ווי די קושן פון די פאַרליבטע און ווי דאָס פלייש וואָס מען עסט טרינקענדיק דערבײַ ווײַן. ער האָט בײַ דיר פאַרנומען דאָס פּלאַץ פון אַלע די זאַכן. דערפאַר האָסטו אים באַוווּנדערט. יענעם נאָכמיטאָג האָט געגרעגנט. דײַן קינד האָט געזאָגט: „עס רעגנט". אין אונדזערע מקומות רעדט מען זייער שלעכט, און דער עולם איז געוווינט צו זאָגן: „זי רעגנט". דו האָסט געמאַכט די באַמערקונג מײַן מוטער: „האָט איר גע-זען, מאַדאַם, מײַן קינדעלע זאָגט ניט: זי רעגנט, נאָר: „עס רעגנט". דײַן קליינער האָט געשמייכלט: „זעט, מאַדאַם, האָסטו געזאָגט, וואָס פאַר אַ שיינע ציין ער האָט". און ווען דו ביזט אויפגעשטאַנען אַוועקצוגיין האָט די מאַמע דיר געזאָגט: „שיינט צו זײַן זייער קלוג אײַער זונדעלע". דאַן, מאַדאַם הענרי, האָב איך געזען דײַנע אויגן ווי צוויי טיפע נשמות אין וועלכע עס איז אַרײַנגעפאַלן די ליבע.

דערנאָך ביזטו אַוועקגעגאַנגען, צווישן דײַן קאָרב און דײַן קינד. אין דײַן קאָרב איז געליגן דײַן לעבן אָבער דײַן קינד האָט אַנטהאַלטן אינגאַנצן דײַן גליק.

מײַן מוטער האָט ניט געוואָגט מיר צולייגן די קאָרע פון „טאָרוויסקאָ". מען האָט ניט געטאָרט צולייגן היימישע רפואות צו מײַן קראַנקער באַק. מעגלעך ער איז געווען גוט, דער „טאַר־וויסקאָ", אָבער פאָרזיכטיקייט האָט געראַטן אים ניט באַנוצן. די מאַמע איז געווען ענלעך צו די אַלטע פויערים וואָס ווען זיי ווערן קראַנק רופן זיי דעם דאָקטאָר. אַז דער דאָקטאָר זאָגט: „עס איז גאָרנישט, מען דאַרף נעמען די אָדער יענע פשוטע רפואה", פאָלגן זיי אים ווײַל אויב עס וועט ניט אויסהיילן וועט עס אויך ניט שעדיקן. אָבער אַז דער דאָקטאָר פאַרשרײַבט אַ קאָמפּליצירטע מעדיצין, שאָקלט דער אַלטער מיטן קאָפּ און טראַכט: „זיכער האָט ער אַ טעות געהאַט מיט אַלע די רע־צעפּטן פון דער אַפּטייק. די קראַנקהייט וועט שוין אַוועקגיין אַזוי ווי זי איז געקומען!" עס קומט פאָר מיט די דאָקטוירים ווי מיט די ראַטגעבער. מען הערט זיי אויס ווען זיי האָבן די זעל־ביקע מיינונג ווי מיר.

אָבער די מאַמע איז ניט געווען אַנטשלאָסן. די אומגלײַכע וועגן האָבן אַ באַרגאַראָפּ וואָס מען קאָן נישט בײַשטיין און וואָס פאַרשלעפּט אונדז ביזן סוף. דו האָסט אָנגעפּרעגט בײַ דער ווינשאַפט פון אַ זנאַכערקע, דו האָסט זי פאַרשטאַנען און וואָלסט געוואָלט זי פאָלגן. די נײַגעריקייט פאַרבינדט זיך מיט דער האָפענונג און שטויסט אונדז. מײַן מוטער האָט עס געטאָן, געשטויסט איבערהויפּט פון דער האָפענונג. אַ „טאָרוויסקא"־קאָרע ווירקט ווײַל עס ציט אַרויס די שלעכטע הומאָרן, פאַר־וואָס זאָל מען אים ניט קאָנען צולייגן אויף דעם פּלאַץ וואָס מען קלייבט אַליין אויס? ווען איך וואָלט צוגעלייגט בײַ מײַן קינד אויף דער האַנט אַ ביסעלע קאָרע וואָלט דער גאַנצער שלעכ־טער הומאָר פאַרשוווּנדן און דער פון באַק אויך. די מאַמע האָט

אַרגומענטירט פֿאַר אַלע שכנות, און אַלע זענען געווען אײַנשטי־מיק. „איך, אויף אײַער פּלאַץ, וואָלט געפּרוּווט". אין משך פֿון עטלעכע טעג האָט די מוטער זיך אַרומגעדרייט מיט דער אידעע אין קאָפּ און ווען די זאַך איז בײַ איר געוואָרן צײַטיק האָט זי באַשלאָסן דאָס אויסצופּרוּוון אין אַ שבת, און געוואַרט אַכט טעג אויף דעם רעזולטאַט.

אָבער וויי! אויך דו, קאָרע, אָרעמע היימישע רפֿואה וואָס ביזט געליגן אויף מײַן האַנט פֿון שבת ביז שבת, האָסט אונדז אָפּגענאַרט. מיר זענען געווען געוווינט צו די אַנטוישונגען נאָך פֿון די צײַטן פֿון דער זאַלב און פֿון דעם שניט און צולעצט האָבן מיר דערלאָזט עס זאָלן שפּראָצן נאָר זייער קלייניקע האָפֿע־נונגען כּדי ווען זיי וועלן אַוועקגיין זאָלן מיר ניט בלײַבן אינ־גאַנצן ליידיק. אָבער דו, קאָרע, היימישע רפֿואה, באַשיידענע רפֿואה פֿאַר מענטשן ווי מיר, דו האָסט דײַנע אייגענע ניט גע־ווען געדאַרפֿט אָפּנאַרן. מיר האָבן דיר פֿאַרגעבן און מיר האָבן אפֿילו געמיינט אַז עס האָט אונדז געפֿעלט געוואָגטקייט. די מוטער האָט געזאָגט: מען וואָלט באַדאַרפֿט צולייגן די קאָרע אויף דײַן באַק, קינד מײַנס, אָבער איך וואָג ניט. מעגלעך אַז מוטער הענרי איז געווען גערעכט ווען זי האָט געזאָגט אַז מען דאַרף אָנגרייפֿן די קראַנקהייט אויף איר זעלבן פּלאַץ.

און די צײַט איז געגאַנגען, ווי עס פֿאַרגייט די צײַט בײַ די קראַנקע. מיר האָבן דעם דאָקטאָר גאָרניט דערציילט פֿון דער מוטער הענרי, ווײַל דאָקטוירים זענען געלערנטע מענטשן וואָס האָבן ניט ליב קאָמפּעטענץ. די צײַט פֿלעג אויפֿשטיין אַלע אינ־דערפֿרי און שלעפֿן גרויע טעג אין אונדזער שטוב, לענג אויס די גאַסן און צווישן די ביכער. מען פֿלעג זי זען זיך אַוועק־שטעלן שעהן לאַנג און אָנשפּאַרן אירע שווערע פֿויסטן אויף מײַן שטערן. מיר פֿלעגן גיין אָפֿט צום דאָקטאָר און אין די טעג האָט די צײַט פֿון אונדזער לעבן אויסגעוויזן אַביסעלע לויטע־רער און גרינגער. מען וואָלט געזאָגט אַז די דאָקטוירים קורירן

אונדז אויס פון דער צײַט, גלײַך די צײַט וואָלט געווען די קראַנקהייט. מיר פלעגן גיין צום דאָקטאָר. עס איז אַדורך דער ווינטער, אויך פרילינג, עס איז געקומען דער זומער און מיר גייען נאָך אַלץ צום דאָקטאָר. העלף דיר, און גאָט וועט דיר העלפן. אָ! יאָ, מיר פלעגן זיך העלפן אָבער גאָט האָט לאַנג געוואַרט מיט זײַן הילף. און אַך האָבן מיר פאַרנוצט געדולד, מאַמע! ווען מיר פלעגן זיך אָננעמען בײַ די הענט צו גיין צום דאָקטאָר, פלעגן מיר טראַכטן: „שוין אַ לאַנגע צײַט אַז מיר קענען דעם וועג". און מיר פלעגן צוריקגיין טראַכטנדיק בײַדע: „שוין לאַנג אַז דער דאָקטאָר פאַרשטייט ניט גאָרניט פון דער דאָזיקער קראַנקהייט". די צײַט איז פאַרבײַגעגאַנגען אָנגעטאָן אינגאַצן אין אײַזן, ווי אַ מוראַדיקער קריגער וואָס וויל ניט גיין זײַן וועג.

איינמאָל האָט זיך די צײַט אָפּגעשטעלט נעבן אונדז. דאָס איז געווען ווען דער דאָקטאָר האָט געמיינט אַז ער קען מיך אויסקורירן מיט צוויי ברענאייזנס. יאָ! דער דאָקטאָר האָט אין אַ טאָג געזאָגט: „מען וואָלט אים באַדאַרפט אויסברענען אויף צוויי ערטער. עס וועט אים גאָרניט זײַן און מן הסתם וועט עס אים פאַרגרינגערן". ער האָט מיך געפרעגט: „ווי אַזוי שרײַבסטו ברענאײַזן? — ברענאײַזן. — אָבער ניין, האָט ער מיר געענטפערט. זעסט ניט אַז אַזוי קלינגט בײַ דיר שטאַרק די „ר" און זאָגסט „ברררר...ענאײַזן". מען שרײַבט: „ברענאייזן". ווען איך האָב זיך דערוווּסט ווי אַזוי מען שרײַבט אָן ברענאײַזן, איז ער מיר געוואָרן היימיש. ברענאײַזן, ביזט געווען ענלעך צו מײַנע היימישע שטוב חיות, צו זשאַן ד'אַרק און צו נאַפּאָלעאָן און ביזט געקומען צו מיר, פונקט ווי זיי, דורך מײַן נײַער וויסנשאַפט, צו פאַרגרינגערן מײַנע ווייטיקן. אין משך פון אַכט טעג האָבן מיר געוואַרט אויף דיר, ברענאײַזן, ווי מען וואַרט אויף אַ גוטער זאַך: איך, ווײַל איך האָב דיך געקאָנט, און די מאַמע ווײַל זי האָט געגלויבט אין דיר. איך דענק, ברענאײַזן פון מײַנע

קינדישע יאָרן, אַז קיינער האָט דיך קיינמאָל אַזוי נישט אויפגענומען צווישן די מענטשן ווי די מוטער און דער זון וואָס האָבן געוואַרט אויף דיר.

עס איז אמת אַז מיר האָבן געהאַט געפּרוּווט אַ סך רפואות, אָבער יעדע נײַע רפואה באַזיצט אייגנאַרטיקע אייגנשאַפטן (פון וועלכע, די בעסטע איז, ווי איך דענק, די וואָס שפּײַזט די האָפענונג). די דאָקטוירים האָבן מיט אונדז אַרומשפּאַצירט לענג אוים די מענטשלעכע דערקענטעניש.

אין יענעם פרימאָרגן פון די ברענאַײַזנס, האָב איך זיך גיט געקאָנט פאָרשטעלן וואָס עס געשעט. קענענדיק מײַן קראַנקהייט, האָט מײַן מוח זי געהאַט פאַרהיימישט און איך פלעג זי פאַראייניקן מיט מײַן לעבן אָן מורא אַז זי זאָל זיך רעבעלירן. אָבער אין אַ טאָג האָט מײַן מוח באַמערקט אַז די היימישע חיה איז אַ חיה דערפאַר ווײַל מען האָט מיט איר געהאַנדלט ווי מיט אַ חיה. און ווירקלעך, די ברענאַײַזנס וואַרפט מען אַרויף אויפן פלייש און זיי פרעסן עס מיט אַ באַזונדער בייזקייט. אַזוי וואַרפט מען אַרויף אַ כאַפּטע יאַגד־הינט אויף אַ ווילדן חזר און זיי צערײַסן אים אין וואַלד. דער דאָקטאָר האָט אָפּערירט, די מאַמע האָט מיך געהאַלטן בײַם קאָפּ און איך האָב זיך געקלאָגט מיט לאַנגע קרעכצן, אַלע אַלצאיינע. איך האָב גע־קרעכצט אַ סך מער איבער מײַן קראַנקהייט ווי פון די אײַזנס. איך האָב נאָכאַמאָל געזען די געשווילעכץ וואָס גאָט האָט אַוועקגעלייגט אויף מײַן באַק און וואָס האָט מיך געשלעפּט שוין אַזויפיל צײַט אויף דעם שווערן וועג וואָס האָט דערשעפּט מײַנע כוחות. איך האָב געבעטן אַן ענטפער אויף זייער קללה בײַ אַלע מענטשלעכע און געטלעכע מאַכטן. פאַרוואָס האָבן זיי זיך געזאָלט איזדיעקעווען איבער מיר וואָס איך האָב קיין שלעכט געטאָן? איך פלעג גיין אין שול יעדן פרימאָרגן און פלעג מאַכן מײַנע אויפגאַבעס, פאַרוואָס האָט מען מיך באַדאַרפט פאַרווונדן אין פנים אַז די וווּנד זאָל זיך אַרויסזען און די שטראָף

זאָל זײַן אַ טיפּע? מײַן באַק פּאַלט אײַן אונטער צוויי ברענ־אײַזנס און מען באַצייכנט מיך מיט אַ באַליידיקנדיקן סימן וואָס וועט דויערן דאָס גאַנצע לעבן. אָבער ווייניקסטנס זאָל איך זיך כאָטש אויסהיילן. זאָל די פויסט אַרײַנדרינגען אין מײַן פלייש, דאָס לײַדן קימערט מיך שוין נישט, אָבער ווייניקסטנס לאָזט מיך זיך אויסהיילן.

עטלעכע טעג שפּעטער, ווען דער דאָקטאָר האָט צוגענו־מען די צוויי ברענאײַזנס, זענען געבליבן צוויי לעכער פון וועל־כע מיר האָבן באַדאַרפט לאָזן עס זאָל אַרויסגיין אַ פליסיקייט. ביז יענעם טאָג האָב איך געוווּסט אַז איך בין קראַנק ווײַל איך האָב געליטן, ווײַל איך האָב גענומען רפואות און ווײַל מען פלעגט מיך פירן צום דאָקטאָר. אָבער די דאָזיקע עלעגאַנטע קראַנקהייטן בלײַבן אויף אונדזער אויבערפלאַך ווי אַריסטאָ־קראַטישע וויזיטן. זיי זענען כמעט געזאַלבט מיט גליק. מען זאָגט צו זיך: „איך בין קראַנק" כדי זיך אויסצוטיילן צווישן די אַנדערע מענטשן און מיר פילן אַז די קראַנקהייט מיינט אַ שטייגערונג, ווײַל זי מאַכט פײַנער די קראַנקע. אָבער אַז דאָס פלייש ווערט צעריסן, די קראַנקהייט באַווײַזט זיך מיט צוויי לעכער און זי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ קראַנקהייט מיט וועלכער מען דאַרף זיך שעמען, און שוין איז דער קראַנקער אַ פאַרווונ־דעטער מענטש וואָס לאָזט איבער זײַנע געדאַנקען אין זײַנע וווּנדן, ווי זיי ווערן אויך צעפוילט און לעבן מיט די וווּנדן.

איך האָב געהאַט פאַרלוירן מײַן רו און מײַן געוווינהייט. אין שול גייען מיר אַרײַן די זאַכן אין קאָפּ, מעכאַניש. אין מײַן גײַסט זענען פאַראַן צוויי טיילן: איינע אין וועלכער עס קומט אַרײַן די דערקענטעניש פון דער וועלט, קעגן מײַן ווילן, ווײַל איך האָב חושים; און די אַנדערע, אין וועלכער עס זענען פאַ־ראַן צוויי לעכער וואָס נעמען אַרײַן מײַן נשמה. איך בין נאָר די דאָזיקע צווייטע טייל. מײַן אײַנגעצוויגענע נשמה טראַכט און וויינט. אין אַ טאָג האָט דער לערער מיר געגעבן אַ פּאַטש ווײַל

איך האָב זיך נישט צוגעהערט צו זײַנע אַנווײַזונגען. דעמאָלט האָבן זיך באַוויזן צוויי פּעדעם אייטער פליסנדיק פון מײַן באַק. דער אייטער האָט פאַראַטן אַ באַהאַלטענע לאַסט און האָט באַוויזן אַז מען טאָר ניט באַרירן דאָס קינד וועמענס פלייש פוילט. די דאָזיקע צוויי פּעדעמלעך פון אייטער האָבן מיך אָפּגעטיילט פון דער וועלט.

מײַנע נעכט זענען געווען שוואַרצע און שווערע. אַן אומבאַשטרײַטבאַרער שלאָף פלעג מיר בינדן הענט און פיס און ניט דערלאָזן אַז אַ געדאַנק זאָל זיך צו מיר דערנענטערן. מײַן דערשעפּונג האָט זיך גענומען פון דער גרויסער מידקייט אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען מײַן גאַנצער קערפּער דורך זײַנע חושים, דורך זײַנע גלידער און דורך זײַנע געדערים, וואָס האָבן שוין ניט געקאָנט אַרבעטן ווײַל די קראַנקהייט האָט זיי דערשעפּט. נאָר מײַן כראָפּען האָט עדות געזאָגט אַז איך האָב געלעבט, און דאָס כראָפּען איז אויך געווען מידקייט. דאָס כראָפּען איז געווען ווי אַ כאָרכלען, ווי אַן אָטעם וואָס וויל אַרויס אָבער וואָס דאַרף זיך עפענען אַ וועג צווישן די זומפּן. ווען איך פלעג אַמאָל אָפּשטעלן מײַן כראָפּען, פלעגט מײַן מוטער טראַכטן: „מעגלעך אַז זײַן אָטעם האָט ניט געקאָנט אַרויסגיין". און פלעג מיך באַטאַפּן צו זען צי איך בין נישט געווען טויט. אינדערפרי פלעג איך אויפשטיין מיט אַ ביטערניש אין מויל און פול מיט אַ אייטער, וואָס האָט געשיינט זיך צו צעשפּרייטן אויך ביז מײַן מוח, ווי אפילו די אידעען האָבן געשיינט צו ווערן געדיכטער. און עס איז געקומען אַ טאָג ווען איך האָב ניט געקאָנט פאַרמאַכן דאָס מויל. עפּעס האָט זיך מיר אויסגעוויזן אַז אַ שכל-צאָן האָט מיך באַלעסטיקט אין דער יאַסלע. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט: „אָבער דאָס איז דאָך דער ביין וואָס גייט אַרויס! אַצינד פאַרשטיי איך זײַן קראַנקהייט. זעט מאַדאַם, דער ביין איז געווען קראַנק. איך האָב עס תמיד חושד געווען".

ער האָט גענומען צוויי צווענגלעך און האָט אַרויסגענומען דאָס שטיק ביין ווי מען נעמט אַרויס אַ צאָן. מײַן מוטער און איך האָבן געקוקט אויף דעם, ווי מען קוקט אויף אַ טייל פון אונדז זעלבסט, און מיט גרויס שרעק. מיר האָבן מורא געהאַט ווײַל אַ קראַנקער ביין מוז זײַן ענלעך צו אַ ווונד און מיר האָבן געמיינט אַז קוקנדיק אויף איר, ווער איר טיפקייט און איר אייטער אונדז ברענגען לײַדן. אָבער ניין, דאָס איז פּשוט געווען אַ ביינדעלע מיט פּאָרן און אַביסל גרויער ווי דער געווענלעכער. און עס האָט אונדז געוווּנדערט וואָס אַזאַ קלייניקייט האָט געקאָנט ברענגען אַזעלכע לײַדן.

מיר האָבן אים אײַנגעוויקלט אין זײַד־פּאַפּיר כדי דאָס צו באַהאַלטן, אָבער באמת זענען מיר נאָך ניט געווען אינגאַנצן רואיק. עס קאָן זיך אָנהייבן מיט אַ ביינדעלע פון קינביין. אויך אַ פּשוטע ביין־אַנטצינדונג הייבט זיך אָן מיט אַ קלייניניקער געשווילעכץ און עס דערגייט צו אַ קראַנקהייט וואָס דויערט אַ לאַנגע צײַט. הײַנט איז איין שטיקעלע, מאָרגן אַ צווייטס און דערנאָך פאַרשווינדט דער גאַנצער ביין. דערנאָך ווערן אַנדערע ביינער אָנגעגריפן צוליב דער שלעכטער שכנהשאַפט, ווײַל די קראַנקהייטן צעשפּרייטן זיך אַזוי ביז זיי דערגרייכן זייער לעצטן ציל וואָס איז דער טויט. ווען מען זעט ווי אַזוי די קראַנקהייטן ווערן געבוירן און אַנטוויקלען זיך, פאַרשטייט מען אַז די מענטשהייט איז געקומען אויף דער וועלט נאָר כדי צו לײַדן פון זיי. עס גייט מיר אַרויס, דורכן מויל, אַ ביין פון קינביין און מיר פרעגן זיך צי אַלע ביינער פון קאָפּ וועלן ניט וועלן אַרויסגיין דורכן זעלביקן וועג.

אָ, די וואָכן וואָס זענען דערנאָך געקומען! איך האָב געפילט אַז מײַן קינביין צעפּיצלט זיך יעדע מינוט ווי עס צעברעקלט זיך די צײַט און מיט דער אומגעענדערטער רואיקייט וואָס נעמט זיך פון די גרויסע כוחות. דאָס האָב איך געדענקט אַז איך פיל. ווען מײַן בלוט האָט באַקומען אַביסעלע מער לעבן,

ווען עס האָט אויסגעזען אַז איך באַקום שוין אַביסעלע מער רו, האָט די קראַנקהייט זיך שנעל געערגערט. דאָס איז אַ מאַרש צום טויט. גאָט מאַכט אַמאָל דער מאַרש זאָל זײַן אנגענעמער און שנעלער, אָבער דאָס איז כדי אונדז בעסער אָפּצונאַרן, מיר זאָלן שנעלער דערגרייכן די ענדע. און איך בין געווען אַן אָרעם און געבראָכן קינד. איך פלעג זיך זעצן אויף מײַן בענקל, איך פלעג זיך לייגן אין מײַן בעט און אַוועקלייגן מײַנע הענט אין אַ צלם, ווי יענער אַנדערער וואָס האָט אַזויפיל געליטן. און איך האָב ניט געוועין געוואָלט לײַדן און האָב ניט געווען געוואָלט שטאַרבן.

די טאַטן פון לעבן האָבן זיך מיר אויסגעוויזן איבעריקע. אָ! עס ענדיקט זיך דער זומער און עס איז שוין כמעט הארבסט און עס איז אַ שיינע זון און בלויען הימל. אָבער, וואָס האָבן מיך געקימערט די אַלע זאַכן! און וואָס האָבן מיך געקימערט די אַרבעט, די ווערטער און די וויזיטן צום דאָקטאָר; מײַנע אײַדעלע ווונען אין צוויי אָפּענע לעכער אין מײַן באַק, נעבן די ביינער פון מײַן קינביין אין אַ געגנט, וווּ מען לעבט נאָר אַ מאָגער און פאַרפוילט לעבן. די וועלט איז ניט געזונט; די דאָקטוירים קענען ניט היילן די קראַנקע און די אַרבעט און די ווערטער זענען איבעריק, ווײַל מען דאַרף דאָך שטאַרבן.

מײַן אָרעמע מוטער פלעגט מיך נעמען פאַר דער האַנט און מיך שלעפּן. מיר דאַרפן זײַן אײַנגעשפּאַרט אין אונדזערע האָפענונגען און נאָכגיין מוטיק דעם שיקזאַל ביז צום סוף. דער שיקזאַל האָט אונדז ווײַטער געפירט צום דאָקטאָר. מײַן מוטער איז אים נאָכגעגאַנגען, תמיד די זעלביקע און שטאַרקע ווי די כוחות וואָס האָבן אונדז געשטופּט, און איז אים נאָכגעגאַנגען ביז צום סוף, פירנדיק מיך בײַ דער האַנט. איך פלעג מיר גיין מיט מײַנע וואַטאַווע קליינינקע טריט, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן און געפילט אין מיר אַלע איבלען פון אַ באַזיגטן: „האָב מוט, מײַן קינד. די דאָקטוירים וואָס ציען אונדז אַרוים די ביינער לאָזן

אונדז ניט ליידן א לאנגע צייט. און דערנאך וועל איך דיר קויפן זעמל, דו וועסט זיי עסן מיט ווייַן; און דו ווייסט גאנץ גוט אז זיי זענען אזוי מחיהדיק ווי די צוקערלעך און שטארקן דאס הארץ פון די קראנקע קינדער".

אן אנדער טאג האט זי מיר געזאגט: „אז דו וועסט זיך גוט אויפירן און וועסט נישט שרייַען וועל איך דיר קויפן א רויטן און בלויען בלייַער". איך האב געוואלט געווינען דעם רויטן און בלויען בלייַער וואס נוצט צו געבן קאליר שיינע געמעלן. דעם טאג האט מיר שוין דער דאקטאר געוואוסט געקאנט ארויסציען א סך ביינער און איך וואלט ניט געשריגן. א בלייער רויט און בלוי האט אין זיך א גרויסן כוח. מען באערט אים מיט זיינע צוויי בלישטשענדיקע קאלירן וואס דערמאנען דעם אוניפארם פון די סאלדאטן! איך פלעג אים זען פאר מייַנע אויגן באגאבט מיט זייַן גאנצער פראכט. מען דארף ליידן אים צו געווינען, אבער עס איז אזוי גוט אים צו האבן, אז עס ווייַזט זיך אויס אז נאך דעם ווי מען באזיצט אים, קען מען שוין נישט שטארבן.

דער דאקטאר האט באדארפט מאכן א רייזע קיין פאריז. פארן אוועקפארן האט ער אונדז געזאגט: „איך וועל מיטנעמען איינעם פון די ביינדעלעך וואס מיר האבן ארויסגעצויגן, כדי דאס צו ווייַזן איינעם פון מייַנע אלטע פראפעסארן". און ווען ער איז צוריקגעקומען, אט וואס מיר האבן זיך דערוווּסט: „עס האנדלט זיך ווירקלעך פון אן אנטצינדונג פון ביין, ווי איך האב אייַך געזאגט. מען האט געוועזן באדארפט אפערירן און אפקראצן דעם קראנקן ביין, אבער איצטער איז עס שוין נישט מעגלעך, דערפאר ווייַל דאס קינד איז זייער שוואך. לאמיר דאס לאזן צורו און צום סוף וועט דאס שלעכטע אוועקגיין."

מיר האבן עס געלאזן צורו. די רעזיגנאציע פון די ארעמע צעלייגט זיך אונטערן הימל ווי א פארוווּנדעטע חיה און קוקט מיט א זיסן בליק אויף די זאכן וועלכע זי קאן נישט דערגרייכן.

נעבן דאקטאר האט זיך מייַן קראנקהייט פארערגערט, ווייַל

דאָס איז געווען מײַן גורל. מען האָט געווען באַדאַרפט אָפּעפּ־
רירן. אָבער מיר האָבן דערפאַר קיינעם נישט באַשולדיקט, ווײַל
מיר זענען געווען אָרעמע. די אַרבעטער ווייסן אַז דאָס לעבן איז
האַרט ווײַל מען דאַרף אַרבעטן אַלע טעג, און די קראַנקהייטן
לערנען זיי אַז עס איז נאָך האַרטער ווײַל מען דערהאַלט נישט
תמיד דאָס לעבן וואָס האָט אַזוי פיל געקאָסט דאָס אויפצוהאַל־
טן. די דאָקטוירים זענען רײַך, און זייער פאַרמעגן דערווײַטערט
זיי פון אונדז. זיי פאָרן דורך אין דראָשקעס. זייער בליק שטעלט
זיך קוים אָפּ אויף אונדזערע באַשיידענע שטיבער און זייער
גייסט באַדויערט זיי אַ רגע, דערנאָך פאָרן זיי ווײַטער. מיר
בלײַבן אײַנגעבויגן איבער אונדזער אַרבעט און מיר זענען
מסכים מיט די נאַטירלעכע געזעצן: די אַרבעט, די קראַנקהייטן
און דאָס רײַכטום. מיר זאָגן נאָר: „מיר האָבן נישט קיין מזל".
דאָס איז די אַנטגילטיקע פאָרמולע פון אונדזערע מוחות, אַדאַנק
וועמען מיר קאָנען לעבן אין אייביקן אומגליק.

עס איז געשען אַז דאָס לעצטע שטיקעלע ביין איז אַרויס־
געפאַלן פון מײַן קינביין. איך האָב זיך אויסקורירט און די דאָ־
זיקע קוראַציע האָט אונדז אָנגעפילט מיט פאַרוווּנדערונג.

פערטער קאַפּיטל

צו די צוועלף יאָר ווערן שוין די קינדער גרויסע און מען דערמאָנט זיך אַז זיי זענען געווען אַמאָל קליינינקע. חוץ דעם באַמערקן מיר אַז זיי ווערן אומאָפּהענגיק און דאָס דער־מאָנט אונדז דעם מאָמענט אין וועלכן דאָס פייגעלע הייבט אָן פליען. ווער האָט עס דען נישט געזען? די פייגעלעך שפּאַרן אָן זייערע פּיסלעך אויפן ראַנד פון דער נעסט און קוקן זיך אַרום. זיי זעען אַלצדינג אַזוי שיין אַז זיי שרייַען אויס: „קווי, קווי!" און לאָזן זיך אַוועק. עס דערשייַנען פעלדער, קוסטעס, שטיבער און אַ גאַנץ לעבן פון וועלכן זיי האָבן נישט געוווּסט. דערנאָך זענען פאַראַן אַנדערע נעסטן און אַנדערע פייגל מיט וועלכע זיי

וועלן זיך באַקענען, און וואָס וועלן מאַכן אַז זיי זאָלן בײַטן זייערע אידעען וועגן זייער געבורט־נעסט. קלוגשאַפט און לעבּ־האַפטיקייט; די קינדער פון צען און צוועלף יאָר וואָס גייען אַרום אין דער שטאָט און באַקוקן זי מיט אירע שטיבער, באַ־טראַכטן איר מסחר און געוווּנהייטן און באַרײַכערן זייער מוח וואָס גאַרט נאָך ספּעקטאַקלען. זיי שאַצן אָפּ די שיינקייט פון דעם וואָס רינגלט זיי אַרום פון שטאַנדפּונקט פון די שפּילערײַען און דאָס שפּאַצירן, ווײַל די קינדער פאַרבינדן אַלעם מיט זייער פּערזאָן, און זייערע אָפּשאַצונגען זענען קינדער פון זייער אַרט פאַרברענגען.

ביז דעמאָלט האָב איך געלעבט אַ לעבן פון אַ פאַרשפּאַרטן (פּונקט ווי די פייגעלעך, זאָג איך אײַך). די וועלט איז באַשטאַ־נען פון מײַן פּערזאָן און די געפילן וואָס פלעגן געבוירן ווערן פון דער טעטיקייט פון מײַנע אָרגאַנען. די שפּילערייען, די לײַדן און די ליבע צו מײַן מוטער פלעגן באַגרענעצן מײַן האָריזאָנט צווישן הויכע מויערן, אַזעלכע הויכע אַז מען האָט נישט פאַר־שטאַנען וואָס עס וואָלט געקאָנט פאַרקומען פון יענער זײַט. מײַן שטעטל איז געווען אַ שטאָט, אָט דער עפּעס געמאַכט פון גאַסן און שטיבער און וואָס הייסט גאַנץ פּשוט אַ שטאָט. מײַן שטיבעלע איז געווען נישט מער ווי אַ הויז, וואָס האָט אַ שוועל צום שפּילן זיך, צימערן וואָס זענען נוצלעך פאַר די גרויע טעג און אַ בעט און עטלעכע בענקלעך פאַר די מאָמענטן ווען מען איז מיד און קראַנק. עס איז אויך געווען די שולע, אָבער די שול איז ביכער און חברים.

מײַן שטעטל איז זייער נוצלעך ווײַל עס איז זייער רואיק. זײַן שטילקייט מאַכט לעבעדיקער אונדזערע געשרייען און מיר קענען זיך שפּילן אָן מורא אין די איינזאַמע גאַסן. אין די גאַסן קאָן מען אָרגאַניזירן יאַגד־פּאַרטיעס אין וועלכע איינ־קע זענען הינט, אַנדערע די יעגער און די מער כיטרע — ווילדע חיות. אין די פּאַרקן קאָן מען שפּילן אין כאַפּערלעך און

לויפן און שרייען אומבאַשטראָפטערהייט. און אין באַהעלטע־ניש קאָן מען שפּילן אומעטום: צווישן די פּעסלעך פון שענק, אין די שטאַלן, אין די שפּייַכלער און אין די שייַערן. אַזוי גייט די וועלט מיט אַ סך און ווידערשפּרעכנדיקע טעמים. די נוצ־לעכקייט פון די פּעסער שאַצן מיר אָפּ אויף אַן אַנדער אופן ווי דער שענקער, דאָס זעלביקע קען געזאָגט ווערן פון די סקלאַדן און פון די שפּייַכלער, און, דאָס באַווייַזט אַז דאָס לעבן האָט צוויי זייַטן: איינע פאַר די דערוואַקסענע און איינע פאַר די קינדער. דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט אַז עס איז אויך פאַ־ראַן איינע פאַר די דאַמען און איינע פאַר די קאַוואַליערן.

אין אַ רגע קאָן מען דורכגיין מייַן שטעטל, אָבער עס מאַכן זיך אויסערגעוויינלעכע טעג אין וועלכע עס קומט פאָר פאַר־שידן און קאָמפּליצירט. איך וועל פריער רעדן פון די זונטיקס. די זונטיקס אין מייַן שטעטל זענען געווען אַזעלכע שיינע אַז איך געדענק זיי נאָך אַלס זונטיקס פון פרילינג. דער פרימאָרגן מיט זייַן גאָטעסדינסט און זייַן מאַרק איז פול מיט פויערים, אין זייערע בלויע בלוזעס, מיט פויערטעס אָנגעטאָן אין שוואַרצן, און מיט מיידלעך חנ'עווודיקע מיט זייער געבעט־בוך און אַ שירעם. עס קומען צו די וועגענער געצויגן פון אייזלען, די קערב מיט פּוטער און אייער, די פּעטע זופּ און דאָס גע־שמאַקע געקעכץ פון מיטיק. זונטיקדיקער פרימאָרגן, פרי־מאָרגנס פון אויפלעבונג ווי אַ זונטיק פון פּאַסכע. די מענער און פרויען מאַכן אַ סך געשעפטן, אַ סך גערויש און גרייטן צו פּראָוויזיע אויף דער גאַנצער וואָך. די מענער און פרויען גרייטן צו סחורה און די קינדער פון צוועלף יאָר גרייטן צו גערויש און באַוועגונג.

זונטיק נאָכמיטיק גיי איך שפּאַצירן מיט מייַן מוטער און מיר באַזוכן אירע פריינדינס. די שטיבער וואָס זענען נישט אונדזערע דערשייַנען פאַר מיר ווי נייַע, באַלערנדע און באַצווי־בערנדע. דאָס לעבן וואָס פליסט אין זיי ווייַזט מיר די פּראַ־

ווינציעלע מינהגים, שמאָלע און רואיקע, וואָס באַגרעניצן זיך אויף דער אַרבעט פון דער וואָך און די זונטיקדיקע רו. און ווען מיר גייען אַהיים, ביינאַכט, גייען אַלע אַהיים. עס ווייזט אויס ווי די פּאַרקן וואָלטן גרעסער געוואָרן, ווי די גאַסן וואָלטן ברייטער געוואָרן ווען זיי ליידיקן זיך אויס. און ווי זיי, צאַפּלט נאָך אונדזער האַרץ, פאַר דעם צוריקקערן צו דעם טעגלעכן לעבן, אין וועמענס גרויסן מרחק עס שפּאַצירן זיך די קליינע געפילן.

עס זענען פאַראַן מאַרק־טעג און ימים־טובים. די מאַרק־טעג זענען פול מיט אָקסן, קי, קעלבער און איבערהויפּט חזי־רים. זיי זענען אויך פול מיט סוחרים, אַלטע פרויען מיט גע־וועלבלעך וואָס באַטן אָן טרובקעס, קנישעס און געבראָטענע חזירימלעך מיט טאָרט און האָניג פאַר פינף סאַנטים. אוודאי זענען פאַראַן אין די טעג פאַרשידנערליי טומלען און ספּעק־טאַקלען! פאַר אונדזערע אויגן גייט פאַרביי דאָס גאַנצע לעבן פון די פעלדער, צוזאַמענגעשטעלט פון בהמות, פּרוכט און מילכוואַרג, וואָס ווערן געבראַכט אויף די מערק צום פאַרקויפן. די ימים־טובים זענען טעג פון פאַרגעניגן. עס איז מער ווי רו, עס איז פאַרגעניגן. קאַרוסעלן, לאָטערייען, און פולע שענקן. ווי פיל טעטיקייט! די טענץ שפּרינגען און פאַרטיילן זייער מוזיק מיט אַזויפיל געשרייען און אַזויפיל טומל, גלייך דאָס מענטשלעכע לעבן וואָלט געכפּלט געוואָרן הונדערט מאָל. איך גיי דאָס אַלעס זען, אָבער מיך ציט צו דאָס וואָס גלאַנצט. די קאַרוסעל איז אַ צמצום פון די הימלישע וואונדער. זיי באַזיצן גאָלד־קאָלירן, מוזיק און באַוועגונג. איך גיב זיי אַוועק אַלעס וואָס איך טראָג אין קעשענע און ווען עס בלייבט מיר שוין גאָרנישט קוק איך ווי זיי דרייען זיך און גיב זיי אַוועק אַלע מיינע געפילן. די יום־טובים זענען אַזעלכע גוטע ווי יענע קרו־בים וואָס קומען צומאָל צו אונדז מיט מתנות און פרייד און נעבן וועלכע איר פאַרגעסט אין געדאַנקען און אין אַרבעט.

אָבער צו די צוועלף יאָר האָב איך איבערהויפּט דערקענט מײַן שטיבעלע. אַ פאַרוואונדעטע קינד, האָב איך ליב באַקומען דאָס לערנען. אַ זון פון אַ גוטער מוטער האָב איך געלעבט נעבן איר ווו מען האָט זיך געפילט גוט. אַלע צימערן פון מײַן שטי-בעלע האָבן אַ גרויסן ווערט אָבער ביז דעמאָלט איז מיר געווען ליבער דער אונטערשטער גרויסער צימער וואָס געהער דער מאַמען. איך באַדאַרף בלײַבן נאָענט פון איר, ווײַל איך נייטיק זיך אין איר לערע יעדע מינוט, און ווײַל איך דאַרף חוץ דעם זײַן אין צענטער פון דער נעסט כדי גוט אײַנצוזאַפּן אין זיך דאָס משפחה לעבן. די קינדער נעמען אָן די טראַדיציע פון די עלטערן, וואָס ליגט אין די געוועגלעכע טאַטן, אין די געווענ-לעכע געדאַנקען, אין די געוווינהייטן און אין דעם אויסשטאַט פון דער שטוב. דאָרטן איז אויך געווען מײַן פאָטערס קלייט. אָבער מײַן פאָטערס געשעפט איז אַן ערנסטע זאַך, און דאָרטן אַרבעט מען פאַר אונדזער טעגלעכן אויסהאַלט. דאָס קינד דאַרף נישט שטערן דאָס דורכפירן די העכערע פונקציעס פאַר דער פאַמיליע. מײַן פאָטער איז אַ געריכט און איך ווענדע זיך נאָר צו אים וועגן וויכטיקע אָנגעלעגנהייטן וואָס זאָלן שטיין אויף דער הויך פון זײַן אַרבעט. ווינציקסטנס דאַרף זיך האַנד-לען פון אַן אַריטמעטישן פּראָבלעם.

צו די צוועלף יאָר האָב איך געוווינט אין מײַן אויבערשטן צימערל. ווײַל עס איז געווען איזאָלירט, האָב איך געהאַט אַ ביסל אומאָפּהענגיקייט, אָבער עס איז געווען אַ טייל פון דער שטוב און די גערוישן פלעגן צו מיר דערגרייכן דורכן ווענטל. איך בין אַליין אין מײַן צימער אָבער איך בין מיט די מײַניקע און איך הער זיי. אַ געקלאַפּערײַ פון געצײַג בײַם באַאַרבעטן דאָס האָלץ: דאָס איז מײַן פאָטער. טריט וואָס אײלן זיך: דאָס איז די מאַמע. ביכער און פאַנטאַזיעס: דאָס בין איך. מײַן פענצטער האָט אַרויסגעקוקט אין אַ גרויסן גאָרטן און אין אונ-דזער קליינעם הויף; דער גרויסער ווײַטער גאָרטן וווּהין איך

זויל גיין און דער זייער נאָענטער הויף ווו איך געפֿין זיך. און אַט איז מײַן נשמה פון צוועלף יאָר וואָס שיפט זיך אײַן אין בלײַבט. איך פלעג שלאָפן אין מײַן צימערל. איינזאַמקייט פון די נעכט, דו ביזט שוואַרץ און אומבאַקאַנט. ווען איך שלאָף איז עס נישט וויכטיק, אָבער ווען איך וועק מיך איבער, איינזאַמקייט פון די נעכט, הער איך דײַנע גערוישן אַרום מײַן לעבן. אין שפּײַכלער זענען געווען גרויסע מײַז וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אויף מײַן קאָפּ מיט זייערע שווערע פיס. תמיד האָב איך געמיינט אַז זיי טראָגן שטיוול. פּלוצלינג הער איך עפּעס. איך שטעל אָן דעם אויער און הער זיך צו. איין געפיל זאָגט מיר אַז דאָס זענען די מײַז אָבער אַן אַנדערער זאָגט מיר פאַרקערט. די מײַז טרעטן נישט אַזוי שטאַרק. אַ מענטש האָט זיך געקאָנט, הײַנט נאָכמיטיק, באַהאַלטן אין שפּײַכלער, איבערוואַרטן דאָרטן ביז נאַכט און איצט קומט ער מיך הרגענען. מײַן מעסער טויג נישט און איך וועל מוזן בעטן בײַ מײַן פאָטער זײַן שווערדל זיך צו פאַרטיידיקן. עס ווײַזן אויס ווי שאָרכן און דערנאָך סקריפּען די טירן. איך הויב מיר אָן צו זאָגן אַז פאַרזיכטיקייט איז די מוטער פון זיכערקייט. עס קומט אָן די מורא און מײַן פאַנטאַזיע פאַרגרעסערט זי. איך וואַקל זיך שוין נישט. איך שפּרינג אַראָפּ פון בעט, גיי אַראָפּ די טרעפּ, באַהאַלט זיך נעבן מײַניקע און דערצייל זיי די גאַנצע געשיכטע. מען באַרואיקט מיך באַלד און מען באַווײַזט מיר אַז עס איז נישטאָ קיין געפאַר און די שלעכטע מענטשן האָבן נישט פאַרוואָס אונדז שלעכטס צו טאָן. מען באַרירט מײַן שטאָלץ און מען פרעגט מיך צי איך בין אַ מאַן. כדי זיי דאָס צו באַווײַזן נעם איך נישט אָן דעם פאָרשלאָג צו שלאָפן אין דערבייַיקן בעטל. איך גיי צוריק אַרויף מיט מײַן מוט און מיט מײַנע רואיקע געדאַנקען.

אחוץ איז געווען די שול. די שול ענטהאַלט שפּילערייען, קלאַסן און באַלוינונגען. דער לערער וואָס הייסט ה׳

שעוריע, גרייט אונדז צו כדי מיר זאָלן באַקומען אונדזערע דיפּלאָמען פון פּרימאַרער בילדונג. די אַלטע וויסנשאַפטלעכע רום וואָס אונדזער שול האָט תמיד געהאַט, איז געוואקסן אונטער זײַן דירעקציע. ה׳ שעוריע איז אַלט פופציק יאָר, אַ גרויסע ריינקייט, אַ פעסטן כאַראַקטער און באַשטימטע קענטע־נישן. אַלע די מעלות זענען נויטווענדיק. פופציק יאָר באַדײַטן דרך־ארץ. אַ סך ריינקייט דינט אַלס בײַשפּיל. זייער אַ פעסטער כאַראַקטער שרעקט. די באַשטימטע און באַגרענעצטע קענ־טענישן דרינגען אַרײַן אין די מוחות און דאָרטן באַזעצן זיי זיך פינקטלעך, יעדע איינע אויף אַ באַשטימטן פּלאַץ און אַלע אין פולקאָמענער אָרדענונג. „וואַניטאַס וואַניטאַטום״! עס זע־נען פאַראַן מענטשן וואָס ווייסן פון טויזנטער זאַכן און אַ דאַנק דעם גלאַנצן זיי אין די געשפּרעכן, אָבער בעסער וואָלט פאַר זיי געווען, ווען זיי ווייסן פּשוט וועגן עטלעכע קעגנשטאַנדן און געדענקען אייניקע דאַטומס. ווײַל אַזוי וואָלטן זיי גע־גלאַנצט אין די עקזאַמענס. אַזוי האָט געדענקט ה׳ שעוריע.

מיר גייען אין שול פריער פאַר די אַנדערע, זיבן אַזייגער אינדערפרי. און מיר גייען אַרויס זעקס פאַרנאַכט. דער דיק־טאַט, די אַריטמעטישע פּראָבלעמען, די לעקציעס פון היס־טאָריע, געאָגראַפיע און די איבונגען אין לייענען קומען איינע נאָך די אַנדערע און זיי דערגענצן זיך. דעמאָלט האָב איך גע־מיינט אַז די וויסנשאַפט איז נישט געווען קיין אַנגענעמע זאַך. די דיקטאַטן, אויסגעקליבענע, האָבן געהאַט די פעלערן וואָס מען דאַרף אויסמײַדן און די ווערטער וואָס מען דאַרף קענען. זיי האָבן באַהאַנדלט ערנסטע טעמעס וועגן מאָראַל און פּאָליטישער עקאָנאָמיע וואָס אינטערעסירן דעם מענטש און דער געזעלשאַפט. אָבער אונדזערע צוועלף יאָריקע מוחות זענען נישט געווען קיין מוחות פון דערוואַקסענע און האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין די געזעלשאַפט. דערפאַר האָבן אונדז אויסגעזען אַזוי לאַנגווײַליק די מאָראַלישע געזעצן און די פּאָ־

ליטישע עקאַנאָמיע און די דיקטאַטן וואָס מיר פלעגן איבער־טראָגן. דאָס לעבן קאָן נישט זײַן פשוטער: די קינדער שפּילן זיך, די דערוואַקסענע אַרבעטן און מיר זעען נישט אַז די מאָראַל און די פּאָליטישע עקאָנאָמיע זאָלן זיך אַרײַנמישן אין זייערע טאָטן. מענטשלעכע ווינשאַפטן „אַ פּריאָרי" וואָס האָבן מיך גאָרנישט געלערנט!

די פראַנצויזישע היסטאָריע איז שאַרל דער גרויסער, ווע־מען עס פאָלגט נאָך לודוויק דער גוטער, אין דעם און דעם יאָר; וועמען עס פאָלגן נאָך אין דעם אַנדערן יאָר זײַנע דרײַ זין: לודוויק דער דײַטשער, לאָטאַר און שאַרל מיטן ליסע קאָפּ. דאָס זענען דאַטומס און נעמען וואָס גייען אַרײַן אין קאָפּ און וואָס זענען ענלעך צום קוואַדראַט-וואָרצל פון אַ נומער אָדער צו די צופֿלוסן פון לינקן ברעג פון טײַך גאַראָן. די לייען-אי־בונגען רעדן פון די געוווינהייטן פון ביבער, פון לײדיקגייערײַ וואָס פרעסט דעם מענטשן, ווי זשאַווער פרעסט דאָס אײַזן, און פון „כואַניטאָ" וואָס רעדט מיטן אַלטן „טאַמאַס" וועגן די פאַרדינסטן פון דער דריטער רעפּובליק. מיר האָבן דערלערנט אַז דער זיידע פון דעם הײַנטיקן רײַכן גוטבאַזיצער איז געווען אַ שקלאַף אין די צײַטן פון די פעאָדאַלע האַרן, און דאָס באַ־ווײַזט אַז אין אונדזער יאָרהונדערט קען מען דערגרייכן פאַר־מעגן און כבוד דורך אַרבעט און שפּאָרזאַמקייט.

עקזאַמען פון פּרימאַרע שטודיומס! איך געדענק די זונ־טיקס אין וועלכע מיר פלעגן זיך נישט צוגרייטן זיך צו שטעלן פאַר דיר. שיינע זונטיקס פון חלומות, שפּאַצירן און לייענען. אין משך פון די זונטיקס האָט זיך געשטאַלטעט מײַן נשמה. חלומען וועגן טויזנט זאַכן דורך דעם אָפענעם פענצטער פון מײַן צימער, און קוקן אויפן הימל, די בלומען און די לאָנקע! זונטיקן געליבטע פון מײַן גערעכעניש אין וועלכע איך האָב געפילט אַז איך לעב! טעג אָן דיקטאַטן, אָן פּראָבלעמען אָן היסטאָריע און אָן געאָגראַפיע. מײַן מוח געהערט צו מיר און

איך באַנוץ אים ווי מיר געפעלט, כּדי מיר צו פאַרשאַפן אַביסל גליק. מײַנע חושים געהערן מיר און איך פיל ווי זיי לעבן און לאָז אַז מײַן מוח זאָל זיי פירן וווּהין אים געפעלט. מײַן מוח פלעגט זיי אָפט אַרומפירן אין די גרויסע רײַזעס וואָס מען געפינט באַשריבן אין די ביכער. ראָבינזאָן קרוסאָ: ווען דו ביזט געווען אַ מאַטראָז און דײַן שיף איז אונטערגעגאַנגען, וואָס פאַר אַ שיינע אַוואַנטורע! און דאָס ווילדע אינדזל? איך דערמאָן עס מיט איר מעלאַנכאָליע, מיט דײַן ביידל, מיט דעם הימל און מיט די ברעגן! ווי גליקלעך דו האָסט זיך געמוזט פילן, ראָבינזאָן קרוסאָ! איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין דײַן רעזיגנאַציע און דײַן פילאָזאָפיע. איך בין נישט געווען אײַנשטימיק מיט דײַן פּאָפּוגיי ווען זי פלעגט זאָגן: „ראָבינזאָן, מײַן אָרעמער ראָבינזאָן!" דו האָסט געמוזט זײַן זייער גליקלעך, ראָבינזאָן קרוסאָ! און אַצינד בין איך טרויעריק ווײַל דו האָסט קיינמאָל נישט עקזיסטירט. דו ביזט געווען אַזאַ גוטער און דײַן אינדזל איז געווען אַזאַ שיינער, אַז איך וואָלט אײַךביידע געוואָלט קענען. שלאָף בשלום, ראָבינזאָן קרוסאָ, ווײַט פון דער וועלט אין וועלכער דו האָסט נישט געלעבט. דו ביזט אַ שיינער חלום, פאַר אַ קינד פון צוועלף יאָר, און דו ביזט ענלעך צו די חלומות וועגן אַ גליק, וועמענס טעם איך האָב קיינמאָל נישט געקענט פילן.

עס זענען אויך געווען אַנדערע ביכער. עס זענען געווען ביכער פון היסטאָריע, ווײַל די היסטאָריע וואָס מען לייענט אין די גוטע ביכער דערציילט וועגן די מלחמות און די אַוואַנטורעס פון די מענטשן. עס איז נישט ווי די היסטאָריע וואָס מען לערנט אין שול, אָרעם, מיט דאַטומס, טראַקטאַטן און נאָכפאָלגונגען, נאָר אַזעלכע וואָס ווײַזט פראַנקרײַכס טומלדיקע זשעסטן און די אוניפאָרמס פון אירע זעלנער וואָס באַגײַסטערן די קינדער. איך פלעג לייענען דערציילונגען וועגן רײַזעס. איך האָב זיך באַקענט מיט בוגעינוויל, לאַ פּערוס און

דעם ה׳ ריכטער פון סופרען. די אינדזלען און די קאָנטינענטן זענען איבערפולט מיט אַוואַנטורן אין וועלכע מען דערשײַנט קרעפטיק און זיגעריש און פון וועלכע מען קומט צוריק באַלאָדן מיט רום. מען ווערט אויפגענומען פון קעניג פון פראַנקרײַך און מען באַקומט די טיטלען פון אַדמיראַל און קאַוואַליר פון סעינט לואי. איך האָב שוין געטראַכט אין דעם פאַרגעניגן וואָס דאָס וואָלט פאַרשאַפט מײַן מאַמען. עס איז געווען אַ געשיכטע אין וועלכער אַ שיק־ייִנגל פון ברעטאַניאַ איז צוריקגעקומען מיטן ראַנג פון אָפיציר און זײַן מוטער האָט קוים דערקענט איר איוואַנעט אין דעם עלעגאַנטן פלאָט־אָפיציר מיט אַ הויט פון בראָנדז קאָליר פון דער אַפריקאַנער זון.

אַזוי איז געווען מײַן וועלט צו די צוועלף יאָר. אַ וועלט וואָס האָט געצאַפּלט און געגלאַנצט. איך בין געווען אַזוי נײַ מיט מײַנע פליגל! איך האָב קיינמאָל נישט געזען די שטענדיקע זײַט פון די זאַכן, ווײַל דאָס לעבן איז ווי אונדזער נשמה, גלענצנד און פול מיט וויבראַציעס. מײַן דערפאַרונג איז געווען אַ קליינע, אַזאַ קליינע אַז איצטער שמייכל איך, ווײַל דעמאָלט האָט זי מיר אויסגעוויזן זייער גרויס. מײַנע ביכער האָבן מײַן דערפאַרונג געשטאַלטעט לויט זייער אינהאַלט: די רײַזע־ביכער האָבן מיר געזאָגט אַז איך דאַרף זײַן אַ ים־מענטש, די ביכער פון היסטאָריע, אַז איך דאַרף זײַן וויניקסטנס אַ גענעראַל און אַלע ביכער צוזאַמען האָבן געזאָגט אַז מען דאַרף טראָגן אַן אוניפאָרם צו קענען באַזיגן די פעלקער. איך האָב אַלעם געזען רויט ווי אַ זעלנער און האָב געווען געוואָלט אַז דער ערד־קויל זאָל אַרײַן אין אַזאַ קאָנוווּלסיע כדי איך זאָל קענען באַווײַזן מײַן מוט און פעסטשטעלן מײַן מאַכט.

אָבער עס האָט געהאַט חן ווען אַט דער שלאַנקער קריגער האָט מורא געהאַט צו שלאָפן אַליין און האָט נאָך יעדע מינוט באַדאַרפט אָנקומען צו זײַן מוטער.

צו די צוועלף יאָר האָב איך דיך אָנגעהויבן פאַרשטיין,

מאַמע. איך האָב דיך פֿאַרשטאַנען, ווי איך האָב פֿאַרשטאַנען אונדזער פֿאָלק און אונדזער שטוב, דאָס הייסט, מיט אַ סך אי־דעען פֿון אַ צד אָבער אויך מיט עטלעכע אומאָפּהענגיקע. צו די צוועלף יאָר האָב איך דיך אָנגעהויבן זען.

מאַמע, דו ביזט זייער אַ קליינינקע, טראָגסט אַ ווײַסע קופּקע, אַ שוואַרצע בלוזע און אַ בלויען פֿאַרטוך. גייסט אַרום אין אונדזער שטוב, ברענגסט אין אָרדענונג די זאַכן, קאָכסט און ביזט מאַמע. שטייסט אויף אינדערפֿרי צו אויסקערן, און דערנאָך גרייטסטו צו די זופּ, נאָך דעם קומסטו מיך אויפֿוועקן איך הער דײַנע טריט אויף די טרעפּ. עס קומט דער טאָג און מיט אים די שול, דערפֿאַר בין איך נישט זייער צופֿרידן. דו קושסט מיך און איך נעם אַרום דײַן האַלדז מיט מײַנע אָרעמס און קוש דיך. פֿריער פֿלעגט דער טאָג באַגלייטן אין שול; איצ־טער ביזטו די, וועלכע באַגלייטסט דעם טאָג. ביזט אַ געטלעכ־קייט וואָס פֿאַרטרײַבט די פֿוילקייט. עפֿנסט דאָס פֿענצטער און ביזט די לופֿט און די זון און ביזט אויך דער פֿרימאָרגן און די אַרבעט. דו ביזט דער קוואַל פֿון מײַנע אַקטן און דײַנע זשעסטן גיבן מיר די ערשטע געדאַנקען און דײַן צערטלעכ־קייט גיט מיר דאָס ערשטע גליק.

מאַמע, איך בין אַלט צוועלף יאָר און הויב דיך אָן פֿאַר־שטיין. איך אונטערשייד דיך צווישן די אַנדערע מאַמעס, ווי איך שײַד אונטער מײַן שטוב צווישן די אַנדערע שטיבער. האָסט באַוויזן צו ווערן אַ זעלטענע פֿרוי, וועמענס געוווינהייטן איך האָב געקענט און האָב זיך דערוווּסט אַז דו ביזט בעסער פֿון די אַנדערע פֿרויען. מאַמע, דו ביזט בעסער פֿון די אַנדערע פֿרויען. מאַמע, דו ביזט אַרבעטזאַם. מײַן פֿאָטערס אַרבעט גיט אונדז דאָס לעבן און דײַן אַרבעט באַשטייט אין דאָס אײַנאָרדענען. דער גערויש פֿון דײַן אַרבעט איז דער גערויש פֿון דער צײַט וואָס גייט פֿאַרבײַ יעדן טאָג מיט אירע עסנס, איר אַרבעט און איר רו. דו ווילסט עס זאָל אונדז גאָרנישט

פעלן, און אינגאַנצן דײַן קערפּער, דײַנע הענט, דײַנע אויגן און דײַנע פּים באַשעפטיקן זיך מיט די דאָזיקע אויפגאַבעס און איך פיל אַז דו האָסט געמאַכט פון זיי די באַדינער פון אונדזער לעבן און די וואָס מאַכן אַ טאָלק אין אונדזער פרייד. אָט איז דאָס געשיר, דאָס צוראַמען די שטוב, דאָס וואַסער וואָס מען דאַרף גיין ברענגען פון דעם ברונעם, דער בעזים און דאָס גרעט וואַשן. און די גענג אין שפּײַז קראָם, אין יאַטקע און אין אַלע קלייטן אײַנצוקויפן. דערנאָך דאַרף מען פאַרצירעווען און נײַען. דאָס זענען פּשוטע אַרבעטן וואָס פאַרציען זיך לענג-אויס דאָס לעבן און וואָס דו פירסט דורך אָן אויפהער. נאָך יעדער אַר־בעט זוכסטו שוין די צווייטע און גייסט נאָך איר געהאָרכזאַם און רואיק. שפּרײַזט דורך די צײַט און זיצט קיינמאָל נישט מיט פאַרלייגטע הענט.

און איך זע דיך, מאַמע. איך זע דיך מיט דײַן שטערן פון אַ גוטער פרוי וואָס אַנטהאַלט עטלעכע אידעען, מיט דײַנע אויגן פון אַ אשת-חיל וואָס קוקן נישט ווײַטער פון דער היים און מיט דײַנע ליפּן פון אַ מוטער, באַוועגלעכע און מילדע. איך זע דיך מיט דײַנע צאַרטע באַקן ווו עס זינקען מײַנע קושן. איך זע דײַנע הענט אַביסל שאַרסטקע, צעריבענע פון אַלע אַרבעטן פון לעבן. און די קופּקע רינגלט אַרום דײַן פּנים און גרענעצט עס אָפּ, אַזוי ווי דײַנע געפילן רינגלען אַרום דײַן לעבן און גרע־נעצן אָפּ דײַנע האַנדלונגען. פאַרנאַכט פוצסטו זיך צו אַביסל און טוסט דיר אָן אַ געפּאַלדעוועטע קופּקע. איך האָב ליבער די, וואָס האָט אַ סטענגע פון שוואַרצן סאַמעט. דו זיצסט, זייער אַ ריינע און עס שײַנט, גלײַך וואָלסט געוועזן אַ טייל פון צימער און מען וואָלט געזאָגט אַז דו גלאַנצסט פונקט ווי דאָס צימער. אָט אַזוי האָב איך דיך ליב. דו ביזט נישט שיין ווי אַ פרוי, ווײַל דו ביזט דאָך די מאַמע.

מאַמע, ווען דו זיצסט נעבן פענצטער, נייסט און טראַכטסט. איך ווייס גאַנץ גוט וואָס דו טראַכטסט. דײַנע גע־

דאנקען זענען ענלעך צו א ברייטער גאס, מיט אלטע לינדנביימער, תמיד פול מיט שטן, ווו דו שפאצירסט זיך און אטעמסט. דו שפאצירסט זיך דארטן ארום ווייל דער טאג איז א גרויער, ווייל דיין נשמה איז רואיק און ווייל א רואיקע נשמה האט נישט ליב די טוישונגען. דו טראכטסט פון דעם העמד וואס דו האלטסט אין נייען, אין א וועסטל, אין א פאר הויזן, אדער אין דער זופ פאר דער וועטשערע. דו זאגסט זיך: „פינף אזייגער וועל איך דארפן גיין צוגרייטן דאס קרויט און אויפשטעלן די זופ״. הערסט אוים מיין פאטער וואס מאכט הילצערנע שטעק־שיך און רעדסט ווייל עס איז גוט צו ריידן. די גאס גייט אריין אין דיינע געדאנקען מיט אירע היגער און מיט אירע פארבייגייער. די היגער באגלייטן די וואס זענען אליין און די פארבייגייער גיבן זיי עמאציעס. טראכסט וועגן נעכטן, היינט און מארגן, וועגן דער צייט וואס לויפט און וואס גייט דורך די געשעענישן, אן דעם מען זאל עס באמערקן.

אבער דו טראכטסט איבערהויפט וועגן מיר. דיינע אנדערע געדאנקען זענען די געדאנקען פון אלע פרויען, וואס זעצן פאר זייער לעבן נישט וויסנדיק פארוואס, נאר פשוט ווייל זיי האבן אנגעהויבן לעבן. ווען דו טראכטסט אין מיר, מאמע, איז דיין לעבן א נויטווענדיקע זאך. ווילסט לעבן, נישט אזוי מיך צו זען וואקסן, ווי מיר צו העלפן אין דעם. דיין הארץ איז פול מיט כוחות און ווילסט זיי אלע באנוצן. דיין הארץ איז שיין ווי א מאנאסטיר אין וועלכן אלע מאנאכן, קניענדיק, פאראייניקן זיך צו שיקן יעדער איינער זיין געדאנק צו גאט און אים לאזן וויסן אז ער איז דער ווילגעליבטער פון די מענטשן. האסט מיך ליב ווי דעם צוועק פון אלע זאכן. איך בין עפעס אזעלכעס וואס די נאטור האט דיר אנפארטרויט, דיר זאגנדיק: „פרוי, איך האב דיר געגעבן א זון כדי זאלסט אים לערנען מיינע געזעצן. איך האב אים איינגעלעגט אין דיין שוים ווייל איך בין א גוטע און כדי זאלסט אים לערנען מיך דער-

קענען”. און דאַן, מאַמע, ביזטו שוין נישט אַ פּשוטע פרוי וואָס נייט און טראַכט. דו ביזט די מוטער פון אַ זון פון צוועלף יאָר און דו פאַרנעמסט זיך און אַרבעטסט פאַר דער מענטשהייט, ווייל דו גרייטסט צו אַ מענטש.

פינפטער קאַפּיטל

אָבער די צוקונפט לויערט אַמאָל אויף די צוועלף יאָר און ווערט איבער זיי בעל־הבית. די צוקונפט אין אַן אַל־טיטשקע וואָס קוקט אויף אונדז, און איז זייער אַן אַלטע אַל־טיטשקע, וואָס ווייסט ווי אַזוי צו קוקן אויף אונדז אין דער מאָס פון אונדזערע ווינטשן. די צוקונפט האָט צוויי פּנימער, מיט איר פּנים פון דערפאַרונג קוקט זי אויף די מוטערס, פריער שמייכלענדיק און ערנסט צו דער זעלביקער צײַט, און שפּע־טער אימפּעראַטיוו: „איך בין די צוקונפט און מען דאַרף מיך אין זינען האָבן". מיט איר פּנים פון אַן אַלטער באָבע ווערט זי קינדיש כּדי צו קוקן אויף אונדז. זי האָט גלעקלעך בײַם הוט.

דין, דאָן, דין; און דאַן איז די צוקונפט אַ ווײַל ייִנגל וואָס קומט זען זײַנע קינדער כדי זיי אָוועקצופירן אין זײַן לאַנד. ער איז אונדזער באַשיצער און אונדזער חבר. אונדזערע מוטערס האָבן צו אים צוטרוי. אונד האָט ער אונטערזאָכט און פירט אונדז בײַ דער האַנט אויפן ברייטן שליאַך, און פירט אונדז אַוועק זייער ווײַט. אַלטע צוקונפט, תמיד האָב איך געגלויבט אַז דאָרטן ווײַט איז געווען דאָס גליק. איצט קאָן איך דיך גוט און ווייס אַז דאָס ביזטו די וואָס שלעפּט אונדז און לאָזט אונדז נישט הנאה האָבן פון איצטיקן מאָמענט.

די צוקונפט האָט זיך אָנגעטאָן איר ערנסט קלייד, דאָס וואָס דערוועקט צוטרוי, און וואָס דערלויבט איר אָנצוהאַלטן אָן אומדערשראָקן פּנים אַזוי ווי עס זענען אוים די מענטשן וועמענס מלאכה עס איז צו געבן עצות. און זי האָט גערעדט מיט דער מאַמען.

— מאַדאַם, איר האָט אַ קינד פון צוועלף יאָר. איך קען אים, ווײַל ער איז דער בעסטער אין דער שול. מײַן פּראָפעסיע באַשטייט אין אָט דער דערקענטעניש פון די קינדער און באַשטימט אַחוץ אין זיי אויסקלייבן און זיי ווענדן ווי עס באַדאַרף צו זײַן. איך האָב געשטעלט אײַער קינד אין דער ערשטער ריי ווײַל ער איז אינטעליגענט און איך האָב אים געלאָזט אַביסל אָן אַ זײַט איבער זײַן נידעריקן וווּקס און איבער זײַן פּנים. איר ווייסט, מאַדאַם, אַז דאָס לעבן משפט די געוויינלעכע מענטשן לויט זייער פּנים. דערפאַר דאַרפט איר נישט איבערלאָזן אײַער ייִנגל צווישן די געוויינלעכע מענטשן. איר זאָגט זיך אַז די וואָס זענען שוואַכע קענען זיך אויסלערנען זײַן אַ שוסטער אָדער אַ שערער. אָבער זײַן אַ שוסטער איז אומגעזונט און בײַ די שערער זענען פאַראַן טעג, וואָס קומען אויס זייער פאַרמאַטערנדיקע. און טראַכט אַז האָבן אַ פאַרקריפּלט פּנים!... מאַדאַם, מען דאַרף אָנהייבן וואָס פריער. איך בין ווי דער לערער וואָס לערנט אַז דער שטאַט באַט אָן סטיפּענד־

יעם אין די העכערע שולן פאר קינדער ווי אײַערער. עס איז אַ ווילטאַט וואָס איר וועט קענען אויסנוצן. אײַער זון וועט זײַן „באַטשיזשער" און פון „באַטשיזשערן" ווערן דאָקטוירים, וועטערינאַרן און ערדמעסטער. דאָס לעבן איז פאַר זיי גרינג. און וואָס פאַר אַ גליק עס איז צו האָבן אַ פראָפעסיע וואָס האָט די זעלביקע ווערט ווי אַ פאַרמעגן, און וואָס מען שעצט עס אַזוי שטאַרק אַז מען דאַרף גאָרנישט זײַן קיין שיינער!

די מאַמע האָט געטראַכט אין די ווערטער פון דער אַלטער צוקונפט.

דערנאָך איז די צוקונפט געקומען נאָך מיר. איך געדענק גאַנץ גוט איר צורה, ווײַל עס איז געווען אין איר אַ געמיש פון קנייטשן פאַרשידנאַרטיק לײַדנשאַפטלעכע אַזוי ווי מײַנע האָפענונגען, און ווײַל זי האָט געטראָגן אַ כינעזישן הוט מיט גלעקעלעך. די צוקונפט איז נישט געווען אײן מענטש אַליין, ווײַל זי איז געווען ענלעך צו אַ סך מענטשן וואָס איך קען. אירע קנייטשן זענען געווען פילע, ווי אירע גלעקעלעך, און יעדעס גלעקעלע האָט געהאַט אַן אַנדער פאָרמע און אַן אַנדער קלאַנג. דו גייסט, קומסט ביז צו מיר, שטעלסט זיך אָפּ. איך קוק אויף דײַן פּנים וואָס ווערט מונטער, איך הער די גלעקעלעך פון דײַן הוט. ביזט שיין ווי אַ ספּעקטאַקל, אַזוי שיין ווי דער געמאַרש פון מײַנע חלומות. דו פאַלדעוועסט די קנייטשן פון דײַן שטערן כדי אויסצוזען ערנסט, דו קוקסט אויף מיר ביז דער טיפעניש פון מײַנע געפילן און דאַן ווערסטו ענלעך צום דאָקטאָר. דו ביזט רײַך און אַלווייסנד. מאָלסט דיר אויס אַ פּוס פון אַ הון אין די ווינקלען פון דײַנע אויגן, ציסט אויס דײַנע ליפּן און לאָזט אײַנפאַלן דײַנע באַקן, כדי זאָלסט אויסזען ווי אַ נאָטאַריוס, דערנאָך זעצסטו זיך אַוועק בײַ דײַן שרײַבטיש כדי עס זאָלן קומען נאָך דיר די אינטערעסן פון דײַנע מיטבירגער. דו טוסט דיר אָן גרויסע שיך, גראָבע באַקן, רויט און געדיכט בלוט, גייסט שנעל, כדי זאָלסט זײַן ענלעך צו אַן ערדמעסטער, און

אַמאָל קוקסטו אויף דײַנע אינסטרומענטן. אַזוי פלעגסטו מיר נישט שטאַרק געפעלן. אָבער מיר פלעגסטו אַנטקעגנקומען מיט אַ שווערד און הויכע שטיוול, ביזט געווען רויט־בלוי, און האָסט צעלאָזן אין געקלאַנג אַלע דײַנע גלעקעלעך. דאָס איז אַן אָפיציר וואָס שפּרײַזט צווישן די עלעמענטן. ער גלאַנצט מער ווי די וועלט און מאַכט אַן אומגעהויערן טומל ווי יענע גרויסע חיות, וועמענס באַוועגונגען עס מאַכן אַן מער גערויש, ווי די פון הונדערטע קליינינקע חיות: „האַלאָ! אָט בין איך דאָ, קאַפּיטאַן פון די הוזאַרן, דער זון פונעם נאָטאַריוס. איך בין בור־געינוויל, לאַ פּערוס און דער ריכטער פון סופּרען. עס רינגלען מיך אַרום די אינדזלען, די שיפן און די מלחמה, וועמען מען באָמבאַרדירט, מען באַפעלט און מען האָט ליב ווײַל זיי זענען באַדעקט מיט גלאָריע. קום אין שול ווו איך וואַרט אויף דיר און ווו איך גלאַנץ אויף אַלע אופנים וואָס זענען דיר געפעלן. קום, איך בין די גוטע צוקונפט, די וואָס געפינט זיך אין די מיליטערישע אַקאַדעמיעס און וואָס געפעלט די מענטשן ווײַל, זי איז רײַך און פון גאָלד קאָליר". איך בין נאָכגעגאַנגען אָט דער צוקונפט און האָב עפּעס געזען אפילו ווײַטער פון אירע ווערטער. איצט ווייסט איר שוין פאַרוואָס איך האָב זיך צו־געשטעלט צו דער קאָמפּעטענץ פון סטיפּענדיעס פאַר די הויכ־שולן און ליצעאומס.

דער אָנהייב פון די קלאַסן. דער אָנהייב פון לערניאָר אין חודש אָקטאָבער איז פול מיט נײַעס פאַר די נײַע תלמידים. אַחוץ דעם איז עס דער אָנהייב פון צוקונפט. איך בין מיט דער מאַמען אין באַן וואָס פירט אונדז אין ליצעאום. שנעל בלײַבן פון הינטן פעלדער, וואַקזאַלן און דערפער און עס קומט מיר אַנטקעגן די שטאָט, די גוטע שטאָט, פאַר וועלכער עס

אַנטלויפֿן די פֿעלדער, די וואַקזאַלן און די דערפֿער. אָבער מײַן האַרץ גייט נאָך שנעלער, ווײַל עס איז שוין אָנגעקומען. איך זע די שטאָט און דעם ליצעאום נישט ווי שטיינערנע קעגנשטאַנדן, נאָר ווי מענטשן מכניס־אורחים וואָס איינער איז ענלעך צום סובפּרעפֿעקט און דער צווייטער צום אינספּעקטאָר.

מײַן גוטע מאַמע, איך בין געווען גליקלעך ווײַל איך האָב דיך געזאָלט פֿאַרלאָזן. נעבן קאַמין האָט זיך מײַן לעבן געלאַנגווײַליקט, עס האָבן געזאָטן מײַנע חלומות און איצטער האָבן מײַנע חלומות מיטגעריסן מײַן לעבן אין רוים. מײַן גוטע מאַמע, איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר, איך האָב עפּעס געוווסט פֿון די אומשטענדן און געמיינט אַז איך האָב דערפֿאַרונג. זיצנדיק נעבן דיר, טראַכט איך אַז הײַנט בײַנאַכט, ווען דו וועסט מיך לאָזן אַליין, וועל איך זײַן מײַן בעל־הבית; מיט אַ סטיפּענדיע, מיט אידעען און זשעסטן וואָס וועלן זײַן מײַנע, ווײַל קיינער וועט אויף זיי נישט אַכטונג געבן. איך טראַכט אין מײַנע חברים, מײַנע הפסקות אין שול און אין די שפּאַצירן ווו מען שפּילט אין ליצעאום־שפּילערייען, העכערע און שענערע ווי די פֿון דער שול. איך טראַכט אין די פּראָפֿעסאָרן וואָס לערנען די וויסנשאַפֿטן, וואָס מאַכן אונדז אינטעליגענט און פֿאָרנעם. איך טראַכט אין אַלעם דאָס וואָס איז מיר אומבאַקאַנט און וואָס איך וואַרט אויף דעם. דו, דו ביזט די פֿאַרגאַנגענהייט, דו שטעלסט פֿאָר דאָס אַלטע און באַגרענעצטע פֿעלד וואָס איך בין דורכגעגאַנגען. איך גיי צו דער צוקונפֿט. איך גיי צו דער צוקונפֿט, ווי מען גייט בײַ די צוועלף יאָר, מיט צען סאַנטים אין מײַן בײַטל, מיט דער זיכערקייט אַז די וועלט איז בראַקירט מיט גאָלד.

דו, מאַמע, דו טראַכסט אויך. די באַן לויפֿט אין דער ריכטונג פֿון דער שטאָט און מאַכט לויפֿן דײַן פֿאַנטאַזיע. און זי לאָזט איבער הינטן די פֿעלדער, די וואַקזאַלן און די דערפֿער: דײַן פֿאַנטאַזיע איז שוין נישט נעבן מיר ווײַל אונדזער פֿאַנ-

טאַזיע פאַרצוגט דעם ווייטיק. ווערנד מײַן נשמה וויינט אין ליצעאום וווהין מיר פאָרן, וויינט דײַן נשמה אין דער שטוב וואָס איך האָב פאַרלאָזט. פילסט אַז די ווענט וועלן זײַן מער ווענט, אַז די בענקלעך וועלן שוין זײַן נאָר בענקלעך און דאָס בעט ווו איך פלעג רוען וועט זיך צעשפרייטן ברייט און ליידיק ווי אַ בלאָנדזשענדיקע נשמה. דו פילסט אַז דײַן לעבן וועט זיך אָנשטויסן אין די ווענט און וועט זיך לאַנגווײַלן אויף די בענקלעך, ווײַל דאָס געלעגער איז ליידיק און ווײַל די זאַכן זענען וועזנס וואָס ענטפערן. די ווענט וועלן דיר זאָגן: „זע ווי נאַקעט מיר זענען”. די בענקלעך וועלן דיר זאָגן: „דאָ האָט ער זיך אַוועקגעזעצט לייענען ווײַל ער איז געווען אַ גוט און לערנזאַם קינד”. דאָס בעט וועט זאָגן: „איך בין אומנוצלעך ווי אַ טויטער”. אָבער איך וועל זײַן אַליין אין ליצעאום. איך וועל זײַן מײַן בעל־הבית און וועל האָבן אַ סטיפּענדיע און וועל האָבן אידעען און זשעסטן אויף וועלכע דו וועסט נישט קענען אַכטונג געבן. די קינדער ווייסן נישט ווי אַזוי צו זײַן חברים און די שפּילערייען זענען האַרט ווי די שלאַכטן. און אַחוץ דעם, מײַן קליינער, די שפּילערייען זענען גוטע, אָבער די ליבע פון אַ מוטער איז אַ סך בעסער ווײַל זי באַשיצט די אַקסלען און באַשירעמט אין יעדן מאָמענט. אוודאי איז שיין אַז דער זון פון אַ שטעקשיך־מאַכער זאָל זיך בילדן אין ליצעאום. אַזוי וועט ער נישט זײַן קיין שטעקשיך־מאַכער ווי זײַן פאָטער, וועמענס שטעקשיך זענען פול מיט מידקייט. אָבער פאַרוואָס זאָל ער אונדז פאַרלאָזן! די צוקונפט הייבט זיך שוין אָן, אָבער די פאַרגאַנגענהייט איז געווען בעסער. טראַכטסט אין אַלעם וואָס איז געווען און וועט שוין נישט זײַן. טראַכטסט אין אַלעם וואָס וועט קומען און האָסט נישט קיין צוטרוי. אַ ליצעאום איז אַ פאַרטרוילעכע אינסטיטוציע אָבער מען דאַרף נאָר האָבן צוטרוי צו זיך אַליין. איך בין אַ קינד פון צוועלף יאָר וואָס גייט אַוועק אַליין, מיט צען סאַנטים אין טאַש, אין אַ שווערער וועלט

ווי מען באַדאַרף האָבן אַזאַ רײַכע דערפֿאַרונג, ווי אַ פּאָס מיט גאָלד.

עס איז געווען אַ גרויסער שטיינערנער ליצעאום, ווו איך האָב אַ סך געליטן. די שטיינער פֿון די נײַע ליצעאומס זענען קאַלטע און די נײַע ליצעאומס זענען פֿול מיט שטיינער. יעדער שטאָק איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסער גאַלעריע און די שטיינער פֿון פֿאַל האָבן געקלונגען אונטער אונדזערע אַפּזאַצן ווי שטיינער וואָס וואָלטן גערעדט. צומאָל זענען נישט געווען קיין שטיינער, דאַן זענען אָבער געווען פֿענצטער. די פֿענצטער זענען געווען גרויסע, פֿולע מיט לופֿט און פֿולע מיט ווינט. פֿענצטער פֿון ליצעאום וואָס קוקן אין די הויפֿן וואָס זענען ברייט און ליידיק, מיט צוויי אָדער דרײַ ביימעלעך. פֿענצטער פֿון ליצעאום, ברייטע און ליידיקע ווי מדבריות. פֿאַרוואָס זאָלן די ווענט פֿון ליצעאום זײַן אַזוי העל! זייער צופֿיל ליכט צעשפּרייט זיך אויף דער שטילקייט, די ביכער און די דיסציפּלין פֿון אונדזערע זאַלן. און די שלאָפֿצימערן! די שלאָפֿצימערן האָבן געהאַט די פּאָלן אײַנגעריבן מיט וואַקס, געשטאַנען אין אַ גלײַכער ריי און זענען געווען קאַלטע. דרײַ רייען אַלצאַיינע בעטן, מיט די זעלביקע פֿענצטער און די וואַשצימערן, אויסגעצויגן שטאַרק און האַרט און מיט אַ אָרדענונג וואָס האָט דערמאָנט אין אַ רעגלאַמענט. דעם שלאָף וואָס מען שלאָפֿט דאָרטן איז מיט אַ סדר אונטער דעם קוק פֿון אַן אויפֿזעער וואָס איז נישט ענלעך צו דעם מלאך פֿון שלאָף וואָס הייבט אויף די נשמות און פֿירט זיי אַוועק אין ווײַטע לענדער. דער שלאָף פֿון שלאָפֿצימער לאָזט אונדז איבער אין ליצעאום, כּדי מיר זאָלן רוען מעטאָדיש.

אַ קינד וואָס האָט ערשט פֿאַרלאָזט זײַן מוטער אין דעם ערשטן לערן־טאָג. אַ טיר פֿאַרמאַכט זיך מיט ברוטאַליטעט און אַ מוטער גייט אַוועק. איך שמייכל ווײַל דאָס האָט זיך געעפֿנט די טיר צו מײַן צוקונפֿט. די מאַמע איז געווען טרויעריק ווײַל די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט פֿאַר דער פֿאַרגאַנגענהייט. אין דער

הויכקייט פון די הייף, האָט די האַרבסט־נאַכט אויפגעהאַנגען אַ לופט אין וועלכער עס האָט געשיינט אַז דער בלויער הימל מישט זיך מיט איר אוים. אַ חוץ דעם האָט זי געבאָדן אין איר ליכט די מאָנומענטאַלע געביידעס וואָס האָבן אונדז אַרומגע־רינגלט, דערנאָך האָט זי זיך אויסגעהויכט, רעליגיעז און הויך. איך האָב אין מיר קיינמאָל ניט געזען אַזויפיל שטאָלץ און גליק. יאָ, איך וועל וווינען אין די דאָזיקע געביידעס וואָס זענען אוים ווי אַ פּאַלאַץ. איך, דער זון פון אַ שטעקשיך־מאַכער וועל דאָרטן וווינען און איך וועל, מיט דער צייַט, זיך באַקענען מיט דער וויסנ־שאַפט וואָס זיי אַנטהאַלטן.

צוויי אָדער דרייַ שילער זענען שוין געהאַט צוריקגעקומען. זיי זענען געווען שילער פון פאַריקע יאָרן. זיי נעמען אויף דעם נייַעם, אַן צו חוזקן פון אים און אַן נייַגעריקייט, מיטן גוטן ווילן זיך צוצוגעוווינען צו אַ חבר. זיי האָבן גערעדט. איך האָב פאַר־האַלטן אין מייַן זכרון די נעמען פון די חברים פון וועלכע זיי האָבן גערעדט, ווייל איך האָב זיך שטאַרק צוגעהערט, און האָב זיי אַרייַנגערוקט אין מייַן מוח כדי אַנצוהויבן לעבן צווישן זיי. זיי האָבן גערעדט פון זייערע קלאַסן. און עס זענען געווען נע־מען, רעטאָריק, פילאָזאָפיע, ווענענס זין איך האָב נישט פאַר־שטאַנען און וואָס האָבן געשיינט צו האָבן אין זיך אַזאַ גרויסע לערע אַז איך האָב זיך קוים דערוועגט צו טראַכטן וועגן דעם. איין שילער האָט געזאָגט אַז דאָס קומענדיקע יאָר וועט ער ענ־דיקן די ערשטע טייל פון זייַנע לימודים אין ליצעאום. איך האָב אים באַטראַכט ווי אַ גרויסע פּערזענלעכקייט. אַן אויפזעער האָט אכטונג געגעבן אויף אונדז. איך האָב געקוקט אויף אים פון דער זייַט מיינענדיק אַז ער איז אַ פּראָפעסאָר כדי צו זען וואָס פאַר אַ פיזיאָגנאָמיע עס האָט אַן אַלווויסנדער. ווי קורץ עס איז געווען דער נאָכמיטיק! אַלע מענטשן, אַלע זאַכן, אַלע ווערטער זענען אַרייַן אין מייַן האַרץ ווי אַ געפיל. דערנאָך האָבן מיר געגעסן און שפּעטער זענען מיר אַרייַן אין שלאָפצימער. און עס איז

געווען אומענדלעך די נאַכט וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פון דעם מאָרגן אין וועלכן איך האָב געזאָלט לעבן אַ געגאַרטן טאָג.

דער מאָרגן האָט מיר געגעבן זיין ספּעקטאַקל און איז מיר געפעלן, ווי עס געפעלט די קינדער יעדע נייַעס. גאַנץ פרי האָט דער גאָטעסדינסט פון הייליקן גייַסט אונדז פאַרזאַמלט אין געבעט־הויז פון ליצעאום מיט די פּראָפעסאָרן, אָנגעטאָן אין שוואַרצע זשאַקעטן, וועמענס אויסזען איז געווען אַזוי ערנסט און פאַרנעם ווי זייערע זשאַקעטן. דערנאָך איז געקומען די הפסקה בייַ וועלכער איך האָב זיך אויסגעמישט מיט עטלעכע יינגלעך וואָס איך האָב באַקאַנט דעם פאָריקן טאָג. שפּאַצירן אין הויף, געשפּרעכן, אויסגעמישטע מיט זכרונות פון אַמאָל און וועגן דער קעגנוואַרט צו וועלכער מען זוכט צוצופּאַסן אונדזער געשמאַק! מיר האָבן געגעסן מיטאָג אין אַ גרויסן עס־צימער פון מאַרמאָר און מען האָט אונדז געגעבן זופּ, פלייש און גרינגוואַרג. נאָכמיטאָג האָבן מיר געהאַט קלאַסן. וועגן דעם בין איך דאָך געקומען אַהער, און איך זעץ זיך צווישן די אַנדערע שילער גייַציק און נייַגעריק. דער פּראָפעסאָר האָט געטראָגן אַ גרויסע שוואַרצע באָרד ווי קיינער טראָגט זי נישט אין אונדזער שטעטל און וואָס איז אַ סימבאָל פון ערנסטקייט און בילדונג. ער האָט אונדז דיקטירט אַ בלעטל, זיך צו באַקענען מיט אונדזער קאַפּאַציטעט. די קאָמפּאָזיציעס זענען זייער אימפּרעסיאָנירנד און איך, וואָס פלעג קיינמאָל נישט מאַכן קיין פעלערן, האָט עס מיך אַזוי צעטומלט — די קלאַס, דער פּראָפעסאָר און די קאָמפּאָזיציע — אַז איך בין באַגאַנגען גאַנצע אַכט פעלערן. ווען איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט אַז מען האָט מיך קלאַסיפיצירט דעם דרייַצנטן, האָב איך בייַ מיר דערשלאָסן אַז אַלע קאָמפּאָזיציעס און די גאַנצע וויסנשאַפט פון ליצעאום זענען אַ סך שווערער און העכער פון די קאָמפּאָזיציעס און די וויסנשאַפט אין שול. אָבער זייַן דער דרייַצנטער ברענגט מזל ווייַל דאָס רעגט אָן צו געווינען גאַנצע צוועלף פלעצער.

מײַן לעבן האָט זיך אָנגעהויבן צוויי טעג שפּעטער. אונדזערע ענטוזיאַזמען ווערן פאַרלאָשן און פאַלן אַרײַן אין וואַסער. זיי זינקען אין וואַסער און מען פילט זיי אַרום מויל ווי זיי וואָלטן געוואָלט דערשטיקן די שטימע. נאָך צוויי טעג, נאָכדעם ווי איך בין געווען אין די קלאַסן, האָב איך גוט געזען וואָס די קלאַסן זענען און וואָס עס איז די קאַלטע וויסנשאַפט וואָס טריפט פון זיי. איך האָב געזען די הפסקות ווו די קינדער רעדן און דערנאָך רעדן זיי מער ניט, ווײַל קינדער קאָנען ניט רעדן אַ לאַנגע צײַט. איך האָב געזען די הפסקות אין וועלכע דער שפּאַציר אַרום די ווענט, די געביידעס און די מויערן זעצן פאָר נאָכמיטיק, נאָכדעם ווי זיי האָבן אָנגעהויבן אינדערפרי, טרויעריק ווי אַן אַלטע שוואַרצע וואָס איז אַמאָל געווען יונג און ווײַס. איך האָב געזען די צימערן, ווו מען מאַכט די אויפגאַבעס, דעם אויפזעער בײַ זײַן שטענדער, די בענק, די טישן און דאָס געזעץ וואָס דערמאָנט אונדז די אַרבעט און די דיסציפּלין. אָ, די ביכער און די וויסנשאַפט! ווען זיי פלעגן זיך אַוועקזעצן נעבן מײַן מוטער זענען זיי געווען כמעט מײַנע ברידער, ווײַל מײַן האַרץ איז געווען צאַרט און איך האָב ליב געהאַט אַלע זאַכן. דער אויפזעער זאָגט: „אַרבעט דאָך, דער און דער!” און דאָס איז אַן אומדערבאַרעמדיקער באַפעל וואָס לערנט אונדז אַז קיינער האָט אונדז דאָ נישט ליב און אַז די אַרבעט איז האַרט ווײַל מען דאַרף זי דאָך אויף אונדז אַרויפצווינגען. דאָס אַלעם האָב איך געזען צוויי טעג נאָכדעם ווי איך בין אָנגעקומען.

דערנאָך האָב איך באַקענט די איינזאַמקייט, איינגאַנצן די איינזאַמקייט פון די קינדער. האָט איר געקענט די איינזאַמקייט צו די צוועלף יאָר? עס איז אַן אָרעמע איינזאַמקייט וואָס שווידערט און זעצט זיך אַוועק צווישן די אַנדערע איינזאַמקייטן. די איינזאַמקייטן פון די צוועלף יאָר פאַראייניקן זיך נישט צווישן זיך ווײַל זיי זענען שוואַכע און האָבן נישט ליב דעם גערודער. די פאַראייניקונג קומט ווען מען קעמפט און נישט ווען מען

לײַדט. די קלאַסן קעמפֿן קעגן אונדז און פֿאַראײניקן זיך אין די הפסקות און בשעת דעם לערנען כּדי צו צעטרײסלען אונדזערע אָרעמע אײנזאַמקײטן. זײ ציִען זיך אױס, שטײַף, רעדן און פֿאַר־נעמען אונדז. די קלאַסן זענען מעטאַדישע און איך הער זיך צו, אָבער מען דאַרף זײַן אױפֿגעלעגט כּדי ליב צו האָבן דאָס װאָס מען הערט.

אָט נעמט צום בײַשפּיל, דאָס לערנען. איך װעל קײנמאָל נישט פֿאַרגעסן דאָס לערנען אין ליצעאום. נײן, די ביכער פֿאַר־שאַפֿן אונדז נישט קײן לײַדן. די װיסנשאַפֿט איז צו קאַלט כּדי צו זײַן אַ שלעכטע אָדער אַ גוטע, און זי װאָלט אונדז געקאָנט אינטערעסירן. דער װאָס פֿאַרשאַפֿט לײַדן איז דער אױפֿזעער. מען זאָגט אַז די דיסציפּלין אין ליצעאום איז אַ פֿאָטערלעכע: דער אױפֿזעער שטעלט מיט זיך פֿאָר די דיסציפּלין און דער אױפֿזעער איז נישט אונדזער פֿאָטער. דער אױפֿזעער זענען צװײ קאַלטע אױגן װאָס װאַכן אױף אונדז און אַ שטײַפֿע שטים װאָס רופֿט אונדז צו אָרדענונג. דער אױפֿזעער איז דער רעגלאַ־מענט, די נױטװענדיקײט, דאָס געזעץ, ער איז די האַנט װאָס האַלט אונדז פֿעסט. איך בין אַלט צװעלף יאָר, איך האָב זיך גע־נױטיקט אין ליבע און מען גיט מיר אַן אױפֿזעער. מען גיט אַן אױפֿזעער פֿאַר מײַן גאַנצער פֿאַנטאַזיע, פֿאַר מײַן נשמה, פֿאַר מײַן האַרץ. איך בין שװאַך אָבער אַן אױפֿזעער װעט מיך נישט דערהאַלטן, װײַל נאָר די ליבע האַלט אױף די קינדער. דער אױפֿ־זעער איז װי אַן אונטעראָפֿיציר, ער קען אונדז פֿײַנט האָבן אָבער נישט ליב האָבן. און מען הײסט מיר צוגרײטן מײַנע אױפֿגאַבעס אונטער דעם קוק פֿון דעם מענטשן. מײַן לעבן איז טרױעריק, די לעקציעס זענען קאַלטע און דער דאָזיקער מענטש איז מײַן שונא. און די אױפֿגאַבעס װאָס זענען שױן געװען קאַלטע, װערן טרױעריקע און איך האָב זײ פֿײַנט װי איך האָב פֿײַנט מײַן לעבן און דעם אױפֿזעער.

צוריק מיט דרײַ טעג איז די אַטמאָספֿער פֿון ליצעאום גע־

ווען בלוי, ווען איך פלעג אַרײַנגיין אין הויף, און די דרײַ טעג זענען שוין פֿאַרבײַ. דער ערשטער איז געווען בלוי ווי אַ יום־טוב און ווי די ערשטע „קאָמוניאָן", און איך בין געווען ווײַס אין בלויען טאָג. דער צווייטער איז געווען ערנסט, אָבער נאָך בלוי, ווי דער טונקל־בלויער טעפּיך וואָס מען שפּרייט אויס ווו עס דאַרף דורכגיין חתן־כּלה און מחתנים. און עס האָט געבלאָזן אַזאַ ווינט דעם דריטן טאָג, אַז דער טעפּיך איז אַוועקגעפֿלויגן. די דרײַ טעג זענען דרײַ ברידער און דער ערשטער לאַכט, דער צווייטער קוקט און דער דריטער וויינט. עס האָט זיך געענדיקט מײַן פֿרייד פֿון איין טאָג אין ליצעאום נעבן אויפֿזעער, צווישן די פֿיר ווענט וואָס גרענעצן אָפּ די קלאַס, וואָס גרענעצן אָפּ דאָס הויף און וואָס גרענעצן אָפּ מײַן שלאָף.

איך ווין אין אַ שײנעם ליצעאום. די אײנוווינער פֿון דער שטאָט זענען שטאָלץ מיט דעם וואָקזאַל און מיט דער ברייטער גאַס וואָס פֿירט פֿון וואָקזאַל אין ליצעאום, אָבער זיי זענען נאָך מער שטאָלץ מיט דעם ליצעאום. ער איז אַזוי אומגעהויער גרויס אַז ער ווײַזט אויס אַ פּאַלאַץ און ווײַל ער האָט דרײַצן בליץ־אַפּלײטער. פֿאַר דעם פֿראָנט איז פֿאַראַן אַ שטאַכעטן־ווענטל און אַ הויף און דער וועג וואָס פֿירט ביז צום שוועל איז באַשײַנט מיט צוויי רייען לאַרבער־ביימלעך און בלומענטעפּ, אונטער דעם שטן פֿון אַ גרויסער פֿלאַג. דער ערנהויף איז באַזאַמדעט און ווערט נאָר באַנוצט אין די גרויסע פֿײַערלעכקייטן, ווי אַ רײַכער מענטש אָדער אַ מענטש וואָס איז באַלאַסטעט מיט כּבֿודים... עס איז אַ שײנער ליצעאום מיט גרויסע קאָרידאָרן, גרויסע זאַלן און גרויסע הייף. די מאַמע פֿלעגט זאָגן: איך האָף אַז דו וועסט זײַן שטאָלץ צו וווינען דאָרטן אינעווייניק. עס איז דאָ אַ הויז־אַדמיניסטראַטאָר און אַ גאַנצע קופּע מיט דינער, ווײַל מיר זענען אַהער געקומען לערנען. די וואָס לערנען האָבן נישט קיין צײַט זיך אָפּצוגעבן מיט דעם מאַטעריעלן לעבן. אַחוץ דעם, אַזוי ווי דאָס לערנען מאַכט רײַך, וועלן מיר קיינ־

מאָל נישט האָבן די נויטווענדיקייט צו טראַכטן וועגן די דאָזיקע זאַכן. די מאַמע פלעגט זאָגן: „מען וועט דיך באַדינען ווי מען באַדינט אַ בורזשוי”.

יאָ; מען האָט מיך באַדינט ווי אַ בורזשוי, צווישן קינדער פון בורזשויען און אין אַ ליצעאום ווו מען לערנט פון אַלצדינג, האָב איך אויסגעלערנט ווי אַזוי זיך צו לאָזן באַדינען. אָבער ווי קליין ביזטו, מאָנומענטאַלער ליצעאום, מיט דײַן גאַנצן שטאָלץ אין פאַרגלײַך מיט מײַן לאַנגווייליקן זיך! האָסט געוועזן געוואָלט מיך דערגרייכן, ווען דײַנע קאָרידאָרן, דײַנע קלאַסן און דײַנע טיטולן זענען געשוואָלן געוואָרן ווי יענע זשאַבע וואָס האָט געוואָלט זײַן אַזוי גרויס ווי דער אָקס. האָסט אויפגעהויבן דײַנע דרײַצן בליץ־אָפּלייטערס און דײַן פראָנט און פלעגסט מיר זאָגן: „זע ווי רײַך איך זע אויס”! און מען האָט געפילט אין דײַנע הויפן אַז וואָלסט אונדז געוועזן געוואָלט פאַרווײַלן. אָ, ליצעאום! איך גלויב נישט אַז דו זאָלסט זײַן אַ שלעכטער ליצעאום, און איך ווייס אַז וואָלסט געוועזן געוואָלט מיך דערהויבן און מיך פירן מיט דײַנע ליכט: „וועסט זײַן „באַטשיזשער”, וועסט זײַן אַ שיינער בחור, גוט דערצויגן און וועסט גלאַנצן אַ דאַנק מײַן גלאַנץ”. פלעגסט בײַטן דײַנע ווערטער יעדן פרימאָרגן און פלעגסט זיי אָנטאָן אין די קליידער פון אַ סאָלדאַט, אַ דאָקטאָר, אַ נאָטאַריוס און אַ „באַטשיזשער”. אָ ליצעאום! פלעגסט פאַרלירן דײַנע ווערטער. איך בין אַלט צוועלף יאָר. דו קענסט די וויסנשאַפט, אָבער קענסט נישט די קינדער פון צוועלף יאָר. ווייסט נישט, קאַלטער ליצעאום אַז איך בין פרירבאַר. דו האָסט מיך געלערנט דאָס נייטיקע, צו דערגרייכן אַ שיינע צוקונפט, אָבער ווייסט נישט אַז די לײַדן זענען הייליק און דו פאַרשאַפסט מיר לײַדן אין נאָמען פון מײַן צוקונפט! האָסט געגלויבט אין מײַן וואָרט ווען איך האָב דיך גערופן און ביזט געקומען מיט דײַנע שטיוול פון זיבן מײַל ווען איך האָב גערופן צו מײַן חלום. ביזט געווען ענלעך צום קאַ־

ניבאַלישן ריז און איך האָב דיך באַטראַכט אַלס אַ דזשענטלמאַן! האָסט אונדז געוואָלט לאָזן פרײַ אין אַ טאָג, אָבער האָסט אונדז געוואָלט האַלטן נעבן זיך זיבן יאָר.

אָ, ליצעאום, דײַן געדעכעניש איז דער ערגסטער פון מײַנע שלעכטע געדעכענישן, און ווען איך צעריר זייער אַש געפין איך זיי נאָך היים איבער דײַן לאַנגווײַל! עס איז פאַראַן נאָך אַ ווינקל פון מײַנע אידעען וואָס דו האָסט אויך פאַרוווּנדעט. אין דעם ווינקל האָבן געזאָלט זײַן מײַן ערשטער אייפער און מײַנע ערשטע טעטיקייטן, אָבער עס באַדעקט זיי אַ שטן און דאָס איז דײַן שטן, און וואָס האָט מיך באַצייכנט פון אָנהויב אָן און האָט מיך באַשטימט צום עקל און צום פאַסיוון ווייטיק. אָ, ליצעאום, מײַנע גוטע מאָמענטן זענען געווען יענע אין וועלכע איך פלעג דיך פאַרלאָזן!

איך פלעג דיך פאַרלאָזן כדי צו טראַכטן אין מײַן מאַמען. האָב איך דען נישט געזאָגט אַז דו האָסט מיך געוואָלט פאַרהאַלטן מיט דײַנע חלומות, דײַן לוקסוס און דײַן באַוועגונג? אָבער איך פאַרלאָז דיך. צוריק מיט אַכט טעג בין איך נאָך געווען אין בעט זעקס אַזייגער אינדערפרי, ווי עס טאָן דאָס די קינדער, אײַנגעקאָרטשעט אין די קאָלדרעס, אײַנגעקאָרטשעט אין שלאָף. אַכט אַזייגער פלעגט מיך די מאַמע אויפוועקן מיט נאַשערייען. דערנאָך פלעגט קומען די געדיכטע און געשמאַקע זופּ וואָס איז געווען אַביסל ענלעך צו אונדז אַליין און צו וועלכער מיר פלעגן צוגיין מיט אַן אָפן האַרץ ווײַל מיר האָבן זי געקענט. איך געדענק אַז זונטיק פלעגט עס זײַן נאָך שענער און אַז די מאַמע פלעגט צוגרייטן שאָקאָלאַד וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ זונטיקדיקע זופּ. און דער טאָג וואָס פלעגט זיך אַזוי אָנהויבן פלעגט ווערן אונדזער פרײַנד. די טעג פון די צוועלף יאָר נעבן אונדזער מוטער, געמילדערטע פון פאַרטאָג אָן, קומען איינע נאָך די אַנדערע און זיי זענען צאַרטע, מיט זייער הייסער

זופּ און זייערע באַשיצערישע געפילן. עס איז נויטווענדיק אַז עס זאָל אַזוי זײַן וועגן אונדזער גליק.

צוריק מיט אַ וואָך בין איך נאָך געלעגן אין בעט זעקס אַזוי־גער אינדערפרי, אײַנגעקאָרטשעט ווי אַ קינד אין די קאָלדרעס, אײַנגעקאָרטשעט אין דער טיפעניש פון שלאָף. האָסט מיך אַרויסגענומען פון מײַן בעט און האָסט מיך אַרײַנגענומען אין דײַנע שלאָפצימערן און האָסט בײַ מיר צוגענומען אַלע נויטיקע צערטלעכקייטן. וועקסט מיך אויף מיטן געקלאַפּערײַ פון דײַנע שטעקעלעך אין באַראַבאַן: „פּאַן, פּאַן פּאַן”! און טאָמער איז נאָך דער באַראַבאַן נישט געווען גענוג ברוטאַל, פּאַטשט נאָך דער אויפזעער מיט די הענט און רײַסט אונדז אַרויס פון בעט. אָרעמע פּאַרטאָגן פון צוועלף יאָר אין די פּרימאָרגנס אין וועל־כע די שטעקעלעך וועקן אויף! מיר גייען אַרויס פון אונדז אַליין און מיר זעען דעם שלאָפצימער, זײַן קאַלטע וואַסער און דעם טאָג וואָס הייבט זיך אָן אונטערן קלאַנג פון באַראַבאַן. די פּרי־מאָרגנס אין ליצעאום נעמען בײַ אונדז צו דאָס ביסעלע גליק וואָס איז אונדז געקומען פון שלאָף און גיבן אונדז אין פּאַראויס דעם גאַנצן עקל וואָס דער טאָג וועט אונדז ברענגען.

איך שטיי אויף, איך טו זיך אָן, איך וואַש זיך און טראַכט אין אַלעם וואָס מיר פעלט. איך פיל מײַנע צוועלף יאָר אין דער טיפעניש פון מיר זעלבסט און איך הער זיי רעדן. דאָס זענען צוויי קינדער וואָס שרײַען. איינער באַקלאָגט זיך און דאָס צווייטע רופט. דאָס ערשטע זאָגט: „דער אויפזעער איז דער וואָס צעקוועטשט מיך און לייגט אויף מיר אַרויף זײַנע פויסטן. דאָס לערנען און די קלאַסן זענען קאַלטע און קומען צו מיר ווי דער ווינט”. דאָס צווייטע פאַרמאַכט זיך אין דער טיפעניש פון מײַן האַרץ, ווײַט פון דעם אויפזעער און ווײַט פון דעם ווינט. עס איז אַזוי דעליקאַט! עס האָט געקאָנט פילן די ליבע פון זײַן מוטער און דערפאַר לײַדט עס אַזויפיל מיט די לײַדן. ווען איך בין אַרײַן אין ליצעאום האָט מיך דאָס ערשטע קינד געפירט צו מײַן צו־

קונפט און איצט קערט מיך אום דאָס צווייטע קינד צו דער פאַר־גאַנגענהייט. הערצעלע אין דער טיפעניש פון מײַן האַרץ, אײַנ־געהילט אין זײַן וואַרעמקייט, איך פיל אַז עס לעבט אויף אַלע מײַנע אַלטע געפילן.

די מאַמע איז אַ גוטע פרוי, מיט קורצינקע טריט, וואָס טראָגט אַ פאַרטוך און אַ קלייד, וואָס אַרבעט און גייט אַרום אין שטוב. איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט קענען איר פּנים וואָס האָט צוויי אויגן וואָס האָבן מיך ליב, ליפּן וואָס קושן מיך, באַקן פאַר מײַנע ליפּן און אַ שטערן וואָס טראַכט וועגן מיר. איך פיל עס. איך זע דיך נישט אין פיזישן אויסזען אָבער איך פיל דיך מיט דײַנע מעלות. דו ביזט שיין ווי דאָס געדעכעניש פון אַ שיינער עקזיסטענץ, פון ווען מען האָט געהאַט אַ צימער און אַ היים און דו שטאַרקסט מיך נאָך. איך טראַכט אין דיר כּדי צו באַשעפטיקן מײַן געדאַנק ווען איך בין טרויעריק, און ווען דער אויפזעער ווערט ברוגז, טרײַסט איך מיך פון זײַן כּעס און זײַן פײַנטשאַפט, זאָגנדיק: „יאָ אָבער איך האָב מײַן מאַמען וואָס האָט מיך ליב". „דאַרפסט וויסן אַז יעדן אינדערפרי פאָלג איך נאָך דײַנע געגנג און איך שטעל מיר פאָר וואָס איך וואָלט גע־טאָן ווען איך בין נעבן דיר; „מאַמע נעץ אײַן דאָס ברויט אין דער זופּ, און ווען איך בין דאָרטן וואָלט איך זיך געזעצט אויפן נידעריקן בענקעלע כּדי צו וואַרטן אַז די זופּ זאָל ווערן פאַר־טיק". איך טראַכט אין אונדזערע שכנים און אין מײַנע אַלטע חברים פון שול וואָס זענען גליקלעכער, ווײַל זיי קענען דיך זען יעדן טאָג.

מיר זענען צעשײַדט פאַר אַ לאַנגער צײַט. עס זענען פאַ־ראַן וואַקאַציעס, אָבער עס זענען פאַראַן איבערהויפּט זיבן לערנ־יאָר וואָס פאַרלענגערן זיך אין מײַנע אויגן געקליידעט אין גרוי, צוגעקלעפּט צו די ווענט, אײַנגעקריצט אין די שטיינער מיט דער אומבאַוועגלעכקייט פון זייער עקל. וווּהין גייען אַט די זיבן יאָר וואָס צעשיידן מיך פון מײַן מוטער, און וואָס פאַרלירן זיך

אין שטן וואָס איז מיר אומבאַקאַנט, דאָרט אין עק פון שמאָלן קאָרידאָר? איך וואָלט געוואָלט עס זאָל קומען אַ קאַטאַקליזם וואָס זאָל צערודערן די צײַט. איך טראַכט אין אַלעס וואָס קען פּאַרקומען.

איך זאָג אײַך בפירוש אַז אין אַ טאָג ווען דער פּראָפּעסאָר האָט פאַר אונדז געלייענט מאַראָס „לאַ וואָלזי" און האָט אונדז געזאָגט אַז דער דאָזיקער דיכטער איז געשטאָרבן אין שפּיטאָל ווען ער איז אַלט געווען אַכט און צוואַנציק יאָר (דער ווייטיק און דער טויט באַטראַכטן זיך), האָב איך געטראַכט: „ווען איך וואָלט געוואָרן קראַנק און וואָלט באַדאַרפט שטאַרבן, וואָלט איך געוואָלט זײַן שווינדזוכטיק און זיך אומקערן אַהיים, כדי צו לעבן נאָך זעקס חדשים נעבן מײַן מוטער". און איך האָב געזען זעקס לאַנגע חדשים ווי די אייביקייט, ווײַל יעדע רגע מיט דער מוטער האָט געמיינט אַן אומענדלעך גליק. עס זענען געווען אויך אַנדערע זאַכן אין קלאַס. צום בײַשפּיל שאַטאָבריאַנדס אַ שטיק וואָס הייסט „דער צוריקער אַהיים" און וואָס זאָגט אַז דאָס לעבן צעטרײַבט די מיטגלידער פון אַ פאַמיליע: „דער דעמב זעט בליען זײַנע ביימעלעך אַרום זיך, דאָס זעלביקע קומט נישט פאָר מיט די קינדער פון די מענטשן". איך האָב געפילט דעם דאָזיקן געדאַנק, ווי אַ געפיל און פלעג אים אַמאָל איבער־חזרן אין קלאַס, כדי אים גוט צו געדענקען און צו געבן מײַן אומגליק אַן אוניווערסאַלן פאַרנעם. אַן אַנדער שטיק, שאַטאָ־בריאַנדס רעדט פון דעם שאַטלענדער און זאָגט אַז ער איז גע־שטאָרבן אין אויסלאַנד: „דאָס איז אַ פלאַנץ פון די בערג און זײַן וואָרצל דאַרף זײַן אין פעלז". איך האָב געמיינט אַז איך וואָלט נישט געקאָנט לעבן אין ליצעאום: „איך בין אַ פלאַנץ פון פעלד און מײַן וואָרצל דאַרף זײַן אין פעלד".

זיך אומקערן, אָ, זיך אומקערן נעבן דיר! איך האָב געליטן און בין נישט געווען געוווינט צו לײַדן. און איך האָב אַזוי פיל געליטן און מיר דאַכט זיך אויס אַז שוין אַ לאַנגע צײַט ווי איך

האָב דיך פֿאַרלאָזט. דאָס וועט זײַן „מײַן אומקער אַהיים”. איך האָב ערשט געזאָגט אַז די וואַקאַציעס זענען נישט זייער וויכ־טיק, אָבער איך האָב געהאַט אַ טעות, ווײַל זיי פֿאַרלויפֿן דאָך נעבן דיר. די וואַקאַציעס זענען גוטע ווי אַלעס וואָס רינגלט דיך אַרום. איך האָב גערופֿן צו דײַן פּנים און דײַנע קושן. און די וואַקאַציעס זענען דײַן פּנים און דײַנע קושן.

איינער פֿון מײַנע חברים, ווייסנדיק אַז איך וועל דורכפֿאָרן זײַן היים ווען איך וועל אַהיימפֿאָרן אויף וואַקאַציעס, האָט מיר געזאָגט: „וועסט קומען צו מיר און וועסט בלײַבן אַ האַלבן טאָג מיט מיר. מיר וועלן עסן אַ מיטאָג פֿון ווורשטלעך און נאָכ־שפּײַזן”. כאָטש איך האָב געוווּסט אַז דאָס וועט זײַן געשמאַק און איך בין געווען זייער נײַגעריק צו קענען די עסצימערן און די מאכלים פֿון די רײַכע, האָב איך נישט אָנגענומען זײַן אײַנ־לאַדונג. איך האָב געטראַכט אין דיר, מאַמע, און איך האָב בײַ מיר נישט געוואָלט צונעמען אַפֿילו איין מינוט פֿון דײַן געזעל־שאַפֿט.

זעקסטער קאַפּיטל

אבער איצט בין איך אַלט פופצן יאָר, און די צוקונפט וואָס איז מיר אַמאָל אַנטקעגן געקומען, איז מײַן גאַסט. אונדזערע פופצן יאָר באַרויִקן זיך אין ליצעאום ווײַל זיי האָבן אַביסל דעם כוח פון די מענער און קענען לעבן ווײַט, אָן דעם מוטערלעכן אָנשפּאַר. ערשט בײַ די פופצן יאָר וואָלטן מיר זיך באַדאַרפט צעשיידן מיט אונדזער מוטער. מען זאָגט אַז די צײַט גייט פאָריבער און אַז אַ קינד פון צוועלף יאָר געפינט, אַדאַנק זיין רײַזנדיקער פאַנטאַזיע, דעם וועג צום גליק. און קיינער אין דער וועלט קימערט זיך נישט וועגן דעם. ווען אונדזערע מוטערס קוקן אונדז אָן זעען זיי די לײַדן, אָבער דער עולם קוקט

זיך נישט אום און רעדט וועגן דער נויטווענדיקייט צו ליידן: „אַלע זענען מיר דורכגעגאַנגען דעם דאָזיקן קריטישן מאָמענט; דאָס לעבן איז אַזוי". וואָס די פילאָזאָפן האָבן געמאַכט פון די לעצטע דריי יאָר פון מיין קינדהייט! זיי האָבן פאַר זיי אויסגעבויט אַ ליצעאום און האָבן אים אויסגעבעט מיט זייערע פרינציפן: „קינד מיינס, עס איז פאַר דיין טובה וועגן". דערנאָך האָבן זיי געזאָגט: „ביזט מקריב דאָס גליק פון דיין קינדהייט, אָבער דו טוסט ווי דיין פאָטער ווען ער לייגט אַריין אַ געוויסע סומע אין אַ געשעפט, וועלכע ער וועט שפּעטער אָפּנעמען מיט פּראָצענט". אָ, פילאָזאָפן! די צוקונפט האָט מיר נישט אָפּגעגעבן נישט דעם קאַפּיטאַל, נישט די פּראָצענטן. זי האָט עס קיינמאָל קיינעם נישט אָפּגעגעבן. די פריידן פון אונדזער קינדהייט האָבן אַ טעם וואָס פאַרבלייבט און אַ סובסטאַנץ וואָס שפּייזט די מענטשן. דערפאַר ווייל איך האָב זיי פאַרלוירן בין איך בלייך און עס איז נישט פאַראַן קיין איבערדערנערונג וואָס זאָל אונדז צוריקגעבן דאָס אינטעגראַלע גליק און די ענערגיע וואָס מיר האָבן פאַרלוירן.

איך האָב געזען קינדער וואָס זענען אָנגעקומען אין ליצעאום ביי די פופצן יאָר. איך קען זייער עקזיסטענץ פון דעם ערשטן טאָג אָן, איך קען אייך זאָגן אַז זיי האָבן אַ סך נישט געליטן פון דער איינזאַמקייט אין ליצעאום. דאָס איז דערפאַר ווייל ביי די פופצן יאָר קען אונדזער קרעפטיקע נשמה קעמפן מיט די חברלעכע נשמות וואָס שטאַרקן זי, און אונדזער נשמה, שוין אַ מער פעסטע, קען זיך צוזאַמענשטויסן מיט דעם אויפזעערס נשמה און די זאָל זי נישט טיף פאַרוואונדן. עס זאָגן אַ ליגן די וואָס באַהויפטן אַז צו די צוועלף יאָר איז גרינגער זיך צוגעוווינען צו די זיטן פון ליצעאום און דערלערנען זיין וויסנשאַפט, ווייל עס זענען אָנגעקומען יינגלעך פון פופצן יאָר, וועלכע ניט ליידנדיק אונדזער עקל זענען זיי געוואָרן אַזעלכע גוטע שילער ווי די אַנדערע. מען דאַרף צוגעבן אַז די קינדער פון

פופצן יאָר, מער רואיקע ווי די פון צוועלף טראָגן גרינגער אי־
בער דעם יאָך פון דער דיסציפלין.

וואָס אנבאלאנגט מיר, האָט אַ דערווידערדיקער גורל באַ־
גאבט מײַנע פופצן יאָר מיט אומגליק און פאַסיוויטעט. עס איז
פאַראַן די געוווינהייט. זאָל איך זאָגן אַז איך האָב געליטן? די
אַלטע אָנגעשטרענגטע לײַדן אויך נישט. שוין אַזוי לאַנג אַז זיי
אַרבעטן, אַז זיי ווייסן שוין נישט וואָס עס איז די רו, און זענען
שוין אַזוי פיל געגאַנגען אַז עס ווילט זיך זיי שוין נישט לויפן.
דאָך גלויב איך אַז איך האָב געהאַט מער פריידיקע מאָמענטן
פון זיי אַ דאַנק מײַן שוועסטער די צוקונפט.

איך לעב אַ סך נענטער פון מײַן צוקונפט ווי פון מײַן קעגנ־
וואַרט. מײַן שוועסטער די צוקונפט איז מיר אַ צווילינג, אַ
ענערגישע און ערנסטע. אינדערפרי נעמט מיך מײַן שוועסטער
בײַ דער האַנט מיט אַ זייער גוטער מינע אויפן פנים און דאָן
קוק איך אויף איר אנשטאַט צו קוקן אויף דעם אויפזעער. זי
פאַרוואַנדלט מײַנע לעקציעס אין זייער אָפטע, מײַנע קלאַסן אין
אויפמערקזאַמע און מײַן פראָפעסאָר אין אַ גוטמוטיקן מענטש.
ווען איך בין דער בעסטער אין קאָמפאָזיציע, זאָגט מיר מײַן
שוועסטער: „אַזוי האָב איך דיך ליב, ווײַל אַזוי ביזטו ענלעך
צו מיר”. זאָל דיך גאָט בענטשן, שוועסטער מײַנע. אַמאָל ביזטו
געווען אַ כינעזישער הוט באַפוצט מיט גלעקעלעך כדי מיר צו
געפעלן ווײַל איך בין געווען אַ קינד. הײַנט ביזטו מײַן שוועס־
טער צוקונפט און איך זע דיך צווישן מיר און דאָס שלעכטע.

דו מאַכסט גוטמוטיק דעם פראָפעסאָר, אָבער איך דענק
אויך אַז דו פולסט אָן מיט שנאה די נשמה פון אויפזעער. די
דורכגעפאַלענע און די אומפעיִקע ווינטשן אַז אַלע גורלות זאָלן
זײַן שלעכטע, כדי צו האָבן חברים אין אומגליק. איך ווייס אַז
אומגליק איז הייליק און איך ווייס אויך אַז די דורכגעפאַלענע
און די אומפעיִקע זענען געווען אומשולדיקע מענטשן. איך
וואָלט געוואָלט אומאַרעמען אָן אָנגעשטרענגטן און אים זאָגן:

„דו ביזט געהייליקט און איך האָב דיך ליב ווי איך וואָלט דיך ליב געהאַט ווען ביזט געווען אַ קינד". איך האָב דיך ליב ווײַל דער גאַצער מענטשלעכער וויטיק איז אַרויפגעפאַלן אויף דײַן צורה און האָט זי פאַרענדערט".

אָבער דאָס פאַרשטיין דעם אומגליק שטערט אונדז ניט צו האַסן דאָס שלעכטע. און אַ חוץ זענען די אויפזעער אָנגע־שטרענגטע מענטשן אָבער זיי זענען אויך געפּעגעניש שומרים. אחוץ זענען פאַראַן אַזעלכע פאַרדאָרבענע מענטשן אַז אין דער טיפעניש פון אונדז אַליין הייבט זיך אויף אַ פרייד, אַ העסלעכע אָן צווייפל, וואָס צאַפּלט און איז מסכים מיטן גורל: „דו ביזט אַן אויפזעער אָבער דו האָסט עס פאַרדינט".

עס איז געווען איינער וואָס האָט פאַרסמט מײַנע פופצן יאָר. איך זע אים נאָך אָט דעם מענטשן, אַ געלן און מיט אַ פליכע־וואַטן קאָפּ, מיט אַ פליך וואָס האָט פאַרעלטערט זײַנע פיר און צוואַנציק יאָר, ווי אַ שלעכטער געפיל פאַרעלטערט אונדזער נשמה. זײַן אַרויסשטאַרצנדיקע און הויקערדיקע נאָז, זײַן מאָר־דע, זײַן געלע באָרד און זײַן שטערן האָבן אויסגעזען ביינער און האָר, ווי די פון די אוממענטשלעכע בעסטיעס. זײַנע אומ־דערבאַרעמדיקע און שטאַרע אויגן פלעגן זיך אָפּשטעלן אויף אונדז ווי אַ בלויע קעלט און זײַנע גראָבע הענט און דיקע פינ־גער האָבן אויסגעוויזן פויסטן. איך זע נאָך דעם דאָזיקן מענטשן מיט זײַן קאָרעקטער קליידונג. ער איז געווען געקליידעט ווי אַ ציוויליזירטער מענטש און האָט אָן צווייפל אַרויסגערופן באַוווּנ־דערונג בײַ די קעלנער פון רעסטאָראַן און בײַ די מיידלעך. מעג־לעך אַז מען איז אפילו דערגאַנגען צו זאָגן וועגן אים: „ער גייט זייער נעט אָנגעטאָן און האָט אַ גוטן אויסזען".

איך האָב געוועון געוואָלט מען זאָל אים זען צווישן אונדז, דאָרטן ווו זײַנע עלעגאַנטע קליידער זענען געווען אין קאָנטראַסט מיט זײַן שלעכטקייט. ער האָט געהאַט געפּרוּווט זיך אויסלער־נען אַלערליי מלאכות, די פון אַקטיאָר אַרײַנגערעכנט. די דורכ־

געפֿאַלענע זענען איבערהויפּט מקנא די אַקטיאָרן ווײַל די דאָזיקע לעבן אין אַ וועלט פֿון פֿיקציע און לערנען זיך אויס נאָכמאַכן די זשעסטן פֿון אַלע מענטשלעכע אומשטענדן, און דער פּראַקאָסירטער איז אַ מענטש וואָס סימולירט און מיינט אַז ער איז באַגאַבט מיט אַלע מעלות. דער אויפֿזעער האָט געהאַט גענומען לעקציעס פֿון דעקלאַמאַציע וואָס האָבן אים דערלויבט צו דערגרייכן אַ קליינעם דערפֿאָלג אין דעם סטודענטן טעאַטער פֿון גרענאָבל. איצטער פּראַקטיצירט ער זײַנע קאָמעדיאַנטישע פֿעיִקייטן צווישן אונדז. עס איז פֿאַראַן אַ פֿאָרם פֿון צוקוועטשן די ציין און אַרויסברענגען אַ שנײַדנדיקע שטים צו דערגרייכן ביז צו דער טיפֿעניש פֿון דעם שילער וואָס מען וויל באַשטראָפֿן. און אַז צו דעם וועט מען צוגעבן אַ באַזונדער אײַז־קאַלטן בליק, ווערן די שטראָפֿן אַכזריותדיק און רופֿן צו נקמה. דער אויפֿזעער האָט זיך געאיבט אַרויסצוברענגען די דאָזיקע ווירקונג. ער פֿלעגט זיך באַנוצן מיט זײַנע ידיעות וועגן דעקלאַמאַציע צו באַפֿרידיקן זײַנע בייזע אינסטינקטן און פֿלעג זיך באַנוצן מיט זײַנע בייזע אינסטינקטן כּדי צו מאַכן נאָך האַרטער זײַן קאַלטקייט. איך ווייס נישט ווי אַזוי ער האָט זיך אויפֿגעפֿירט אין טעאַטער פֿון גרענאָבל, אָבער איך פֿאַרזיכער אײַך אַז צווישן אונדז האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך טאַלאַנט.

אין דער צײַט וואָס איך האָב אים געקענט איז ער אַחוץ דעם געווען דראַמאַטורג. אויב איר האָט אַמאָל געזען אויפֿפֿירן אַ פּיעסע וואָס הייסט: „פּאָליטיק און גערטנערײַ", קען איך נישט גלויבן אַז איר זאָלט האָבן אויסגעפֿונען אַז זי איז שיין. נאָר די שיינע מענטשן קענען אָנשרײַבן שיינע פּיעסן. איך געדענק נאָך ווי ער האָט איינעם פֿון די שילער פֿון זײַן קלאַס, וואָס האָט אויסגעפֿירט די פֿונקציעס פֿון דעם „שוואַרצן", געלאָזט איבערשרײַבן אַ ראָמאַן וואָס האָט געהייסן: „די שטראָף". עס קומט אין אים פֿאָר עפּעס אויסערגעוועגלעכעס. אַ מענטש האָט געהרגעט זײַן אייגענעם פֿאָטער; ווען דער זון דערנענטערט זיך

צום טויטן אים צו געבן אַ קוש, שטרענגט אָן דער מת זײַנע מוסקלען און גיט אים אַ פּאַטש. דאָס דאָזיקע האָט אַ פּיזיאָלאָגישע דערקלערונג, אָבער אין דעם ראָמאַן ווערט געגעבן וועגן דעם אַ מיסטעריעזע דערקלערונג, כדי צו באַקומען אַ טעראָר־עפעקט. איך האָב געטראַכט אַז ווען מען וואָלט באַשטראָפט אַזוי אונדזערע פּאַרפּאָלגער און ווען דער אויפזעער וואָלט זיך דערנענטערט צום טויטנבעט פון זײַנע אמאָליקע שילער, וואָלט ער געקראָגן זייער אַ סך פּעטש.

אונדזער אויפזעער איז געווען אַ ליטעראַט. זײַן ליטעראַטור האָט מיר אויך פאַרשאַפט אַ סך לײַדן. אַזוי ווי איך בין געווען אַ גוטער תּלמיד אין וויסנשאַפטן האָט דער אויפזעער געדענקט אַז איך מוז פײַנט האָבן ליטעראַטור. ער פלעגט מיך פאַרפאָלגן ווי גלײַך ער וואָלט דורכגעפירט אַ גוטע אויפגאַבע. ער האָט אין מיר פאַרפאָלגט דעם בײַזוויליקן און דעם נאַר וואָס לאָזט שטאַרבן פון הונגער די געניאַלע מענטשן. אין יענער צײַט האָב איך געליינט די **פּאָליטישע און ליטעראַרישע יאָרביכער** און דער אויפזעער פלעגט שמייכלען מיט אַ מינע פון סופּעריאָריטעט ווײַל ער פלעגט דענקען אַז איך פאַרשטיי עס גאַנץ ווייניק.

די שטראָפן אין ליצעאום זענען געווען גרויליקע. אין ערשטער ריי זענען געווען די אַרעסטן. די אַרעסטן ווערן אויסגעפירט בשעת די הפסקות. זײַן אַרעסטירט מיינט שפּאַצירן אין דער ריי, שטילשווײַגנד, די הענט פאַרלעגט, אונטער דער אויפזיכט פון אַן אויפזעער. די דאָזיקע שפּאַצירן זענען פול מיט נסיונות, ווײַל האַרט נעבן אונדז זענען די שפּילערייען זיך פאַרגאַנגען אין פרייד און עס האָבן געקלונגען די געשפּרעכן און די שטימען און די פרײַהײַט. מיר האָבן געקוקט אויף דעם אַלעם בשעת מיר האָבן אויסגעפירט דעם אַרעסט. מיר פלעגן צוקוקן די שפּילערייען מיט אונדזערע אויגן פול מיט לוסט, ווי אַ פאַרקריפּלט קינד קוקט דורכן פענצטער אויף די שפּילערייען, די באַוועגונגען און אויפן גליק. חוץ דעם באַשטייען די אַרעסטן פון

מידקייט און פארטומלונג, ווייל דאס גייען רוט נישט אוים דעם קערפער אזוי גוט ווי די שפילערייען און ווייל דאס שווייגן גיט נישט דעם גייסט די רו וואס עס גיבן אים די געשפרעכן. איך פיל נאך היינט די דאזיקע מארשן בײַ וועלכע מען האט געמאסטן די צײַט מיט אונדזערע טריט און בײַ וועלכע יעדע שעה האט געציילט טויזנטער טריט. די ערשטע פערטל שעה פלעגט דורכגיין געשווינד, אבער בשעת דעם צווייטן פערטל הויבן אן מיד ווערן די פים און די געדאנקען. א געדאנק שטעלט זיך אפ אויף דעם פאנטאן ווו עס פליסט די וואסער, אויף די ווענט פון עס-צימער אדער אויף דער וואנט. מען קוקט אויף די אפטרעטן, אויף דעם הויף און די חברים, ווארטנדיק אז עס זאל שלאגן די האלבע שעה, און ווען זי האט שוין געשלאגן, ווערן מיר טרויעריק ווײַל מען דארף ווארטן עס זאלן שלאגן די דרײַ פערטל; און מען איז מיד ווײַל מען ווייסט שוין נישט אין וואס צו טראכטן, בשעת די ארעמע פים גייען ווײַטער אן א ציל, אונטערן קוק פון אן אויפזעער וואס באטראכט זייער מידקייט מיט גלײַכגילט. און מיר זענען אלט געווען צוועלף, דרײַצן, פערצן יאר און מיר האבן געהאט געלאכט אין קלאס אדער גערעדט אין דער רײַ. מיר האבן נאכגעפאלגט עפעס א האפענונג פון אונדזער אימאזשינאציע; מען פלעגט אונדז באשטראפן ווײַל מיר זענען אלט געווען צוועלף, דרײַצן אדער פערצן יאר.

דאס יאר וואס איך בין אלט געווארן די פופצן, האב איך אלע הפסקות פארבראכט אין ארעסט. מיר האבן געהאט די הפסקה פון פרימארגן, אזא אנגענעמע נאך דער זופ און וואס דרינגט ארײַן אין מוח. דערנאך איז געקומען די פון צען אזייגער, נאך דער קלאס, וואס פלעגט אונדז מאכן בריקעווען ווי לאשיקלעך וואס האבן זיך ארויסגעכאפט פון פארצוימונג. און די צוויי הפסקות זענען די ערגסטע פאר די באשטראפטע קינדער, ווײַל עס נעמט בײַ זיי צו אביסל פון זייער יוגנט. מיר האבן געהאט די גרויסע הפסקה פון האלב נאך צוועלף און די

פון פיר ביז פינף דעם זייגער. ווען עס איז נאָר געווען אַ רגע הפסקה, האָב איך באַדאַרפט אויספירן מײַן אַרעסט. צומאָל פלעג איך זאָגן דעם אויפזעער:

— אָבער מײַן הער, איך בין דאָך נישט באַשטראָפט.

און ער פלעגט ענטפערן:

— אַ יאָ! גוט, איצטער באַשטראָף איך אײַך.

איך האָב געפילט אויף מיר די אויגן און די הענט פון דעם דאַזיקן מענטשן במשך פון אַ גאַנץ יאָר. זײַנע הענט זענען געווען פויסטן. אָבער זײַנע אויגן זענען געווען האַרטער ווי זײַנע הענט. איך האָב געהערט די שטים פון זײַנע צונויפגעקוועטשטע ציין, זײַנע אויגן פלעגן דורכבויערן מײַן פלייש, די שטראָף אַרויסגעזאָגט מיט קלאָרקייט דורך אַ גרויסן קינסטלער וואָס דעקלאַמירט נישט, פלעגט דורכשנײַדן די לופט און פלעגט שאַפן אַ באַזונדער שטילקייט אַרום איר. איך האָב געזאָגט אַז דער דאַזיקער מענטש איז געווען אַ שלעכטער. ווער ווייסט? די טיגערס לייגן נישט אַרײַן קיין שלעכטקייט אין זייערע אַקטן און זיי עסן אויף אַ מענטשן ווײַל זיי זענען הונגעריק.

דער אויפזעער איז געווען ערגער פון די אַרעסטן. די אַרעסטן האָבן אין זיך שטילקייט און מאַרשירן מיט די זעלביקע אַלציינע טריט ווי די מעדיטאַציע. צום סוף פאַרגעסט מען אַז מען איז אַרעסטירט. קאַנט שפּאַצירט זיך אויף דער קעניגס־בערגער אַלייע אַנגעטאָן אין טראַכט פון הימל און פון די בייי־מער און פאַר אים איז יעדער שפּאַן אַ געדאַנק. מען האָט באַ־דאַרפט דרײַ יאָר מיך צוגעוווינען צו די אַרעסטן. דערנאָך האָבן מיך די אַרעסטן געפירט שפּאַצירן אויף זייער ברייטער גאַס, און האָבן מיך געמאַכט ווי זיי אַליין, שלעכט און פאַרטראַכט. מײַן ערשטער שטאָלץ: דער שטאָלץ פון זײַן אַ פאַרפאָלגטער. איך האָב געפאַרשט מײַן נשמה און האָב געזען אַז זי אַנטהאַלט ניט קיין שלעכטס און אַז די מענטשן זענען אומגערעכטע. דאַן האָב איך געזאָגט צו מײַן נשמה: גיי; דײַן וועג פירט דיך אין תפיסה,

אָבער גיי דײַן וועג, ווײַל דו האָסט דאָך נישט מורא פאַר דער תפיסה.

בײַ די אַרעסטן איז געווען מײַן שוועסטער די צוקונפט. מײַן שוועסטער די צוקונפט גייט בײַ מײַן רעכטער זײַט און בײַ די אַרעסטן וואָס חזרן זיך איבער, מאַרשירט זי נעבן די אַרעסטאַנטן ווי די באַפרײַאונג. מײַן שוועסטער שלעפּט מיך און מײַן קערפּער מאַרשירט מיט אַלצאיינע טריט. זיי פּײַניקן די קעגנוואָרט, אָבער דער גײַסט האַלט אָן זײַן פרײַהײַט און דאָס לעבן באַשטייט פון צוקונפט. וואָס מאַכט עס אויס איין אויפזועער און זײַן כעס! די טײַכן וואָס פליסן, באַשמוצטע מיט מענטשלעך מיסט, גייען צום ים וואָס לײַטערט. די אַרעסטן מיט זייער עקל האָבן מיך געמאַכט מער ערנסט. איך האָב גערעדט פון ערנסטע זאַכן מיט מײַן שוועסטער די צוקונפט. מען האָט געזאָגט אַז דאָס לײַדן שטאַרקט; איך ווייס עס גאַנץ גוט. דאָס לײַדן האָט מיר געבראַכט נאָך מער נוצן ווײַל עס איז צוגעקומען איך דער גײַסט פון נקמה. זעט ווי דאָס לײַדן מאַכט שלעכטע קינדער. אין יענער צײַט האָב איך געוואָלט ווערן אָפיציר ווײַל די אָפיצירן באַפעלן די מענטשן. איך האָב געליטן און דער אויפזועער האָט מיר געלאָזט פילן אינגאַנצן זײַן מאַכט. דערפאַר האָב איך געוואָלט האָבן אַביסל מאכט כדי פון מײַן זײַט צו פאַרשאַפן לײַדן די אויפזועער. דער שיינער אוניפאָרם איז אַ גליק, ווײַל ער גיט צו דעם גלאַנץ צו דער מאַכט. איך האָב זיך געזען אין גאַס מיט אַ שווערד און אַן אוניפאָרם מיט גאָלדענע באַפּוצונגען. בײַם פאַרבייגיין נאָענט פון דעם אויפזועער וואָלט מײַן גלאַנצנדיקער קוק געווען אָנגעלאָדן מיט פאַראַכטונג, ווײַל איך וואָלט בשעת מעשה געטראַכט: געמיינער מענטש און אויפזועער! אין געוויסע מאָמענטן בין איך געגאַנגען גלײַך איך וואָלט געטראָגן הויכע שטיוול. איך בין געווען שטאָלץ פון אָט דער צוקונפט און האָב געהאַט דעם שטאָלץ פון אָט דער קעגנוואַרט וואָס איז געווען אַ באַשטאַנד-טייל פון צוקונפט. גיי: דײַן וועג פירט דיך אין תפיסה, אָבער גיי דײַן וועג ווײַל דו האָסט דאָך

נישט מורא פאַר דער תפיסה. אונטער איר באַהאַלט זיך די גלאַריע און די גלאַריע שײַנט מער אויף דעם שטערן פון אַ געוועזענעם אַרעסטאַנט.

אויב איך האָב געזאָגט אַז די אַרעסטן האָבן מיך געמאַכט ערנסטער, איז עס נישט דערפאַר ווײַל זיי האָבן געוואָלט אַז איך זאָל ווערן אָפיציר, נאָר דערפאַר ווײַל זיי פלעגן מיר געבן מוט דערצו. מאַטעמאַטישע פאָרמול! דו ביזט אין גרונט נישט אַזאַ פאָרמול. איך פלעג דיך זען ווי אַ שווערד אָדער ווי אַן אוניפאָרם מיט טראָלדן. איך פלעג דיך זען ווי די נקמה אָדער ווי אַ בליק פול מיט פאַראַכטונג וואָס מען וואַרפט אויף אַן אויפזעער. איך פלעג דיך זען ווי אַן עקזיסטענץ פול מיט רום און גליק וואָס מאַכט אונדז פאַרגעסן די אַרעסטן פון די פופצן יאָר. פיזיק און כעמיע, היסטאָריע און געאָגראַפיע. איך האָב זיך געבויגן איבער אײַערע ביכער וואָס האָבן מיך צוגעגרייט צום לעבן. די רעדעס און די קאָמפּאָזיציע-אויפגאַבעס זענען מיר ווייניקער געפעלן, ווײַל דער אויפזעער איז געווען אַ ליטעראַט און ווײַל די אָפיצירן זענען מענטשן פון טאַט וועמען עס געפעלן נישט די פראַזן. איך בין געווען דער פליסיקסטער בײַם לערנען און דער בעסטער אין קלאַס. דאָס פלעגט אַרײַנברענגען דעם אויפזעער אין אַ קאַלטן כעס; ער האָט געמוזט פילן, אַז איך דריי זיך אוים פון זײַנע הענט און צוזען אַז איך בין שטאַרקער פון אַ שטראָף! עס איז געווען אַ דועל צווישן אונדז, ווײַל דער דאָזיקער אויפזעער האָט געמיינט אַז די שטראָפן וואָלטן מיך געקאָנט באַזיגן, און יענער דורכגעפאַלענער האָט געוואָלט אַז איך זאָל זײַן אַ דורכגעפאַלענער ווי ער. געלויבט זאָלסטו זײַן, אָ הונט! דײַנע ביסן און דײַן מאַרדע האָבן מיך אויסגעלערנט קעמפן און האָבן מיר געגעבן מוט.

מײַנע חברים פון פופצן יאָר זענען געווען גוטע חברים. אין דער טיפעניש פון דער מענטשהייט, דאָרטן ווו עס געפינען זיך די אָנגעשטרענגטע, די סאָלדאַטן פון די קאַזאַרמעס, די

בעטלער וואָס בעטן אויף די וועגן און די קינדער פון די לי־צעאומס, געפינט מען גוטע געפילן. איך געדענק ווי, אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט פון מײַן קינדהייט, האָב איך געזען צוויי אַרבעטער זיצנדיק אויף דעם ראַנד פון אַ קאַנאַווע. זיי האָבן זיך געהאַלדזט, זיך געדריקט די הענט און זיך געקושט. דאָס לעבן איז פאַר זיי געווען האַרט ווי אַן אויפזעער, אָבער זיי האָבן פאַראייניקט זייערע הערצער. זיי האָבן נישט געהאַט נישט קיין ווײַבער, נישט קיין מוטער, נישט קיין ברידער, דערפאַר איז יעדער איינער געווען פאַרן צווייטן, ווײַב, מוטער און ברודער.

מיר האָבן זיך שוין געגייטיקט אין געוויסע זאַכן און מיר זענען געווען גוטע חברים, פאַראייניקט קעגן געמיינזאַמען שונא.

אָבער דיך, מײַן גוטע מאַמע, האָב איך געליבט ווי איך האָב דיך תמיד ליב געהאַט. איך האָב דיך ליב געהאַט מיט אנגסטלעכן אומגעדולד, ווי מען האָט ליב דעם הימל דורך די קראַטעס פון אַ פענצטער. איך האָב געטראַכט אין דיר, ווי דער אַרעסטאַנט טראַכט וועגן ווײַטן און ברייטן רוים. מאַמע, דו ביזט ענלעך צו די וואַקאַציעס, ווען די וועלט עפנט אונדז די טירן. איך זע דיך נאָר צוויי אָדער דרײַ מאָל אין יאָר און ביזט נאָך שענער, ווײַל דו ביזט אַ באַשטאַנדטײַל פון דער פרײַהײַט.

איך פאַרגלײַך די וואַקאַציעס פון די פופצן יאָר, מער לע־בעדיקע ווי די פון די צוועלף, מיט אונדזערע פופצן יאָר וואָס זענען אונדזערע צוועלף יאָר פאַרגרעסערטע. צו די צוועלף יאָר קערט זיך אום אונדזער האַרץ צום נעסט, אָבער אונדזערע חו־שים און אונדזערע געפילן פון די פופצן יאָר נעמען אויף די שפּירונגען פון דער וועלט און די פון נעסט, צוזאַמענגעשטעל־טע פון ליבע און רו, און דאָס איז זיס, איבער אַלע זאַכן. אַט מערק איך, אַז רעדנדיק פון אַן אויפזעער און פון זײַנע שלעכט־קייטן האָב איך שיעור געזאָגט אַ ליגן אַרויסרעדנדיק דאָס

וואָרט אומגליק. יאָ, ווײַבאַלד אין דעם וואַקאַציע טאָג פאַר־שווינדט דער אויפזועער ווי אַ שלעכט געדעכעניש און פאַר־וואַנדלט זיך אין אַ געדעכעניש פון לײַדן, וואָס פאַרגרעסערט די גוטסקייט פון אַ גליקלעכער רגע. אונדזערע ברוסטן אָטע־מען, אונדזערע אויגן זעען, אונדזערע פיס גייען און אונדזערע האַרציקע פופצן יאָר האָבן שוין אין אַלעם פאַרגעסן און, פון דער תפיסה איז זיי נאָר פאַרבליבן דער דראַנג נאָך רוים.

די פאַסכע וואַקאַציעס זענען אין יענעם יאָר געווען אַ פרײַ־לינג וואָס איז געווען אין איינקלאַנג מיט מײַן נשמה. איך האָב אָן צווייפל געהאַט אַנדערע פאַסכע־וואַקאַציעס אַזעלכע שיינע ווי די, אָבער אין קיין איינער פון זיי, בין איך נאָכאַמאָל אַלט געווען פופצן יאָר. די נאַטור צעעפנט זיך אינגאַנצן און רופט מיך: „קום דאָך; אָט בין איך דאָ דיר צו געפעלן און כדי זאָלסט מיך פאַרשטיין האָב איך מיר געגעבן פופצן יאָר".

נאַטור וואָס איך האָב אַמאָל געקענט! ביזט דערשינגען פאַר מיר פאַרבלענדנד און צעמישט ווי איך אַליין בין עס דע־מאָלט געווען. דײַנע לאַנקעס האָבן זיך אויסגעמישט מיט דײַנע פעלדער. דײַנע ביימער, דײַנע קוסטעס און דו, אַלע גרינע און בלויע, האָבן געבילדעט אָט דעם אַנגענעמענעם צוזאַמענשטעל וואָס איז דאָס פעלד. אָבער איצט, נאַטור, וואָס איך קען, שיינסטו מיר צו זײַן גרעסער, געמאַכט פון פאַרמען, קאָלירן און לעבן. און דו האָסט אַזוי פיל און אַזעלכע פאַרשידענע פנימער, אַז איך געפין זיי אויס יעדע רגע און פאַרשטיי זיי.

ווען איך פלעג אויפשטיין אינדערפרי, איז שוין אַ יונגע זון, אַ שיינע זון פון חודש אַפריל, געהאַט פאַרבײַגעגאַנגען די ערד כדי זי אויפצוּוועקן. מײַן שיינע זון, דאָס ביזטו די, וועלכע וועקט אויף די שטוב, די גאַס און דעם הימל. ווען מיר עפענען די טיר און דאָס פענצטער, קומסטו אַרײַן און ברענגסט אונדז אָט די גוטע געדאַנקען פון די פרילינג פרימאָרגנס. איך בין אַלט פופצן יאָר, מײַן שיינע זון. דו זוכסט אין די פעלדער די

אײַנגעדרימלטע זריעה און דו פֿאַרוואַנדלסט זי אין גראָז, אין שפּראָצונגען און אין בלומען. דו זוכסט אין מײַן קאָפּ די געפֿילן פֿון ליבע און דו מאַכסט זיי זאָלן ליב האָבן דאָס גראָז, די שפּראָצונגען און די בלומען. גוט מאָרגן, מאַדאַם זון! איר זענט אַ שײנע זונטיקדיקע דאַמע און אַ שײנע דאַמע פֿון די וואַקאַציעס און איך האָב אײַך ליב ווי די מוטער פֿון פֿרילינג.

ווען איך בין געווען אַ קינד פֿלעג איך אַמאָל זען אָפּיצירן און פֿאַיאַצן. די אָפּיצירן, בלויע און רויטע, ענלעכע צו אונדזערע צען יאָריקע מוחות, האָבן מיך צוגעצויגן ווי אַ באַגער און די פֿאַיאַצן זענען געווען ענלעך צו די אָפּיצירן. איך פֿלעג זיי נאָכגיין ווי אַ סאַמעליט כדי צו באַקומען אַביסל ליכט און וואַרעמקייט, און פֿלעג באַטראַכטן די אָפּיצירן און פֿאַיאַצן מיט אַ גרויסער ליבע. הײַנט לויף איך נאָך דער זון. די פֿאַרשידנסטע געשטאַלטן פֿון מײַן פֿאַנטאַזיע, און דער פֿאָעטישער געפֿיל פֿון דער וועלט וואָס מיר האָבן בײַ די פּופּצן יאָר, פֿאַרשלעפּט מיך אויף די וועגן און מאַכט איך זאָל הנאה האָבן פֿון זײַער ספּעקטאַקל. איך גיי נאָך דער זון, ווי אַ סאַמעליט כדי צו באַקומען אַביסל ליכט און וואַרעמקייט און איך גיי איר נאָך נאָך מער ווי די אָפּיצירן, ווײַל די זון איז גלענצנדער.

אָט זענען די גאַסן און די פֿעלדער. איך באַגריס די וועגן פֿון פֿרילינג וואָס גייען אים נאָך און גייען ארום איבער דער נאַטור. זיי זענען נישט זייער שיין ווײַל זיי זענען נוצלעך, אָבער יעדנפֿאַלס קוק איך אויף זיי. איך געפֿין אוים אַז זיי האָבן אַ קאָליר פֿון קאַווע מיט מילך און די קוסטעס וואָס בײַ זייער ראַנד זײַנען, ווי זיי וואָלטן געשפּראָצט פֿון זייער ערד. איך באַגריס די לאָנקעס און דאָס גראָז וווּ עס פּאַשען די אָקסן; זיי צעשפּרייטן זיך אונטער דער לויטערער זון. מען ווייסט נישט צי זיי זענען גרינע אָדער בלויע. דער שכל זאָגט אַז זיי זענען גרין, אָבער דאָס הארץ זאָגט אַז זיי זענען בלויע, איבער די אָפּשײַנונגען. ווען מען קוקט אויף זיי טראַכט מען אַז זיי זענען באַשאַפֿן גע-

וואָרן צו דערוועקן אונדזער באַוווּנדערונג. און די פעלדער וואָס רינגלען אַרום די לאַנקעס ווײַזן אוים ווי ערד; און עס שיינט אַז די לאַנקעס זענען פעלדער אויף וועלכע מען האָט אויסגעשפּרייט אַ טעפּיך. איך באַגרים די ביימער און איבערהויפּט די פּערעשקע-ביימער. עס איז פאַראַן אַ פּאָעמע וואָס רעדט פון דער הייליקער בתולה, אָנגעטאָן אין אַ בגד, קאָליר פון די בלומען פון פּערעשקעס און איך ווענדע זיך צו אים. אָ, אָט זענען פּערעשקע בלומען וואָס זענען שענער ווי די רויזן און וואָס זענען אַזוי שיין אַז מען קאָן זיי נישט באַשרײַבן! איך האָב געקוקט אויף זיי אַ לאַנגע צײַט און בין געבליבן פאַרבלענדעט. איך האָב געפילט ווי זיי וואָלטן אין מיר אַרײַנגעגאַנגען, מיר צו געבן אַ גליק פון קאָליר פון די פּערעשקע בלומען. אָ, אָט זענען די בלומען פון פּערעשקעס!

אָבער, און דער הימל פון פּאַסכע! דער הימל פון פּאַסכע איז אינגאַנצן געמאַכט פון ליכט. ער איז ווײַס, בלוי און גלענצנד. מען וואָלט געזאָגט אַז ער האָט אויפגעלייזט די זון; מען וואָלט געזאָגט אַז ער איז אינגאַנצן באַדעקט מיט טוי. אָבער איך טו שלעכט וואָס איך רעד פון הימל. פון דער ערד ביז צום הימל איז די לופט גלענצנד און בלוי ווי דער הימל פון פּאַסכע. אָ, פרילינג! די באַבלימטע קוסטעס, דער הימל, די ערד און מײַנע פופצן יאָר באַקוקן זיך ווי פרײַנד וואָס האָבן זיך נעכטן באַקענט, אָבער וואָס פילן אַז זיי וועלן זיך שוין תמיד קענען, און ווי פרײַנט וועמענס פרײַנטשאַפט איז געווען אַ פּלוצלינגע אָבער וואָס פאַרטרויען זיך שוין זייערע טיפסטע געפילן.

אַזוי זענען מײַנע געפילן געווען אַ טייל פון דער נאַטור און האָבן אַנטהאַלטן אַביסל פון איר שיינקייט. מען האָט בײַ זיי מער ניט באַדאַרפט מאָנען. אונדזערע פופצן יאָריקע ברוסטן גרייכן קוים פאַר אונדזער אָטעמען. די מאַמע איז נישט געווען די וואָס איך האָב דערוואַרט, די מוטער פון די זאַכן און די אַמאָליקע מוטער פון די צוועלף יאָר, וואָס איז פאַר מיר געווען אַ

סובסטיטוט פון אַלעס וואָס איך האָב באַדאַרפט. מײַן קערפּער איז אויסגעצויגן. פרילינג וואָס שטאַרקט אים, רופט אים און לאָקט אים. דאָס איינציקע וואָס וואָלט מיר געקאָנט פעלן, די לופט און די פרײַהײַט, גיט עס מיר דער פרילינג.

אַמאָל האָט מײַן מוטער געהאַט אַ האַנט וואָס פלעגט אָננעמען מײַנע, ווײַל מײַנע פיס האָבן זיך געוואַקלט און מײַן קאָפּ האָט זיי נישט געקאָנט ווענדן. די מאַמע האָט געהאַט אַלעס דאָס וואָס איך האָב נישט געהאַט. זי פלעגט מיך פירן מיט אירע שטאַרקע אידעען און איך פלעג זיך אָנלענען אין אירע באַשיצנדיקע הענט. ווי די צײַטן האָבן זיך געביטן! מײַן מוטער איז ווײַטער געווען אַ צענטער צו וועלכן עס פלעגן פליסן אַלע מײַנע געפילן. מײַנע קליינע געפילן פון אַמאָל פלעגן אַרום פון מײַן האַרצן אַרומלויפן דעם אוניווערז, דערנאָך האָבן זיי באַמערקט אַז דער אוניווערז איז צו גרויס פאַר די קליינע געפילן. דאַן פלעגן זיי לויפן זוכן שוץ נעבן מײַן מוטער, ווי אַ קליינער גאַרניזאָן וואָס ווייסט נישט וואָס צו טאָן און בלײַבט דאָרטן ווו עס איז גוט צו זײַן. עס איז געשען אַז די מוטער פלעגט אַמאָל פירן שפּאַצירן אירע פייגעלעך אויפן פעלד. ווייסט איר וואָס עס איז געשען? אין אַ טאָג איז די מוטער נישט געווען אין דער היים און די פייגעלעך זענען געגאַנגען שפּאַצירן אַליין. זיי האָבן באַמערקט אַז זיי ווערן נישט פאַרפאַלן אויף דער וועלט, און אַז אויף דער וועלט אָטעמט מען.

זאָגט נישט אַז איך האָב נישט ליב מײַן מוטער. איר ווייסט גאַנץ גוט אַז מײַן טורמע אַנטהאַלט איר געשטאַלט. דער גליקלעכער מענטש איז אַליין, אין געשפּרעך מיטן גליק. פרילינג איז מײַן גליק. דערפאַר שטיי איך אַליין אַנטקעגן פרילינג. מען דאַרף אונדז קומען זען אין די טעג פון פּאַסכע, ווען עס קלינגען די גלעקער, כדי צו וויסן אַז די גלעקער קלינגען, אַז די פרייד גייט זיי נאָך און אַז די קינדער באַגלייטן זי.

זיבעטער קאַפּיטל

מײַן גאַנץ לעבן וועל איך געדענקען דעם נאָכמיטיק אין וועלכן איך בין אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר. איך בין געזעסן אין מײַן צימערל. די שטנס זענען געפֿאַלן אויפֿן גאָרטן, פֿאַרלעשנדיק מײַנע בלומען און מײַנע פֿייגעלעך, און דער הימל האָט געהאַלטן אין ווערן מילד ווי אַ קראַנקע נשמה. די זון פֿון דעמערונג איז צוזאַמענגעשטעלט פֿון קלינגענדיקע פֿערעלעך וואָס געבן זיך אָפּ צוריק די לעצטע ווערטער פֿון די ביימער און פֿון די וועגן. די מאַמע האָט געצויגן וואַסער, עס האָט געסקריפּעט די קייט פֿון ברונעם, דער עמער האָט מיט גערויש געקלאַפּט אין די ווענט. אין דער רגע, איבערהויפּט, האָב איך געפֿילט ווי

עס קומען אָן מײַנע צוואנציק יאָר. פאַרוואָס? איך בין נישט קיין קראַנקער, וואָס מיינט אַז ער זעט ווונדערלעכע צוזאַמענטרע־פונגען. אָבער דער ברונעם האָט געשריגן ווי אַן אײַזערנע נשמה, וועלכע אימיצער גרייפט אָן אין צײַט פון בין־השמשות און זײַנע געשרייען האָבן מיטגעריסן מײַנע. מען וואָלט געזאָגט אַז ערגעץ אין דער וועלט איז פאַראַן עפּעס אַ געפאַר. איך האָב געפילט ווי מײַנע צוואנציק יאָר קומען אָן אין דער טיפעניש פון מײַן פרירנדיק האַרץ, און איך בין געוואָרן טרויעריק, ווײַל זיי זענען נישט געווען דאָס וואָס זיי האָבן באַדאַרפט זײַן.

ווען איך בין אַלט געווען צוועלף יאָר האָב איך געטראַכט: „צו די צוואנציק יאָר וועסטו זײַן אימיצער. אַ גרויסער אַסטראָ־נאָם אָדער אַ גענעראַל, אָבער זיכער אַז דו וועסט זײַן עפּעס זייער גרויסעס, ווײַל ביזט געגאַנגען אין ליצעאום און ביזט דאָרטן געווען דער בעסטער פון דער קלאַס". ווען איך בין אַלט געווען פופצן יאָר בין איך שוין געווען מער קאָנקרעט: „צו די צוואנציק יאָר וועסטו שוין האָבן געענדיקט די פּאָליטעכנישע שול און וועסט אַרומשפּאַצירן אין די גאַסן פון דײַן שטעטל, אָנ־געטאָן ווי אַן אַרטילעריע אָפיציר, ענלעך צו אַ געשטאַלט פון דער גלאָריע אָדער פון דער מלחמה. דערנאָך האָב איך שוין נישט געוואָלט זײַן קיין אָפיציר, ווײַל די אָפיצירן זענען זייער שיינע, אָבער זיי האָבן נישט קיין האַרץ און פאַרשאַפן לײַדן די סאָלדאַטן. אחוץ דעם, האָט איינער פון מײַנע חברים וואָס האָט געוואָלט אַרײַן אין דער העכערער נאָרמאַל שול, מיר באַוויזן אַז די אָפיצירן זענען אומנוצלעכע ווענס. איך בין דעמאָלט גע־ווען „באַטשיזשער" און אין משך פון די דרײַ יאָר וואָס האָבן געפאָלגט, האָב איך זיך צוגעגרייט אַרײַנצוגיין אין דער פּאָלי־טעכנישער שול. די פּאָליטעכנישע שול פירט צו אַלע קאַר־יערעס. מען קען זײַן אינזשעניער, קאָמיסאַר פון אַ שיף, באַאַמ־טער אין ווירטשאַפטס־מיניסטעריום, אָן דעם אַז די פּאָליטעכ־נישע שול זאָל איינעם פאַרווערן צו זײַן אַ שרײַבער, מוזיקער

אָדער דיקטער. די וואָס שטרעבן אַרײַנגענומען צו ווערן אין דער פאָליטעכנישער שול שפּאַצירן זיך איבער אַ פעלד פון חלומות און זענען באַקאַנט מיט אַלע האָפענונגען.

איך האָב געקענט אַזויפיל האָפענונגען, אַז מײַנע באַגערן האָבן נישט געהאַט קיינע גרענעצן. אָבער הײַנטיקן נאָכמיטאָג איז מײַן נשמה פון דעמערונג צוזאַמענגעשטעלט, פון קלינגענדיקע ווידערקולן. די ווידערקולן פון מײַן נשמה געבן זיך צוריק אָפּ זייערע גערוישן, אַלע זייערע קאַלטע גערוישן, מיט דער אומפערזענלעכער שטימע פון ווידערקול. די מידקייטן און די האָפענונגען מאַכן אַ גערויש פון געפאַנגענע יאָרן וואָס זענען אַרומגעגאַנגען איבער הויפן, וואָס זענען געשלאָפן אין גרויסע שלאָפצימערן, וואָס האָבן געלעבט צווישן די אויפזעער, אַ טרויעריק און באַוואַכט לעבן. אויף מײַן טיש זע איך די העפטן פון דרײַ יאָר מאַטעמאַטיק. די מאַמע האָט אַרויסגעצויגן וואַסער; עס האָט געסקריפּעט דער פאַרזשאַווערטער ברונעם. עס האָט מיר געשײַנט אַז איך הער די X און די Y פון מײַן לעבן פון אַספּיראַנט אין דער פאָליטעכנישער שול. די X פון דער אַלגעבּרע, עלעגאַנטע און פּינקטלעכע האָבן אַרגומענטירט קאַלט ווי גוט דערצויגענע מענטשן. די X, די Y און די Z פון דער אַנאַליטישער געאָמעטריע האָבן אויסגעוויזן אומגליקלעכע וואָס באַמיען זיך, אומגליקלעכע טאָג-אַרבעטער וואָס האַקן האָלץ. מײַן נשמה האָט געסקריפּעט ווי דער ברונעם וועמענס פאַרפרוירענע וואַסער באַוועגט זיך. די דאָזיקע מאַטעמאַטיקעס זענען געווען געמאַכט מיט מײַן שטאָף. אַ הויפן מיט העפטן, דאָס איז געווען מײַן יוגנט; די ערשטע פרילינגען, די בלעטער וואָס עפענען זיך, די זון פול מיט טוי און די קלייניקע פרײַנדינס פון זעכצן יאָר; עס איז טרויעריק ווי אַ פאַרלוירענער גליק. $F(X, Y, Z)$, טעאָריע פון די עקוואַציעס, קרומע ליניען און פלאַכן פון צווייטן גראַד, אַלטע ווידערהאָלטע אַוואַנטורן, טרויער פון געפאַנגענעם וואָס קען אַלע שטיינער פון די

װענט פון זײַן תפיסה! אַ מענטש האָט געהאַט באַארבעט זײַן פעלד. דער װינט האָט געבלאָזן אויפן װײץ װאָס ער האָט פאַר־זײַט און איצטער זוכט דער מענטש איבער דער ערד די שיריים פון דער הוליאַנקע פון די בייזע חיות.

אָבער די ביטערנישן האָבן זייער מאָרגן. אַ יִינגל פון צװאַנ־ציק יאָר האָט נאָר איין נאָכמיטיק אַ ביטערן. גלאָריע צו מײַן בלוט װאָס גייט פאַרבײַ װי אַ רײַטער װאָס צעטרייסלט און שלעפּט מיט אין זײַן געלויף די אַלטע לײַט פון דער פאַרגאַנגענ־הייט און די קינדער פון דער צוקונפט! די פאָליטעכנישע שול איז שוין נישט מער װי דער סקעלעט פון אַ פאַרברענטער שטוב. איך פאַרלאָז זי. איך בעט אײַך פאַרגעבונג אויב איך האָב גע־קוקט צוריק. איך גיי אַװעק און האָב גאָרנישט פאַרלוירן. די װעלט איז װי דער רוף פון קלאַרינעט װאָס רײַסט מיך מיט. איך װעל נישט רוען ביז איך װעל נישט געפינען די שטוב װוּ מען רוט בעסער.

אינדערפרי שטיי איך אויף און פרעג אָן בײַ די פיר װינק־לען פון הימל. איך װיל נישט בלײַבן אומװיסנד װעגן אַלעס װאָס קומט פאָר אין רוים. איך אָטעם די לופט פון פרימאָרגן װאָס קומט פון װײַט און זאַפּט אײַן אין זיך די גאַנצע פרישקייט פון די האָריזאָנטן. איך טראַכט אין אַלע באַרופן װאָס אַ „באַטשי־זשער", װאָס האָט דורכגעלערנט דרײַ יאָר ספּעציעלע מאַטעמאַ־טיק, קאָן אויסקלייבן. ער קאָן פּרעטענדירן אויף אַ פּאָסטן אין די ביוראָען פאַר דירעקטע קאָנטריבוציעס, װאָס געפינען זיך אין די פּרעפעקטורן און סובפּרעפעקטורן און װאָס אָנטהאַלטן אַ שטיקעלע צוקונפט; אין אָפיציעלן רעגיסטער אין דער הויפּט־שטאָט פון אַ דעפּאַרטאַמענט און דערנאָך הייראַטן מיט אַ באַ־צױבערנדיקער פרוי און באַקומען גרויס אָנזען. אין די ביוראָען פון בריקן און װעגן, װוּ מען פאָדערט קענטעניש אין ספּעציע־לער מאַטעמאַטיק. די בריקן און װעגן פירן אַחוץ אין דער שול פון בריקן און װעגן, װאָס גיט אַרוים אינזשעניר־דיפּלאָמען

פונקט ווי די פאליטעכנישע שול. ער קען שטרעבן אויף פאסטנס אין אלע מיניסטעריומס פון פאריז מיט זייערע גרינגע עקזאמענעס. אז איך זאג אייך אז דער גאנצער רוים איז פארפולט מיט צוזאגן. און מען דארף נאך צוגעבן אלע פאסטנס וואס מען קען אויסגעפינען ביי פריוואטע מענטשן און אין די פריוואטע אדמיניסטראציעס. איך האב דאך גארנישט פארלוירן, גאט מיינער! דער דאקטאר האט מיר דערציילט אז מיט דעם וואס איינער פון מיינע חברים איז דורכגעפאלן אין דער פאליטעכנישער שול האט ער גאר אפגעגליקט, ווייל ער איז איצט א זשורנאליסט און פארדינט צען טויזנט פראנק א יאר.

מיין ברודער צוקונפט איז געווען געקליידט אין שווארצן, און זיין זייער ווייסער געקראכמאלעטער קאלנער האט דערציילט פון א יונגן מענטשן וואס ארבעט נישט קיין סך און פארדינט גוטע געהאלטן. די „באטשיזשערן" האבן עלעגאנטע בארופן וואס ווייזן אוים ווי א צייטפארטרייב. עס איז אפילו דא רייכע יונגעלייט וואס פראקטיצירן די דאזיקע בארופן ווייל זיי האבן מורא אז נישט טוענדיק גארנישט וועלן זיי זיך לאנגווײַלן.

אזוי האב איך געלעבט א חודש אין מיין פראווינציעלן צימערל נעבן מיין אייפערדיקן פאטער און נעבן מיין שטארק באזארגטער מוטער. מיינע צוואנציק יאר זענען געווען אביסל וויברירנדיקע, אבער אין דעם ארעמען דארף ווו איך שטעל מיך אפ א מאמענט, ווייל איך נישט לאזן ווילגיין מיינע צוואנציק יאר. איך האב געלעבט צוריקגעצויגן און רואיק אויסצוקלייבן א מלאכה. מיינע אייגענע זענען נישט געווען רואיק. מען קאן נישט זאגן אז די ארבעטער פון די פראווינצן זאלן האבן וועלכע עס איז עקספעריענץ, ווייל זייער גייסט קען נאר דאס האלץ און די הילצערנע שטעקשיך וואס מען מאכט מיט אים. און זיי דארפן ארבעטן צוועלף שעה אין טאג צו פארדינען דאס ברויט פאר זייער ווייב און קינדער, פירנדיק א פיינלעך לעבן. מען דארף זיך צוקוקן צו אן ארבעטער מיט זיינע מידע אקסלען. ווען ער

טראַכט זיך אַרײַן אין זײַן לאַגע, ציט ער זיך אויס און קוקט אין דער ווײַטקייט מיט אויגן וואָס זעען זאָרג אומעטום.

עס איז אמת אַז איך בין „באַטשיזשער" און אַז בילדונג דערפירט צו אַלעס. מײַן פאָטער וואָס ווייסט אַז די קינדער פון אַרבעטער נעמען אַנטייל אין לעבן פון אַרבעטער, האָט מורא. אַ חוץ דעם, ווען אַלעס זאָל פאַרקומען ווי איך שטעל עס מיר פאָר, וואָלט עס געווען צו שיין. ער רעדט פון דעם מיט מײַן מוטער. מײַן מוטער וואָלט געוואָלט זען די זאַכן ווי איך זע זיי, אָבער זי איז אומרואיק, ווײַל נאָך אַלעמען ווייסט מען נישט...

איך שטיי אויף און זינג. מײַנע ליבע עלטערן, איר זענט צופיל אײַנגעשפאַרט. איר באַגרייפט דאָס לעבן און זײַן זין צווישן די פיר ווענט פון אײַער צימער און זעט עס דורכגיין פאַר אײַער פענצטער, צווייפלענדיק צי עס איז אויף דער וואָר. איך ווייס נישט ווי אַזוי צו מאַכן אַז מײַנע ווערטער זאָלן אַרײַנ-דרינגען. איך טראָג אין מיר דרײַ הונדערט טויזנט האָפענונגען. אָבער מײַנע עלטערן האָבן איין צווייפל פאַר יעדער איינער פון מײַנע האָפענונגען. פאַרוואָס? איך ראַזאָניר אויך. איך שטיץ יע-דע האָפענונג אויף אַ בײַשפּיל. אַלע מײַנע אַמאָליקע חברים האָבן די פאָסטנס פון וועלכע איך רעד צו אײַך, און איך, דער זעלבי-קער ווי זיי, וועל נאָכגיין זייערע טריט און וועל האָבן איבער זיי דעם פאָרצוג פון גיין אויף אַ געדראָשענעם וועג.

מײַן פאָטער פאַרמאַכט זיך אין זײַן אומגלאָטן קערפּער פון אַן אַרבעטער, און ווײַל זײַנע אַקסלען האָבן געקראָגן די שטאַר-קע קלעפּ וואָס דאָס לעבן גיט די אַרבעטער, איז ער פול מיט שרעק. דײַנע חברים זענען געווען רײַכע אָדער זיי האָבן געהאַט פּראָטעקציע. אין דער וועלט זענען די באַרופן ענלעך צום מזל. דערפאַר האָבן די רײַכע גוטע מלאכות בשעת די אָרעמע האָבן זיי אינגאַנצן נישט.

מיר האָבן אָנגעהויבן מיט די רעקאָמענדאַציעס.

פינף קילאָמעטער פון מײַן שטעטל זעט זיך אַ דאָרף און אַ

שלאָס. דאָס דאָרף ווײַזט אַנדערטהאַלבן גאַסן באַוווינט מיט הײַזקעס און שטילע מלאכות. כמעט אַנטקעגן דעם קלויסטער שטייט די שול. די קירכע איז אַלט און האָט נישט קיין פּלאַץ וווּ צו באַווײַזן איר פּנים. די שול איז ברייט און ווײַס מיט אַן אומגעהויער גרויסן פּלאַקאַט, כדי מען זאָל זי אַרויסזען און מען זאָל וויסן אַז אין דאָזיקן דאָרף פאַרנעמט די בילדונג אַן אומגעהויער פּלאַץ.

אָבער דאָס דאָרף איז גאָרנישט. מען דאַרף רעדן פון דעם שלאָס. דער פּאַרק און דער שלאָס זענען גרעסער פונעם דאָרף און געהערן דעם ה׳ גאַלטיע. ה׳ גאַלטיע איז אַ מענטש אַ מול־טימיליאָנער און איז דאָס וואָס מען רופט אַן ערד־אַרבעטער. די ערד־אַרבעטער זענען די וואָס באַזיצן די ערד, פאַרדינגען זי צו די פּויערים און שאַפן זיך רענטן אַ דאַנק דער אַגריקולטור וואָס עס פּראַקטיצירן די קאָלאָניסטן. זיי פאָרן אָפט קיין פּאַריז, האַלטן אַן אַלערליי באַציִונגען און באַקלאָגן זיך אַז זיי זענען זייער באַשעפטיקט. די גרויסע מערהייט פון זיי זענען מאָנאַרכיסטן אָבער ה׳ גאַלטיע איז געווען אַ רעפּובליקאַנער. ווען נישט, וואָלט מען שוין געפונען דעם אויסוועג ווי אַזוי צו שאַפן מער פּלאַץ פאַר דער קירכע און באַהאַלטן די שול הינטער די שטיבער.

מיר איז נישט באַקאַנט די רעפּובליקאַנישע שאַטירונג פון ה׳ גאַלטיע, ערד־אַרבעטער און רעפּובליקאַנער, אָבער איך ווייס אַז ער איז געווען באַפרײַנדעט מיט אַלע פּרעפעקטן. ה׳ גאַלטיע האָט געהאַט אַ געשמאַקפולן, איינעם פון די געשמאַקפולסטע טישן וואָס אונדזערע רעגירונגען פאַרגעטערן. די מאָנאַרכיסטישע טישן קאָמפּראָמעטירן, ווײַל זיי נוצן צו מאַכן פאַרשווערונגען קעגן דער רעפּובליק. די גוטע רעפּובליקאַנישע טישן זענען זעלטענע, ווי די אמתע פאַרגעניגנס. דערפאַר האָט ה׳ גאַלטיע אַ סך געקאָנט טאָן. וויפיל בריוטרעגער, וויפיל שאָסיי־אַרבעטער וואָס האָבן געהאַט ברויט און קאַרטאָפל אַלס איינ־

ציקע שפּײַז, האָבן געהאַט צו פאַרדאַנקען זייערע פּאָסטנס דעם ה׳ גאָלטיע! האָבן אַן איינפלוסרײַכן שלאָס-באַזיצער איז אַן אמתער גליק פאַר די קליינע ישובים.

אָבער די מאַכט און דער גלאַנץ פון ה׳ גאָלטיע איז גע-לאָפן איבער די וועגן. דאָס מזל בלײַבט נישט שטעקן אין דאָרף, ניין; דאָס מזל צעשפּרייט זיך און גלאַנצט צו באַלייכטן די אַרו-מיקע געגנט. פאַר אַלעס איז דאָס מזל וווילטעטיק. ה׳ גאָלטיעס אָנטרײַבער איז דער וואָס גייט אײַנקויפן אין די דערפער, אָדער גיט זיך אָפּ מיט אַרומשפּאַצירן זײַנע פערד. און חוץ דעם, זע-נען ה׳ גאָלטיעס קאָלאָניסטן אַ טייל פון זײַן פּערסאָנאַל. דער-פאַר קען מען זאָגן, אַז ער לעבט אויף דעם האַנדל. אַ חוץ איז דאָס מזל אַ ספּעקטאַקל. דראָזשקעס מיט צוויי פערד אַנטהאַלטן דעם הער, די מאַדאַם און די פרײַלינס גאָלטיע. שיינע קאַטשן פון צוויי פערד; מען דערהערט זיי פון ווײַט, אַזוי אַרום קען מען זיך באַצײַטנס אַוועקשלײַדערן אין אַ זײַט, נישט פאַר מורא אַז מען זאָל צעפּלעטשט ווערן, נאָר כדי נישט צו באַלעסטיקן און זיי בעסער צו קענען זען. שיינע קאַטשן און שיינע פערד! דאָס זענען זאַכן וואָס צעשטרייטן ווען איינער שפּאַצירט זיך און זייער לוקסוס פאַרגיטיקט אונדז פון דער באַליגע וואָס בערגלט זיך אָן אין די הויפן פון די דאָרפישע שטיבער און פון די גראָב-יאַנישע פּויערים וואָס אַרבעטן אין די פעלדער.

די גאַנצע וועלט פלעגט גריסן ה׳ גאָלטיע. די רײַכע קאָנ-סערוואַטאָרן פלעגן אים גריסן ווי אַ מענטשן פון זייער וועלט און די אַרבעטער פון אַלע פּאָליטישע טענדענצן פלעגן אים באַ-גריסן ווי מען באַגריסט דאָס רײַכטום. איך ווייס גאַנץ גוט אַז אייניקע, כמעט תמיד די בײַ וועלכע ער פלעג געוועלנלעך אײַנ-קויפן, פלעגן זיך טיפער פאַרנויגן, אָבער דאָס מיינט גאָרנישט, ווײַל די גאַנצע וועלט פלעג באַגריסן דעם ה׳ גאָלטיע. ער פלעג ענטפערן אין אַ פאָרם אין וועלכער מען האָט דערקענט דעם מענטש וואָס איז געוווינט צו די גוטע מאַנירן. ער האָט אוים-

געזען זייער באַשיידן. ער פֿלעג רעדן מיט יעדן איינעם. אויף אַזוי פֿיל אַז אין יענעם קאַנט האָבן אַלע געוווּסט אַז ה׳ גאַלטיע איז געווען אַ ליבלעכער מענטש וועמען מען האָט געקענט בעטן אַ טובֿה.

אַט דערפֿאַר זענען מיר אין אַ נאָכמיטיק אַוועקגעפֿאָרן, די מאַמע און איך, כּדי צו בעטן בײַ אים אַ רעקאָמענדאַציע. די מאַמע האָט מיך באַגלייט כּדי צו געבן מער וואָג אונדזער שתּדלנות, און ווײַל די מוטערס פֿון די וואָס האָבן שוועריקייטן בײַ די צוואַנציק יאָר, זענען זייערע חבֿרים און שוועסטער.

לאַנג איז דער וועג פֿון אונדזער שטוב ביז צו זײַנער. אין אַ פֿאַרנאַכט פֿון חודש אויגוסט, צווישן פֿינף און זעקס אַזייגער האַלט נאָך אָן די וואַרעמקייט פֿון טאָג און פֿאַרמאַטערט די גייער. אָבער דאָס מאַכט נישט; מען דאַרף גיין ווען עס האַנדלט זיך פֿון באַקומען אַ פּאָסטן.

זעקס אַזייגער זענען מיר אָנגעקומען צו ה׳ גאַלטיעס פּאַרק, ווו דער שטן איז הויך ווי אין די לוקסוסדיקע זומער וווינונגען. דער דאָזיקער ווונדערלעכער פּאַרק איז אַ געדיכטער צוזאַמענשטעל פֿון אַלע נאַטירלעכע שיינקייטן. ער האָט אַ לאַנגע אַלייע פֿון ביימער, אַ וועלדל, פּירקאַנטיקע גרינע לאָנקעס, וועגן פֿון בלומען און קערבלעך מיט בלומען. איך געדענק עטלעכע ווונדערלעכע רויזן „טיי״, וואָס איך האָב זייער געוואָלט אָפּשנײַדן אָבער וואָס איך האָב זיך גאַנץ גוט אָפּגעהאַלטן צו טאָן, ווײַל מען דאַרף רעספּעקטירן דאָס אייגנטום פֿון די רײַכע לײַט. מיר זענען צוגעקומען צו אַ שלאָס ווי די וואָס מען זעט אין די ביכער פֿון פּראַנסים זשעימס. פֿון איין זײַט איז שטענדיק פֿאַר די מענטשן וואָס האָבן ליב קילקייט; פֿון דער צווייטער זײַט איז פֿאַראַן אַ לאָנקע מיט גרינעם גראָז גענוג גרויס כּדי די מיידלעך זאָלן קענען שפּילן אין פּילקע. די קליינינקע סטאַטועט צעוואָרפֿן אין גאָרטן און די אַרטיסטישע ברייטע טרעפּ וואָס פֿירן אין פּאַלאַץ, געבן צו קונסט צו דער נאַטור.

שטיינער און דערנאָך די מורא צו באַלעסטיקן ה׳ גאַלטיע אין צײַט פון אָוונטברויט. מען האָט אונדז אַרײַנגעפירט אין אַ קליינעם אַרבעטסצימער וואָס מיר האָבן אויסגעפונען באַשײַדן און געשמאַקפול. אויפן טיש זענען געלעגן, אין גרויס אומאָר־דענונג, בראָשורן וועגן אַגריקולטור, אָפיציעלע דאָקומענטן מיט אַן אויפשריפט וואָס האָט זיך געלייענט: „אַגריקולטור מיניס־טעריום״ אָדער „פּרעפעקטור״... מען האָט געקאָנט באַמערקן אַ דינעם שיכט שטויב. איך האָב ערגעץ געלייענט אַז עס זענען פאַראַן געלערנטע וואָס פאַרבאָטן זייערע באַדינער זיי זאָלן אויפראָמען זייער אַרבעטס־צימער אויס מורא אַז זיי זאָלן פאַר־מישן די דאָקומענטן. דאָס איז מן הסתם געווען די סיבה פון דעם שטויב וואָס מיר האָבן באַמערקט אין דעם אַרבעטס־צימער ווו מיר זענען געזעסן.

ה׳ גאַלטיע איז אַרײַנגעקומען. אַזוי ווי מיר האָבן געבעטן אַנטשולדיקונג פאַר באַלעסטיקן אים אין דער שעה: „עס מאַכט נישט״, האָט ער געזאָגט. אַ שמייכל האָט באַגלייט זײַן גוטמו־טיקייט און מיר האָבן זיך געפילט באַקוועם אין דעם הויז פון אַזאַ ליבלעכן מענטשן. זײַן קאָפּ איז געווען צוגעבויגן צו אונדז כדי אונדז בעסער אויסצוהערן.

די מאַמע האָט גערעדט. ה׳ גאַלטיע האָט באַלד פאַרשטאַ־נען אַז מען וועט דאַרפן אויסזוכן אַ פּאָסטן ווו מען זאָל קענען אויסנוצן מײַנע קענטעענישן פון מאַטעמאַטיק. די באַגעגעניש האָט קיין סך נישט געדויערט. ה׳ גאַלטיע האָט דערציילט אַז ער האָט אַ סך פרײַנט אין פּאַריז, אַ דאַנק וועלכע איך וועל באַקומען דעם געווינטשענעם פּאָסטן. וואָס אַנבאַלאַנגט צו זאָגן וואָס פאַר אַ מין פּאָסטן עס וועט זײַן, איז עס געווען כמעט אומ־מעגלעך ווײַל מען דאַרף זיך מישב זײַן און „אָנקלאַפּן אין אַ סך טירן״. ער האָט אונדז געזאָלט שרײַבן שפּעטער מיט אַ פּאָר וואָכן און ה׳ גאַלטיע האָט באַהויפּטעט אַז שפּעטער מיט אַ צוויי אָדער דרײַ חדשים וועל איך שוין זײַן אויף מײַן פּאָסטן.

דערנאָך וועל איך זיך שוין אַליין פונאַנדערקלייבן. דער עיקר איז נאָר געווען איך זאָל געפינען דעם ערשטן אָנשפּאַר.

אַ דאַנק, ה׳ גאַלטיע, אַ דאַנק! מיר האָבן אים פאַרלאָזט. ה׳ גאַלטיע איז אַ מענטש וואָס טראָגט די גאַנצע באָרד, קוים גרוי. און אַזוי ריין אַז דאָס גיט זײַן פּנים אַן אויסזען פון געזונט. אפילו דאָס פּנים פון ה׳ גאַלטיע איז אָפּגעברענט פון דער זון, אַ דאַנק זײַנע שפּאַצירן אויף דער פרײַער לופט און זײַן אַרבעט אַלס ערד-אַרבעטער. ער האָט גוטע אויגן דורך וועלכע עס גייען פאַרבײַ גלענצנדע בליקן ווי דאָס מזל און דאָס געזונט. אָנגעטאָן קאָרעקט און אין שיך פון דיקן לעדער, איז ה׳ גאַלטיע איינער פון די גוטבאַזיצער וואָס האָבן אַ גוטן אויסזען ווײַל זיי פירן אַ פּשוט לעבן און זענען טעטיק ווײַל זיי פירן אָן מיט דער גאַנצערווירטשאַפט פון זייער פאַרמעגן. מיר האָבן גערעדט מיט אַן אַנדער ה׳ גאַלטיע, דער וואָס שמייכלט און האָט קענטשאַפטן אין פּאַריז. דער דאָזיקער ה׳ גאַלטיע איז אַ ראַפינירטער מענטש וואָס האָט איין ברודער אַ דאָקטאָר און אַ צווייטן אַן אינזשעניער און וואָס דאַרף זײַן באַקאַנט מיט די הויכע אידעען פון דער גרויסער פּאַריזער געזעלשאַפט. אויסער דעם איז ער קאַוואַליער פון דער „לעזשיאָן ד׳האָנעור”; דאָס הייסט, אַ מענטש מיט גרויסע פעיִקייטן.

דאָס האָבן מיר געטראַכט, די מאַמע און איך, אַהיימגייענדיק. אָט האָבן מיר גערעדט, אָט האָבן מיר געשוויגן, און ה׳ גאַלטיעס ווערטער זענען געגאַנגען פאַר אונדז און האָבן אונדז געגעבן אָנצוהערן וועגן מיסטעריעזע טיפקייטן.

ווייסט איר וואָס עס איז געשען? ערשטנס, אין פאַרלויף פון פופצן טעג איז גאָרנישט געשען. דערנאָך האָבן מיר געוואָרט אויפן בריווטרעגער. מיר האָבן געוואָרט אויפן בריווטרעגער מיט זײַנע הענט באַלאָדן מיט בריוו. אַרום אַכט אַזייגער, זעט מען מיך אין מיטן דער גאַס לויערן אויף זײַן אָנקומען. דערנאָך, ווען ער דאַרף שוין אָנקומען גיי איך אַרײַן אין שטוב און וואַרט.

דער בריוועטרעגער גייט דורך. דער בריוועטרעגער איז דורכגע־גאַנגען. אַ, ווי איינזאַם פילט מען זיך דאַן! אָבער אין די ערש־טע צײַטן האָבן מיר אײַנגעזונקען דאָס ביטערניש אין דער טיפ־קייט פון האַרצן, מיר האָבן זי אַרומגערינגלט מיט האָפענונגען און געטראַכט: „איך וואָלט געוואָלט עס זאָל שוין זײַן מאָרגן"!

נאָך אַ חודש צײַט זענען מיר נאָכאַמאָל געגאַנגען צו ה' גאַלטיע. עס זענען פאַראַן גוטע שמייכלען און גוטע אויפנאַ־מעס וואָס טרייסטן די קראַנקע. ה' גאַלטיע קאָן זיי. ער האָט זיך נישט געבייזערט אויף אונדז ווײַל מיר האָבן זיך מטריח געווען, אָבער ער האָט אונדז פאַרזיכערט אַז ער האָט מיך נישט פאַרגעסן. ער האָט געהאַט „אַנגעקלאַפּט אין עטלעכע טירן" און ער האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער. וואָס פאַר אַ פּשוטער און ליבלעכער מענטש ער איז! ער האָט אונדז געגעבן די האַנט און האָט גערעדט צו אונדז ווי צו גלײַכע. עס איז אַ טרייסט ווען מען דאַרף האַנדלען מיט גוט דערצויגענע מענטשן.

נאָך אַ חודש צײַט זענען מיר נאָכאַמאָל געגאַנגען צו ה' גאַלטיע. דאָס מאָל האָבן מיר געמיינט אַז מיר זענען שוין זייער נאָענט צום ציל. אויף דעם וועג האָבן מיר זיך געקרייצט מיט אַ יונגנמאַן, פאַרנדיק אויף אַ ראַווער, וואָס איז געווען ה' גאַל־טיעס אַ פּלימעניק. ער איז געווען אַ הויכער און זייער עלעגאַנ־טער. זײַנע זשעסטן און זײַנע פרײַע בליקן זענען געווען אין איינקלאַנג מיט זײַן שלאַנקער פיגור, ווי די פון די קינדער פון די פאָרנעמע פאַמיליעס געוווינט צום פּאַרקער אין דער הויכער געזעלשאַפט. ער האָט אונדז ליבלעך באַגריסט בײַם שאָסיי און האָט אויסגעזען ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון ה' גאַלטיע — אַ פּאַרי־זער אָפּשפּיגלונג ווײַל ער איז געווען אַ זון פון אַ רײַכן דאָק־טאָר פון פּאַריז. אָט דער יונגערמאַן איז געהאַט דורכגעפאַלן בײַ זײַן עקזאַמען פון „באַטשיזשער", אָבער ער האָט געהאַט בדעה אָנצוקומען אין דער שול פאַר אַגריקולטור פון גריניאָן. מעגלעך אַז ה' גאַלטיע זאָל האָבן געשריבן זײַן פאָטער בעטנ־

דיק ער זאָל זיך באַמיען פאַר אונדז. ווען ה׳ גאָלטיע האָט אונדז געזאָגט אַז ער האָט נאָך גאָרנישט פאַר מיר, זענען מיר נישט געוואָרן זייער טרויעריק, ווײַל מיר האָבן זיך ערשט געהאַט געטראָפן מיט אימיצן וואָס האָט געהערט צו די צאָלרײַכע פאַר־בינדונגען וואָס ה׳ גאָלטיע האָט געהאַט אין פּאַריז.

און די צײַט איז אַוועק. פון חודש צו חודש איז געווען אַ וויזיט בײַם ה׳ גאָלטיע. דער דאָזיקער מענטש האָט אין זיך אַ זאַפּאַס מיט האָפענונג און איז ענלעך צו די גוטע ספּעקטאַקלען און צו די גוטע ווערטער וואָס העלפן אונדז וואַרטן אויף דער צוקונפט. אחוץ דעם, האָבן מיר נאָך יעדן טאָג, געוואַרט אויף דער צוקונפט פון מאָרגענדיקן טאָג. טיילמאָל דערנענטערט זיך דער בריווטרעגער טראָגנדיק אַ בריוו אין דער האַנט און אונ־דזער האַרץ שטרעקט זיך אויס צו אים, אונדזערע הענט שטרעקן זיך אויס און זענען הענט וואָס נעמען אַן אוצר און באַ־האַלטן אים. אָבער תמיד האָבן מיר געזאַמלט אַנטוישונגען, דאָס זענען בלויז געווען בריוו פון פרײַנט. די פרײַנט טרייסטן אָבער. גליקלעכע זענען די מענטשן וואָס דאַרפן נישט גע־טרייסט ווערן! אַנדערע מאָל פלעגט ה׳ גאָלטיעס דינער קומען אין שטעטל, מיט זײַן גרויסן קאַטש. דאַן פלעגן מיר זיך קיין סך נישט דערוואַרטן פון אונדזער שטוב ווײַל ה׳ גאָלטיע האָט זיך געקאָנט זאָגן: „עס וועט זײַן בעסער איך זאָל עס אים באַ־פעלן דורכן דינער. אַזוי וועלן זיי גיכער וויסן אַז איך האָב אַ פּאָסטן פאַר זיי״. אַנדערע מאָל זענען מיר אַלע דרײַ אין דער היים. מען קלאַפּט אין טיר. מיר קוקן זיך אָן, זיך פרעגנדיק אויב עס איז נישט אימיצער וואָס ברענגט צוטראָגן דעם פּאָסטן וואָס מיר זוכן.

און דערנאָך איז מער גאָרנישט געווען. אומבאַוועגלעכע אין אונדזער שטוב, די אויגן געווענדעט אין דער ריכטונג צו אַ שלאָס, האָבן מיר געוואַרט אויף אַ גרויסן גנאַד, ווי יענע וואָס דאַוונען און גלויבן אין גאָט. און ווירקלעך, מיר האָבן געוואַרט

אויף אַ זייער גרויסן גנאָד. מיר האָבן געוואָרט אַז די רײַכע זאָלן רחמנות האָבן אויף די אָרעמע. מיר האָבן זיך געהאַט געזאָגט: די רײַכע זענען מענטשן ווי מיר, וועמען דאָס מזל דערהייבט כדי צו מאַכן פון זיי אונדזערע רעגירער און אונדזערע באַשיצער. מיר האָבן זיך געווענדעט צו ה׳ גאָלטיע ווײַל די גערעכטיקייט הייסט אַז די „באַטשיזשערן" וואָס האָבן באַקומען בילדונג זאָלן זײַן געשיצט פון די רעגירונגען וואָס האָבן ליב בילדונג. אין דער טיפעניש פון אונדזער וועזן האָבן מיר אַביסל געצווייפלט אין דער גערעכטיקייט, ווייל די אַרבעטער אַרבעטן נישט וויסנדיק וואָס עס מיינט אָפּרו אָדער פאַרגעניגן, וואָס איז אומגערעכט. אָבער מיר האָבן זיך גערעכנט מיט דער גוטסקייט פון אונדזערע ברידער, די רײַכע. אונדזערע ברידער האָבן מן־הסתם ליב די פרייד און זיי וועלן דאָך נישט וועלן אַז מיר זאָלן זײַן אומגליקלעך. און אַז מײַנע הענט זענען ליידיקע, וועט דאָך ה׳ גאָלטיע פאַרשטיין אַז איך לײַד דערפון און אַז איך וואָלט באַדאַרפט אַרבעטן אנשטאָט צו עסן דאָס ברויט פון מײַן פאָטער. מיר האָבן געוואָרט, האָב איך געזאָגט, אַז די רײַכע זאָלן זיך דערבאַרעמען אויף די אָרעמע.

הײַנט שעם איך זיך מיט אַלע יענע געפילן. מיר האָבן זיי געהאַט באַגרייפט אין אונדזער דאָרף ווו מען ווייסט פון גאָרנישט. אָבער איך שעם זיך, ווײַל בעטן אַ טובה בײַ די רײַכע מיינט אַרײַנגיין אין דער פּראָצעסיע פון זייערע פּראָטעזשירטע און זייערע באַדינער. דאָס מיינט בעטן: „מײַן גוטער הער, ווילט איר מיר טאָן אַ געפעליקייט? אַ דאַנק אײַער פאַרמעגן קאָנט איר עס טאָן". אָבער, בעטן אַזאַ זאַך מיינט זיך בייגן פאַר דעם פאַרמעגן און די מאַכט. מײַן אומאָפּהענגיקע נשמה ווערט רויט פון בושה טראַכטנדיק אין איר אַמאָליקער דינערישקייט, ווי עס ווערט רויט אַ מענטש וואָס איז נישט ווערט געווען אַ טאָג לעבן.

די צייט איז פאַרגאַנגען. פריער איז געווען האַרבסט; האַרבסט פון אַש און וועלכן דער הימל איז ענלעך צו אַ פײַער

וואָס פאַרלעשט זיך, אָבער וואָס באַלײַכט נאָך און וואַרעמט נאָך. יענעם יאָר האָט דער דאָרפישער האַרבסט געהאַט אַ וווּנ־דערלעכע און מעלאַנכאָלישע זיסקייט. דערנאָך האָט אויסגעזען ווי דער ווינטער נידערט אַראָפּ פון דעם האַרבסט און איז זײַן המשך ווי אַ זון איז דער המשך פון זײַן פאָטער, מיט מער קראַפט אָבער מיט דער זעלביקער גוטסקייט. מײַנע צוואַנציק יאָר האָבן געזאָטן ווי משוגענע. צוואַנציק יאָר... עס איז די עלטער אין וועלכער די ליבע אויסגעמישט מיט אַלע ברייטהאַרציקע ליידנ־שאַפטן פאַרוואַנדלט די וועלט אין אַ טעטיקייטס פעלד פאַר דעם גליק. די רײַכע דיכטער האָבן באַזונגען אונדזערע צוואַנציק יאָר. מען זעט אין זיי פאַרליבטע וואָס זענען אַמאָל פײַערדיקע מיידלעך פון אַנדאַלוזיע; אַנדערע מאָל, נייטאַרנס לײַכטע, ווי דאָס פאַרגעניגן, אָדער מיידלעך וועמענס באַרוף מיר קענען נישט, אָבער וואָס זענען אינטעליגענטע און מיר באַדעקן זיי מיט בלומען. די ערשטע טריט פון אַ יינגל וואָס הייבט אויף דעם קאָפּ און קוקט אויפן לעבן אָן וואַקלענישן, וויסנדיק אַז די וועלט איז אומגעהויער גרוים פאַר די וואָס זענען אַלט צוואַנציק יאָר. די רײַכע דיכטער האָבן אונדז באַקענט מיט די פריידן און דעם שטאָלץ וואָס זיי האָבן געקענט און האָבן אונדז געזאָגט: „אונ־דזערע צוואַנציק יאָר זיגן ווי די בלומען און זיי רוען אויף דער ברוסט פון די פרויען”.

אָבער איך האָב זיך נישט געקענט ווידמענען צו טראַכטן וועגן ליבע. די ליבע איז שיין פאַר די וואָס האָבן פון וואָס צו לעבן, אָבער די אַנדערע דאַרפן פריער טראַכטן אין לעבן. אַ, די צוואַנציק יאָר פון די אָרעמע! די צוואַנציק יאָר פון די אַר־בעטסלאָזע, די צוואַנציק יאָר פון די אַרבעטער וואָס שוויצן, די צוואַנציק יאָר פון די אויפזעער וואָס אַרבעטן, נישט וויסנדיק צי די אַרבעט דערפירט צו אַ צוקונפט! די צוואַנציק יאָר פון די פראָסטיטוטקעס צעפרעסענע פון סיפילים! אונדזערע צוואַנציק יאָר זענען חיות אין אַ שטייג וואָס דרייען זיך אַרום זוכנדיק

אַ לאַך, אַן עפּענונג, אַ שפּאַרע אויף אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ און אַנטלויפן. אונדזערע צוואַנציק יאָר! אונדזערע צוואַנציק יאָר זענען ערגערע דערפאַר, ווייל איר האָט זיי באַזונגען. מיר פאַר־גלייכן זיי מיט אייערע. אייערע פריידן האָבן אונדז אָנגעפילט מיט ביטערניש, אונדזער אומגליק מישט זיך אויס מיט אייער געלעכטער און באַדויערט זיך ווי אַן אָרעמאַן ביי אייערע טירן. פאַרשאָלטן זאָלן ווערן די רייכע דיכטער וואָס האָבן באַזונגען די ליבע!

איר האָט אויסגעטראַכט סטיפּענדיעס אין די ליצעאומס און די שולן, כדי די קינדער פון די אַרבעטער זאָלן קענען זיין ענ־לעך צו אייך. און ווען זיי ווערן „באַטשיזשערן" פאַרלאַזט איר זיי אין זייערע דערפער. איר באַהאַלט פאַר זיך די רייכע פּראָ־פעסיעס וואָס וואָלטן באַדאַרפט זיין פאַר זיי און איר לאַכט זיך אוים; איר זענט אַלט צוואַנציק יאָר, און אייניקע פון אייעריקע זענען דיכטער! און דאָס באַווייזט אונדז אַז ווען איינער איז אַ זון פון אַן אַרבעטער, דאַרף ער נישט אַרויס פון זיין שטאַנד. דער גלח האָט גערעדט פון מיר מיט אייניקע מוליערס: „אָט זעט איר אים, זיי שיקן זייערע קינדער אין ליצעאום און דערנאָך ווייסן זיי נישט וואָס צו טאָן מיט זיי".

מיר וואָלטן געקאָנט אַריינגיין אַרבעטן אין עפּעס אַ קלע־נערער אַדמיניסטראַציע. מיט מיין דיפּלאָם פון „באַטשיזשער" קען איך זיין אַ באַאַמטער אין „בריקן און וועגן", אַן עקזאַמען. איך האָב אַריינגעשיקט אַ ביטע צום שעף אינזשעניער און ה׳ גאָלטיע האָט מיך רעקאָמענדירט. איך וואָלט פאַרדינט טויזנט פראַנק אַ יאָר, אָבער די פראַגע „באַשטייט אין געפינען דעם ערשטן אָנשפּאַר". איך האָב קיינמאָל נישט באַקומען קיין ענטפער. מען האָט באַשטימט רעכטן, מען האָט זיי אַריינגע־שריבן אין אָפיציעלע דאָקומענטן כדי די גאַנצע וועלט זאָל זיי קענען. זיי זענען נישט באַזונדער וויכטיק, אָבער זיי זאָגן: „דאָס לעבן פון די אָרעמע איז צום אָנהויב פיינלעך, אָבער ווען די

אָרעמע האָבן געאַרבעט, זענען פֿאַראַן עקזאַמענעס וואָס פֿאַר־גיטיקן זיי". זיי זאָגן אַ ליגן. איך האָב קיינמאָל נישט באַקומען קיין ענטפֿער אויף מײַן ביטע צו באַקומען אַרבעט אין „בריקן און וועגן". מען וואָלט געמיינט אַז זיי האָבן באַשטימט רעכטן כּדי אונדז צו געבן אָפּנאַרערישע האָפֿענונגען און אונדז פֿאַר־שאַפֿן לײַדן.

די אַנדערע פּראָפֿעסיעס זענען אומדערגרייכבאַר. די ביוראָען פֿון רעגיסטער, רואיקע און אומאָפּהענגיקע, פֿאַרוואַנדלען דעם וואָס אַרבעט דאָרטן אין אַ מענטש וואָס קען זיך שפּאַצירן, לערנען, און באַזוכן די געזעלשאַפֿט. אָבער צו פֿאַרנעמען אַ פּאָסטן אין „רעגיסטער", דאַרף מען זיך שאַפֿן אַ זכות, אַר־בעטנדיק פֿיר אָדער פֿינף יאָר אָן געהאַלט. חוץ דעם דאַרף מען צושטעלן אַ געלט־גאַראַנטיע, ווײַל נאָר די רײַכע מעגן האָבן גוטע פּאָסטנס. די עקזאַמענעס אין די מיניסטעריומס זענען גלײַך ווי זיי וואָלטן נישט עקזיסטירט, אָבער כּדי זיך צושטעלן צו זיי, דאַרף מען פֿאָרן קיין פּאַריז, און זײַן אויסגעשטעלט צו־ריקצוקומען מיט ליידיקע הענט. די פּאָסטנס וואָס מען קען אויסגעפֿינען בײַ די פּריוואַטע פֿערזאָנען אָדער אין פּריוואַטע אַדמיניסטראַציעס, באַקומט מען דורך משפּחה פֿאַרבינדונגען אָדער פֿרײַנטשאַפֿט. די קרובים און פֿרײַנט פֿון די אַרבעטער זענען אַרבעטער ווי זיי. די ה"ה גאַלטיע וואָלטן אונדז געקענט נוצלעך זײַן, אָבער דאָס רײַכטום דערווײַטערט זיי פֿון אונדז און זייער צושטאַנד פֿון ערד־אַרבעטער לאָזט זיי נישט איבער קיין פֿרײַע צײַט.

אין וועלכער ריכטונג מיר, די אָרעמע מיט שטייפֿע אויגן, זאָלן נישט קוקן אין האָריזאָנט, שטייען תּמיד אויף, צווישן אונדז און דעם האָריזאָנט, די רײַכע מיט זייערע שלעסער און זייערע מויערן, מיט זייערע רעגלאַמענטן און זייערע הונט זיי צו פֿאַרטיידיקן. מיר גייען אַרום און מיר ווילן אָטעמען אויף דער וועלט די לופֿט פֿון די וואַסערן און פֿון די וועלדער; מיר

גייען אַרום און מיר זענען בעטלער פול מיט מוט. מיר זענען פאַרגאַנגען זייער ווײַט און מיר האָבן געזען די רײַכע זיצנדיק אין זייערע פּאַרקן לאַכנדיק, גלײַך ווי דאָס גליק וואָלט באַדעקט די וועלט. מיר וואָלטן געוואָלט באַזיצן אַ שטיקל פאַרצוימט פעלד צו פאַרדינען אין אים אונדזער ברויט. אָבער די וועכטער פון די רײַכע וואַכן אויף די פאַרצוימונגען. עס איז פאַראַן אַזויפיל פאַרגעניגן אויף דער ערד, פון דער אַרבעט ביז דעם אָפּרו, און אַזוי פיל פלאַץ פון זיי צו געניסן, אַז מיר זענען געווען זיכער אַז מיר וועלן לאַכן אויפן וועג און זיך אָפּשטעלן אין אַ פאַרנאַכט אונטער די ביימער באַלאָדענע מיט פרוכטן און פולע הערצער. עס איז שוין נישטאָ קיין פאַרגעניגן, עס איז שוין נישטאָ קיין פּלאַץ; די פּאַלאַצן פאַרשפּרייטן זיך און רינגלען אַרום אַלע ביימער פון טיפן וואַלד.

אָבער עס האָט זיך געמאַכט אַ גליקלעכער צופאַל. איך האָב אויף אייביק פאַרלאָזט די חלומות וועגן גרויסקייט, וואָס פון דער קינדהייט אָן, האָבן זיי געשטויסן מײַנע אידעען צו שטאָלצקייט. איך האָב פאַרלאָזן אַלע מײַנע העכערע חלומות, יענע וואָס האָבן נאָכגעשלעפּט שווערדן און יענע וואָס האָבן געחלומט מיט אַ רײַכער און גרינגער שטעלע. איך בין אַוועק, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין אַוועקפאָר נאָר אַ צוריקקער. איך האָב זיך אומגעקערט צו מײַנע אייגענע מיט באַשיידענע ווּנטשן, ווי עס קומט צוריק אַן אַרבעטער צו זײַן אַרבעט. משוגענער שטאָלץ, שיינע פּאָסטנס, שיינע אַנצוגן, ווײַסער פּראַכט און פאַרגעניגן פון פרויען, איך קען נישט זאָגן אַז איך האָב פיל געליטן ווען איך האָב אײַך פאַרלאָזט. איך עפן די טיר פון דער היים פון מײַנע עלטערן. אָט זענען זיי. מײַן פאָטער מאַכט הילצערנע שטעקשיך מיט זײַנע שטאַרקע הענט, אַזוי ווי עס האָט זיי געמאַכט זײַן פאָטער. און אין דער גוט אויפגעראַמטער שטוב הויפן זיך אָן זײַנע שטעקשיך, איידער זיי ווערן פאַרקויפט צו די וואָס מאַכן דאָס ברויט, צו די וואָס מאַכן די אַנצוגן און צו

די טעטיקע שטוב-בעל-הביתטעס וואָס ראַמען אויף זייערע שטי־בער. מײַן מוטער אַרבעט אויך; אויפקאָכן די שפּײַזן איז אַ נוצ־לעכע אַרבעט. און מאַכן שיין די צימערן איז אַן אַרבעט פון לי־בע וואָס מאַכט שיין דאָס לעבן. איך בין אַ שכן פון דעם קאָוואַל פון וועגענער, דעם פעסערמאַכער און דעם סטאָליער. עס רינג־לען מיך אַרום די וואָס אַרבעטן צו פאַרדינען דאָס ברויט וואָס זיי עסן און לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן, דאָס הייסט, אַז מען זאָל פאַרדינען דאָס ברויט מיטן שווייס פון פּנים. איך בין אַ מענטש פון פאָלק און איך וויל אַרבעטן ווי אַלע.

אָט דאָ האָט איר דאָס וואָס איך האָב געזען צו די צוואַנ־ציק יאָר, בשעת די זין פון די רײַכע האָבן געטאַנצט. איך האָב געליטן ווײַל איך האָב נישט געאַרבעט. מײַנע גלידער האָבן גע־ליטן, מײַן האַרץ האָט געהאַט זײַן שטאָלץ, און מײַנע אידעען, אַלע מײַנע אידעען האָבן געשריגן אַז דער וואָס אַרבעט נישט איז אַ שאַנד. מען דאַרף נישט זאָגן אַז עס זענען פאַראַן אומנוצ־לעכע מענטשן, נאָר אַז עס זענען פאַראַן שעדלעכע מענטשן.

גאָט מײַנער, איך זוך אַ פּאָסטן אין וועלכן עס איז ווינקל פון דער וועלט, אַ פּאָסטן וואָס זאָל זײַן פאַר מיר. וועלכער עס זאָל נישט זײַן, נאָר בתנאי, אַז איך זאָל אַרבעטן בײַ עפּעס נוצ־לעכעס און בתנאי, אַז איך זאָל מיר פאַרדינען דאָס לעבן, אָט דאָס לעבן וואָס דו האָסט מיר געגעבן. איך בין אַזוי קליין און די וועלט איז אַזוי גרויס, אַז עס איז זיכער פאַראַן ערגעץ אַ פּאָסטן מיט אַן אַרבעט וואָס איך וואָלט געקענט טאָן. ווען איך וואָלט געווען פלינק און הויך, וואָלט איך געקלעטערט אויף די רעשטאָ־וואַניעס פון די מוליערס. איך וואָלט געוואָלט גיין קיין נאַנטעס אָדער קיין האַוורע, ווי די פּאָרט-טרעגער. איך וואָלט געוואָלט קענען אַרבעטן בײַם שניט. ווען איך קען מאַכן שטעקשיך, וואָלט איך געבליבן אין דער היים און וואָלט געזאָגט צו מײַן פאָטער: „זעץ זיך אַוועק; שוין לאַנג אַז דו אַרבעטסט און איצט וועל איך מאַכן די שטעקשיך”. אויב מען האָט מיך געבראַכט

אויף דער וועלט, מוז דאָך זײַן אויף דער וועלט אַ פּאָסטן פאַר מיר. עס זענען פאַראַן מענטשן וואָס ווײַזן צוריק פּאָסטנס, אָבער איך וואָלט אָנגענומען וועלכן עס זאָל נישט זײַן.

אָ, איך זאָג נישט קיין ליגן! איך בין דערגאַנגען צו טראַכטן אין אַ טאָג: „איך וועל אָנפילן מיט ברויט מײַן רוקזאַק, איך וועל מיטנעמען אַביסל וועש און פינף פראַנק און וועל מיר אַוועקגיין. איך וועל גיין בעטלען. איך וועל זיך אָפּשטעלן בײַ די קאַלאָניסטישע שטיבער, בײַ די שלעסער, פאַבריקן, ביוראָען. מען וועט מיר זאָגן: „יינגל, דו ביזט זייער יונג צו בעטלען". דאַן וועל איך ענטפערן: ווילט איר מיר געבן אַרבעט? איך וועל בעטן נדבות אויב עס וועט זײַן נויטווענדיק, אָבער איך וועל אַוועקגיין. איך וועל שפּאָרן אַביסל געלט מיר צו קויפן שיך און וועל גיין די גאַנצע צײַט וואָס עס וועט זײַן נייטיק. סוף־כל־סוף וועל איך געפינען אַרבעט, ווײַל איך וועל עס דאָך זוכן מײַן גאַנץ לעבן.

און אַ פרימאָרגן, ווען מיר האָבן זיך שוין אויף דעם נישט געריכט, איז אָנגעקומען אַ גוטע ידיעה. עס איז געווען אין מײַן שטעטל אַ רימער וועמענס זון איז געווען אַפּטייקער אין פּאַריז. מיר, קינדער פון אַרבעטער, קוקן זיך אָן און שטרעקן זיך אויס די הענט. דער יונגערמאַן האָט מיר צוזוויסן געטאָן אַז איך וואָלט געקענט קריגן אַ פּאָסטן אין אַ ביוראָ, וווּ איך וואָלט פאַרדינט דרײַ פראַנק מיט פינף און זיבעציק סאַנטים אַ טאָג אַרבעט. זונטיק אַרבעט מען נישט. „איך האָב געפונען דעם ערשטן אָנשפּאַר". און אַזוי ענדיקט זיך מײַן בוך, ווײַל דאָס מאַטערניש פון די אָרעמע ענדיקט זיך נישט, און די אַרבעט הייבט אָן ווען עס האָבן זיך געענדיקט די לײַדן.

און מען וועט מיינען אַז איך האָב געענדיקט דעם בוך, מאַמע, נישט טראַכטנדיק אין דיר. אָבער ניין. איך האָב געזאָגט צום אָנהויב: דאָס בוך וועט זײַן פול מיט דער מאַמען. אָבער איך האָב נאָר דערמאָנט די גליקלעכע מאָמענטן; אָבער איך

האָב געליטן אַ סך אומגליקן. דאָס לעבן שטעלט זיך אַוועק צווישן אונדזערע מוטערס און אונדז און באַהאַלט זיי. אָבער מיר האָבן זיי ליב טראָץ דעם אַלעם, און אויב מיר זענען אַמאָל טרויעריק, איז עס דערפאַר ווייל דאָס לעבן שטערט אונדז צו טראַכטן אין אונדזערע מוטערס. וועסט נעמען דיינע ברילן צו לייענען די דאָזיקע פּראָזן. וועסט לייענען יעדן אות באַזונדער, זאָגנדיק: „עס איז אַ גרויסער בוך פול מיט ווערטער".

נו, גוט, מאַמע, אַלע די דאָזיקע ווערטער זענען פאַר דיר. איך האָב דערציילט מיין לעבן פון אַ קינד. איצטער פאַרדין איך דריי פראַנק מיט פינף און זיבעציק סאַנטים אַ טאָג און עס הייבט זיך אָן מיין לעבן פון אַ מאַן.

עפּילאָג

טאָגבוך און דאַטומס

פון אַנדרעי זשיד

נייִן, נייִן! עס איז ניט געווען דאָס זעלביקע... דער וואָס פאַרשווינדט דאָס מאָל איז אַן אמתער; מיר האָבן זיך גערעכנט מיט אים, מיר האָבן זיך אָנגעלענט אויף אים; מיר האָבן אים ליב געהאַט. און פּלוצלינג איז ער שוין נישטאָ.

נאָך פּעריליִ. איך שרײַב דאָס אין באַן וואָס פירט מיך אַהין ווו איך רעד נאָך מיט אים. אָ, געדעכענישן שוין אומקלאָרע! אויב איך זאָל זיי הײַנט נישט פאַרשרײַבן, וועלן זיי מאָרגן זײַן צעמישט און איך וואָלט זיי פאַרלוירן אין הויפן פּאַפּירן.

שבת בײַנאַכט האָבן מיר אַ פּאָר שורות פון מאַרגעריט אָדו, צווישן געטאָן אַז פיליפּ איז קראַנק.

זונטיק אינדערפרי לויף איך צו איר אַהיים אין „קעי בור־באָן”; די הויזוועכטערן שיקט מיך אין סאַנאַטאָריע דובאָאַ; קיינער קען אים דאָרטן נישט. איך ווער געוווּיר אַז דעם פאַבריקן טאָג זענען שוין געקומען דריי פערזאָן, אַזוי שלעכט אינפאָר־מירטע ווי איך. מאַדאַם אַדום קאַרטל גיט נישט קיין אָנווייזונג. וואָס טוט מען? זיכער וועט פראַנסיס זשורדען מיר קענען געבן עפּעס אַ ידיעה; איך שרייב אים. די טעלעגראַמע וואָס איך באַ־קום פון אים, דינסטיק אינדערפרי נעמט שוין ביי מיר צו יעדע האָפענונג. איך ווענד זיך אויף דעם אַדרעס וואָס ער שיקט מיר.

אין דעם עק פון אַ דורכגאַנג פון דער קליניק וועלפאַ איז געבליבן אָפן די טיר פון אַ צימער. פיליפּ איז דאָרטן. אַ, וואָס מאַכט עס אויס וואָס דאָס פענצטער פון צימער איז גאַנץ אָפן צו אַ גרויסן און העלן גאָרטן! דאָס וואָלט געווען גוט פאַר זיין דערהאָלונג; אָבער ער ליגט שוין אָן באַוווּסטזיין; ער קעמפט נאָך, אָבער ער איז שוין נישט מיט אונדז.

איך דערנענטער זיך צום געלעגער ווי ער גוססט. עס שטייט דאָרטן זיין מוטער, אַ פריינד וואָס איז מיר אומבאַקאַנט און מאַדאַם אַדו וואָס דערקענט מיך און נעמט מיך אויף... איך דערווייטער זיך אַ רגע מיט איר.

פיליפּ ליגט דאָרטן שוין אַכט טעג. זיין טיפוס האָט אויס־געזען פון די מילדסטע, און אַזוי אומקלאָר ביים אָנהויב אַז מען האָט זי באַהאַנדלט ווי אַ פּשוטע גריפּ. דערנאָך, אין משך פון עט־לעכע טעג האָט מען פיליפן באַהאַנדלט ווי מען היילט איצטער די טיפוס קראַנקע; אָבער די קוראַציע פון קאַלטע בעדער האָט זיך אויסגעלאָזט ווייניק פּראַקטיש אין זיין צימערל פון „קעי־בורבאָן”. דינסטיק ביינאַכט האָט מען אים איבערגעפירט אין דער קליניק וועלפאַ; ביז זונטיק איז גאָרנישט געווען קיין אַלאַר־מירנדעס; דערנאָך, פּלוצלינג איז דערשינען די „מעניננכיטיס”; דאָס האַרץ הויבט אָן שוואַך ווערן, ער איז פאַרביי. דאָקטאָר עלי פאָרע, זיין פריינד, איז איינגעשפּאַרט קעגן אַלע וואַרשיינ־

לעבקייטן, און וועט אים געבן זײַן הילף ביז דעם לעצטן מאָ־מענט, און פּרוּווט נאָך פון צײַט צו צײַט אַן אינזשעקציע פון ספּאַרטעאין אָדער קאַנפער; דער אָרגאַניזם רעאַגירט שוין נישט.

מיר גייען צוריק צום בעט. און דאָך, ווי ער קעמפט נאָך, און ווי שווער דער דאָזיקער קראַנקער קערפּער גיט זיך אונ־טער דעם טויט! ער אָטעמט זייער שנעל און זייער שטאַרק, זייער שלעכט, ווי דער וואָס ווייסט שוין נישט.

די מוסקלען פון האַלדז און פון דער נידעריקער טייל פון פּנים באַוועגן זיך שטאַרק; איין אויג איז האַלב צעעפנט; דאָס אַנדערע פאַרמאַכט. איך פלי אין פּאָסט כדי צו שיקן אייניקע טעלעגראַמעס; מען האָט נישט צווישן געטאָן כמעט קיינעם פון פיליפּס פרײַנט.

נאָך אַמאָל בין איך אין קליניק וועלפּאָ. דאָקטאָר עלי פאַרע זוכט דעם פּולס בײַם קראַנקן. די אָרעמע מוטער שטעלט פראַ־געס: „ווי גייט די פיבער?" אינערהאַלב איר ווייטיק זאָרגט זי זיך צו רעדן קאָרעקט; זי איז אַ פּשוטע פויערטע, אָבער וואָס ווייסט ווער עס איז איר זון. און אין משך פון די פינצטערע טעג, אַנשטאָט טרערן, פאַרגיסט זי טײַכן מיט ווערטער; זיי פּליסן אַלצאיינע, מאָנאָטאָנע, אָן אַן אַקצענט און אַן אַ מעלאָ־דיע, מיט אַ טאָן אַביסל אַ הייזעריקער וואָס איבעראַשט צום אָנהויב, גלײַך זי וואָלט נישט גוט אויסגעטײַטשט איר ווייטיק; און דאָס פּנים פאַרבלײַבט טרוקן.

איך קום צוריק נאָכמיטיק; איך קען נישט גלויבן אין דעם פאַרלוסט. איך געפין אים קוים אַביסעלע שוואַכער; דאָס פּנים אין קאָנווולסיע, צעטרייסלט; ער קעמפט קעגן טויט מיט אַביסל ווייניקער כוח.

מיטוואָך אינדערפרי.

ס. האָט געוואָרט אויף מיר אין אַ קאַבינעט. מען פירט אונדז

רעכטס אין הויף, צו אַ סודותפול צימערל, צו וועלכן מען קומט צו דורך אַ זײַטיקן אַרײַנגאַנג און וואָס באַהאַלט זיך אַזוי, פאַרשעמט. דאָס רעשט פון דעם הויז ווייסט נישט פון דעם צימערל, ווײַל עס איז אַ הויז וווּהין מען קומט אַרײַן זיך אויסצוהיילן, און דאָס איז דאָס צימער פון די טויטע. דער נײַער גאַסט ווערט אַהער אַרײַנגעטראָגן בײַנאַכט, ווען די שטוב רוט; אויף דער נאַקעטער וואַנט, וואָרנט אַן אויפשריפט: פון נײַן אַזייגער בײַנאַכט ביז זיבן אינדערפרי.

און דער גאַסט וועט אַרויסגיין פון דאַנען נאָר דורך דער נידעריקער טיר, אַט די טיר וואָס איז פאַרריגלט, וואָס איך זע דאָרטן, ווו דער צימער ענדיקט זיך און וואָס גייט אַרויס גלײַך אויף אַן אַנדער גאַס...

דאָרטן ליגט ער; אַ קלייניקער אין זײַנע גרויסע תכריכים, אָנגעטאָן אין אַ טונקל־בלויען אַנצוג, זייער גלײַך, זייער שטייף, גלײַך ער וואָלט געשטאַנען „צום באַפעל”. אויסער דעם, כמעט דער זעלביקער; די נאָזלעכער אַביסל צוגעפּלעטשטע, די פויסטן קלייניקע, זייער ווײַסע, די פיס פאַרלוירן אין די גרויסע ווײַסע זאָקן וואָס הויבן זיך אַרויף ווי צוויי וואָלענע היטלען.

די פרײַנד וואָס זענען אין צימער וויינען שטילערהייט. די מוטער קומט אונדז אַנטקעגן; זי קען שוין נישט וויינען, אָבער זי זיפצט. פאַר יעדן נײַ געקומענעם האָט זי אַן אַנדער נוסח, אַזוי ווי די באַוויינערנס פון פאַרצײַטנס. זי בייגט זיך אָן איבער איר זון, קושט אים: „מײַן גוט יינגעלע!” זאָגט זי אים... „איך האָב געוווּסט וועגן אַלע דײַנע זאַכן... אַ, דיך פאַרמאַכן איצטער, דיך פאַרמאַכן אויף אייביק!”

דער אַזוי באַריידעוודיקער ווייטיק איבערראַשט צום אָנהויב; עס איז נישטאָ קיין שום אויסדרוק אין דעם קלאַנג פון איר שטים, אָבער עס איז פאַראַן בײַ איר אַן אויסערגעוויינלעכע וואַריאַציע אין די צערטלעכע אויסדריקן; דערנאָך, זיך ווענדנדיק צו אַ פרײַנט, אָן צו בײַטן דעם טאָן, גיט זי אַ געוויינע אָנ־

ווײַזונג וועגן די הוצאות פֿון דער באַערדיקונג, אָדער דאָס אָר־גאַניזירן פֿון דעם אַרויסמאַרש. זי וויל זיך צונעמען איר זון וואָס גיכער, זי וויל אים בײַ אַלע צונעמען, אים האָבן פֿאַר זיך אַליין, דאָרטן ווײַט: „איך וועל דיך גיין זען יעדן טאָג״. זי גלעט אים דעם שטערן. דערנאָך, זיך אומקערנדיק צו אונדז: „האָט דאָך אויף מיר רחמנות, מײַנע הערן!״...

מאַרגעריט אָדו האָט אונדז געזאָגט אַז די לעצטע האַלבע שעה איז געווען אַ שרעקלעכע. עטלעכע מאָל האָט זיך אויסגעוויזן אַז אַלעס האָט זיך שוין געענדיקט. זײַן מוראַדיק אָטעמען פֿלעגט זיך אָפּשטעלן; דאַן פֿלעגט זיך די מוטער אַרויפֿוואַרפֿן אויפֿן געלעגער: „בלײַב נאָך אַביסל מיט אונדז, פֿרײַנט מײַנער! אָטעם נאָך איין מאָל, נאָר איין מאָל!״ און גלײַך דאָס „גוטע יינגעלע״ וואָלט זי געהערט, פֿלעגט מען זען ווי אַלע זײַנע מוס־קלען ציִען זיך אויס אין אַן אויסערגעוויינלעכער אָנשטרענגונג, ווי זײַן ברוסט פֿלעגט זיך הייבן, זייער הויך, זייער שטאַרק כּדי דערנאָך אײַנצופֿאַלן נאָכאַמאָל... און דאָקטאָר עלי פֿאַרע, אונ־טער אַ קריזיס פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, פֿלעגט אויסרופֿן כליפּענדיק: „דאָך, האָב איך געטאָן וואָס איך האָב נאָר געקענט!״...

ער איז געשטאָרבן נײַן אַזייגער בײַנאַכט.

אין „מערקור די פֿראַנס״, ווי די אויסגאַבע פֿון די ווערק פֿון לוסיען זשעאַן, וואָס ער האָט געדאַרפֿט פּראָלאָגירן, זענען געבליבן הענגען.

ווערנד איך רעד מיט וואָלעט, שרײַבט ס. אייניקע טרויער־בריוו; די מוטער וויל זיך אָנזעקנעמען דעם טויטן קערפּער נאָך הײַנטיקע נאַכט. אַכט אַזייגער, וועלן זיך פֿאַרזאַמלען אייניקע פֿרײַנט בײַ אַ קורצער געזעגענונגס־צערעמאָניע, אין דער קלי־ניק אָדער בײַם וואָקזאַל. איך וועל נישט גיין; אָבער איך וויל זען פֿיליפּן נאָך איין מאָל. מיר גייען צוריק אַהין. לעאָטאָ באַ־

גלייט אונדז. מיר זענען נאָכאַמאָל אין טויטן צימער. בורדעל איז געקומען כדי אָראָפּצונעמען אַ מאַסקע פון טויטנס פּנים; אויף דער ערד ליגן רעשטן פון גיפּס. אוודאי איז אַ גליק וואָס מיר וועלן קענען האָבן דעם עקזאַקטן באַוויַיז פון אים; אָבער די וואָס וועלן אים נאָר קענען דורך דער מאַסקע, וועלן זיך נישט קענען פאָרשטעלן דעם גאַנצן אויסדרוק פון אָט דעם קליינעם פּעסטן וועזן, וועמענס גאַנצער קערפּער האָט געהאַט אַזאַ זאַנ־דערבאַרע באַדיַיטונג. יאָ, טולוז־לאָטרעק האָט געהאַט אַזאַ קליי־נע ווּקס ווי ער, אָבער ער איז געווען אַ קריפּל; פיליפּ איז גע־ווען גליַיך; ער האָט געהאַט קליינע הענט, קליינע פיס, קורצע פיס, דער שטערן גוט געטאַקט. נעבן אים האָט מען זיך, נאָך אַ קורצער ציַיט געשעמט צו זיַין צו הויך.

אין הויף, אַ גרופּע פריַינט. אין זאַל, די מוטער, מאַרגעריט אַדו (אָ, ווי ווּנדערשיין עס שיינט מיר צו זיַין די קוואַליטעט פון איר ווייטיק!), פאַרגע לעאָטאָ, זייער בליַיך אין זיַין זייער שוואַרצער באָרד, שלינגט זיַין עמאָציע. די מוטער באַקלאָגט זיך אַלץ; פאַרגע און ווערט קוקן אַריַין אין אַ באַן־„גיע”; מיר רעדן אָפּ זיך צו טרעפן דעם מאָרגנדיקן טאָג, אינדערפרי, ביַי דער סטאַנציע פון „קעי ד'אָרסעי”, צו נעמען דעם באַן פון אַכט מיט אַ פערטל.

דאָנערשטיק אַכט אַזייגער, אין וואַקזאַל פון „קעי ד'אָרסעי”, ווּ מיר געפינען זיך, ס. און איך; צום גליק האָבן מיר זיך גע־פּעדערט, וויַיל אָט זענען מיר געוואָויר געוואָרן אַז דער באַן פון אַכט מיט אַ פערטל גייט אַרויס פון סטאַנציע ליאָן. אָ, וויפיל פריַינט, אַזוי פאַלש אינפאָרמירטע ווי מיר, וועלן נישט קענען קומען אין ציַיט צו דער אַנדערער סטאַנציע! מיר גייען באַלד אַהין. אין דעם באַן וואָס פירט אונדז זענען מיר נישט קיינעם פון זיי, דאָך האָבן אַ גרויסע צאָל געהאַט באַשלאָסן צו קומען.

די גאַנצע נאַכט האָט גערעגנט און געבלאָזן אַ שטאַרקער ווינט; איצטער איז די לופט רואיקער און וואַרעם; דאָס פעלד איז איינגעווייקט; דער הימל אַרום און אַרום וויסט.

מיר האָבן געקויפט בילעטן ביז מולענס. איך קוק אַריַין אין באַן־„גיע" וואָס איך האָב געקויפט אין נעווערס און געפין אויס אַז ביז אָנצוקומען קיין סערילי האָבן מיר נאָך פון מולענס, דריַי אָדער פיר שעה ריַיזע אין אַ קליינעם און פוילן באַן, אַחוץ אַ לאַנגע ריַיזע מיט אַ דיליזשענס, און אַז דער קליינער באַן וועט אַוועק גליַיך נאָכדעם ווי מיר וועלן אָנקומען. וועלן מיר קענען מאַכן די שטרעקע אין אַ קאַטש?

אין מולענס ווילן אונדז דריַי אָנטריַיבערס נישט פירן: די שטרעקע איז אַ צו לאַנגע; דאָס וואָס מיר באַדאַרפן איז אַן אויטאָמאָביל און מיר געפינען אים. מיר לאָזן זיך אין וועג. די לופט איז נישט קאַלט: די שעה איז אַ שיינע. אין אַ רגע מעקט אָפּ ביַי אונדז דער ווינט די מידקייט, ער מעקט ביַי אונדז אָפּ אפילו דעם טרויער, און רעדנדיק פון פיליפּן זאָגן מיר: דו קוקסט דאָך אויף אונדז פון ערגעץ ווו אין הימל, דו מוזט זיך זייער אַמוזירן זעענדיק ווי מיר לויפן דיר נאָך אויפן וועג!

שיינע ערד וואָס דער ווינטער און דער רעגן האָבן פאַר־וויסט! ביַים ראַנד פון הימל קאַליר וויאָלעט, ווי איידל עס זע־נען די גרינקייטן פון די גראָזן!

בורבאָן ל'אַרטשאַמבאָ: דאָ וווינט דיַין צווילינג שוועסטער און דיַין שוואָגער, דער צוקערניק. אָ, אָט איז דער טרויער־וואָגן וואָס קערט זיך אום פון סערילי!... דער פאַרנאַכט פאַלט. מיר זענען אָנגעקומען אין קליינעם דאָרף שוין כמעט ביַינאַכט. דער אויטאָמאָביל בליַיבט אין גאַראַזש פון האָטעל, ווו מיר האָבן געלאָזן אונדזערע וואַליזעס.

מיר זענען אין שפּאַציר פלאַץ פון שטעטל. מיר באַוועגן זיך שוין אין פיליפּס אַ בוך. מען וויַיזט אונדז דעם וועג צו זיַין שטוב. זי איז דאָרטן, אין דער גאַס באַרג־אַרויף, פאַרביַיגייענ־

דיק די קירכע, כמעט אַנטקעגן דער שטוב פון פאָטער פער־דריקס. אין דעם אונטערשטן שטאָק, זײַנען די לאַדנס פון אײנ־ציקן פענצטער פאַרמאַכט ווי די אויגן־דעקלעך פון אײנעם וואָס איז געגאַנגען שלאָפן; אָבער די טיר איז האַלב אָפן. יאָ, דאָ איז עס; אימיצער עפנט די טיר אַרויסגייענדיק, און אין דעם ענגן צימער אַנטקעגן דעם אַרײַנגאַנג, צווישן צוויי אַנגעצונדענע ליכט, זעען מיר די טרומנע אײַנגעוויקלט אין שוואַרצן און באַ־דעקט מיט בלומענקראַנצן. די מוטער לויפט אונדז אַנטקעגן, זי וווּנדערט זיך אונדז צו זען: איר זון איז אַלזאָ אַזוי באַליבט גע־ווען! זי שטעלט אונדז פאָר אײניקע מענטשן פון שטעטל וואָס געפינען זיך דאָרטן; פרײַנט וואָס זענען ספּעציעל געקומען פון פּאַריז. זי איז אויף דעם שטאָלץ. אַ פרוי וויינט אין אַ ווינקל; דאָס איז די שוועסטער. אָ, ווי ענלעך זי איז צו אים! איר פּנים קלערט מיר אויף דאָס פּנים פון אונדזער פרײַנט, אַביסל דעפּאָר־מירט אין דער לינקער זײַט פון קינביין פון אַ שראַם, אַזוי זע־באַר אַז די באָרד קען אים קוים באַהאַלטן. דער שוואָגער קומט אונדז אַנטקעגן, ליבלעך, און פרעגט אונדז אויב מיר ווילן זען דעם צימער וואָס האָט געהערט צו שאַרל לואי, איידער עס קו־מען מער מענטשן.

די שטוב איז אינגאַנצן לויט זײַן גרויס; ווײַל זי איז אַזאַ קליינע, איז ער אַרוים אַזאַ קלײנינקער; נעבן דעם זאַל, וווּהין מיר זענען צוערשט אַרײַנגעגאַנגען, איז דער העלער און לײ־דיקער צימער ווו זײַן פאָטער פלעגט מאַכן די הילצערנע שטעק־שיך; עס איז פאַראַן אַ טיר צו אַ קליינעם הויף. פיליפּס צימער וואָס איז אויפן ערשטן שטאָק, האָט אַ פענצטער צום זעלביקן הויף. אַן ענגער צימער און אָן באַפּוצונגען: רעכטס פון פענצ־טער אַ קליין טישל צום שרײַבן; איבערן טיש, עטלעכע פּאָלי־צעס מיט ביכער און אַ גרויסער הויפן מיט אַלע שול־העפטן. די לאַנדשאַפט וואָס מען וואָלט געקענט זען דורכן פענצטער ווערט

גלייך פאַרשטעלט דורך צוויי אָדער דריי סאָסנעס וואָס האָבן זיך צעוואקסן נעבן דער וואַנט פון קליינעם הויף.

דאָס איז אַלעס, און דאָס איז געווען גענוג: פיליפ איז דאָרטן געווען. די מוטער נעמט אויף די געסט.

— קוקט זיך גוט צו, מיינע הערן! דאָס האָט גרויס וויכטיקייט אויב איר דענקט צו רעדן פון אים.

אין דער פאָדערשטער טייל פון דער שטוב איז פאַראַן אַ מין הערן צימער ווו עס האָט זיך פאַרזאַמלט דער קנאַפּער לוקסוס פון דער דאָזיקער באַשיידענער וווינונג; דער קאַמין מיט באַפּוצונגען, איינגעראַמטע בילדער, פאָרהאַנגען; דאָס איז דער צימער וואָס מען באַנוצט נישט.

— מיר זענען אָרעמע, עס איז אמת, אָבער אַט זעט איר אַז מיר לעבן נישט אין דחקות.

זי פאַרשטייט אַז טראָץ דעם וואָס מיר שטייען איין אין האָטעל, באַטראַכטן מיר זיך אַלס אירע געסט די גאַנצע צייט וואָס מיר וועלן בלייבן אין סערילי.

— ווילט איר זען די שטוב פון פאָטער פערדריקס? — זאָגט אונדז דער שוואָגער. — עס וועט אייך זיכער אינטערעסירן.

און מיר באַגלייטן אים צו דער פאָרלעצטער שטוב פון דאָרף; אָבער דער צימער ווו מען נעמט אונדז אויף איז באַנייט געוואָרן. ביים אַרויסגיין בייגט זיך אָן צו אונדז דער שוואָגער:

— יענעם וואָס איר זעט דאָרטן איז זשאַן מאַראַטען; איר ווייסט עס גאַנץ גוט: ער איז דער האַר פון דאָרף. ווען לואי האָט געשריבן פון אים אין זיין בוך, האָט מען אים געוואָלט אָנברוגזן. ער האָט אָבער געזאָגט: „ניין, ניין, איך קען דעם קליינעם פיליפ! ער איז אַ ווילער יינגל; ער האָט נישט געוואָלט רעדן שלעכטס פון מיר.

מיר זענען צוריק אין האָטעל וווהין עס איז נאָר וואָס אָנגעקומען, פון ווישי, וואַלערי לאַרבאָ, מיט וועמען מיר פאַרברענגען די נאַכט.

די טרויער־צערעמאָניע קומט פאַר פּריוואַטיק אונדערפּרי, צען אַזייגער. קיין שום פריינט אונדזערער איז נישט געקומען; יאָ, גילאָמען, דער מחבר פון „דאָס לעבן פון אַ פּשטן"; ער וווינט אין אַ גוט, דרייצן קילאָמעטער פון דאַנען. מיר האָבן נאָך „געוואַרט" אַ פערטל שעה; סעריליי געפינט זיך צווישן עט־לעכע באַן־ליניעס; מען קען קומען אַהער דורך פאַרשידענע וועגן. ענדלעך הייבט זיך אָן באַוועגן די טרויער־פּראָצעסיע.

אַ קליינע רוימישע קירכע, גרוי און ברוין, פול מיט שטן און ישוב־הדעת. דער גלח דערנענטערט זיך ווען מיר זענען פאַרזאַמלט אַרום דער טרומנע.

דורך דאַנען, מיינע הערן! קומט דורך דאַנען, וועט איר גע־פינען קוילן־פייער!

און מיר דערנענטערן זיך צו אַ פייער־טאָפּ, נעבן די טרעפּ צום אַלטאַר. צוויי מאָל, בשעת דער צערעמאָניע, קומט צו צו אונדז דער שוואָגער: דאָס ערשטע כדי אונדז צו אַנאַנסירן אַז עס איז געקומען מאַרסעל רעי פון מאָנטפעליע, מיט זיין פרוי, דערנאָך, דאָס צווייטע מאָל, זיך פאַרנייגנדיק:

— איר מוזט באַזוכן די קאַפּעל פון די הייליקע; מיין שוואָ־גער האָט פון איר אויך גערעדט אין זיינע ביכער.

די צערעמאָניע ענדיקט זיך; מיר מאַרשירן צום צווינטער. דער הימל איז נידעריק. מאָמענטנווייז נידערט אַראָפּ אַ וואָלקן און פאַרטונקלט דעם גרונט פון דער לאַנדשאַפט. מיר שטייען שוין ביים קבר; איך קוק, קעגן מיר, אויף דער שוועסטער וואָס וווינט און מען האַלט זי אונטער; זי איז אָנגעטאָן אין שטרענגן טרויער; נעבן איר, די מוטער, אַלם אויסדריק פון צער האָט זי דעם קאָפּ באַדעקט מיט אַ טוך פון שוואַרצן וואָל געשטריקט מיט קלאָמערלעך... דאָס באַערדיקט מען באמת פיליפן? וואָס פאַר אַ שוואַרצע קאָמעדיע שטעלט מען דאָרטן פאָר? אַ פריינט פון דעם קאַנט אויסגעצייכנט מיטן אָרדן „פּיאָלעט־שנור", אַ סוחר אָדער באַאַמטער פון סערילי, פעדערט זיך טראַגנדיק אין

דער האָנט אייניקע בלעטלעך באַדעקט מיט האַנט־שריפט און הייבט אָן אַ רעדע. ער רעדט פון פיליפּס קליינער וווקס, פון זײַן קנאַפּן אויסזען, וואָס האָט אים געשטערט צו דעראָבערן כיבודים, פון זײַן נאָכאַנאַנדיקן דורכפאַל אויף אַלע פּאָסטנס וואָס ער האָט געווען געוואָלט פאַרנעמען: — דו ביזט אפשר נישט געווען קיין גרויסער שרײַבער! ענדיקט ער, אָבער...

קיין זאַך עמאָציאָנירט נישט מער ווי אָט דער נאַיווער אָפּשײַן פון דער באַשיידנקייט וואָס פיליפּ פלעגט באַנוצן ווען ער פלעגט רעדן פון זיך אַליין און וואָס האָט פאַרפירט אָט דעם גוטן מענטשן: אָבער דאָס האַרץ פרעסט בײַ אייניקע פון אונדז; איך הער ווי מען מורמלט נעבן מיר: „ער מאַכט פון אים אַ דורכגעפאַלענעם!" און איך צווייפל אַ מאָמענט זיך צו דערנענטערן צום קבר כדי צו זאָגן אַז נאָר סערילי קען רעדן מיט אַזוי־פיל באַשיידנקייט פון פיליפּן; אַז פון דעם קוקווינקל פון פּאַריז דענקען מיר אַז פיליפּ איז זייער גרויס... אָבער ניין! וואָלט נישט געליטן פיליפּ פון דעם מרחק וואָס וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אים און די פון זײַן קליינעם דאָרף, פון וועלכע זײַן האַרץ האָט זיך קיינמאָל נישט געוואָלט דערווײַטערן?

אויסער דעם נעמט דאָס וואָרט גילאָמען: זײַן רעדע איז אַ קורצע, פול מיט געמעסיקטקייט און טאַקט; זייער עמאָציאָנירט. ער רעדט פון אַן אַנדער קינד פון סערילי, וואָס איז אַוועק ווי פיליפּ, געשטאָרבן צו די פינף און דרײַסיק יאָר ווי ער, גענוי מיט הונדערט יאָר צוריק: דער נאַטוראַליסט פּעראָן. אַ קליינער מאָנומענט אויף דעם שפּאַציר פּלאַץ, דערמאָנט אים. איך האָב דערנאָך געזאָלט איבערשרײַבן אָט די רירנדע אויפשריפט פול מיט פּיעטעט:

פּעראָן האָט זיך
אוגוסטירט ווי
אַ יונגער בוים
וואָס איז געפאַלן

אונטער דער לאַסט פון
זײַנע אײגענע פּרוכטן.

אויף דער אַנדערער זײַט פון מאָנומענט איז פאַראַן אַ בראָנדז־רעליעוו, וווּ מען זעט פראַנסואַ פּערראָן, זיצנדיק אונטער אַ בוים אויף וועלכן עס שטעלן זיך אַפּ „קאַקאַטואַ"־פייגל און אַן אויסטראַליאַנער לאַנדשאַפט אויף וועלכער עס גייען אַרום האַלב־ווילדע קאַנגוואַרן.

נאָך אַן אויטאָמאָביל שטעלט זיך אָפּ בײַם טויער פון צווינ־טער; דאָס איז פּאַרגע; ער קומט צום סוף פון די רעדעס. איך פיל זיך גליקלעך אים צו זען דאָרטן. זײַן ווייטיק איז אַ טיפער ווי דער ווייטיק פון אַלע וואָס זענען דאָ. אָבער עס ווײַזט אויס אַז פּאַרגע איז דאָ דער פאָרשטייער פון אַ גאַנצער גרופּע אַפּוועזנ־דע פרײַנט, פּונקט פון די בעסטע, און קומט ברענגען זייער פאַרערונג.

מיר גייען צוריק אין האָטעל, וווּ מיר זענען די געסט פון מאַדאַם פיליפּ. איר שוויגער־זון, ה' טורנעיר איז איר פאָרשטייער. איך זיץ נעבן אים; ער דערציילט מיר אייניקע שטריכן פון דער ערשטער יוגנט פון זײַן שוואָגער:

זײַט ער איז אַלט געוואָרן פינף אָדער זעקס יאָר, פלעגט דער קליינער לואי זיך שפּילן אין „גיין אין שול"; ער האָט זיך געהאַט געמאַכט עטלעכע קליינע העפטלעך וואָס ער פלעגט נעמען אונטערן אָרעם און זאָגן:

— אַ גוטן טאָג, מאַמע, איך גיי אין שול!

דאַן פלעגט ער זיך אוועקזעצן אין אַ ווינקל פון צימער, אויף אַ טאַבורעטקע, מיט דער פּלייצע צו אַלעמען... דערנאָך, נאָך אַ פערטל שעה זיצן אַזוי, איז די פאַרטראַכטע קלאַס גע־ווען צו ענדע; ער פלעג זיך אומקערן.

— מאַמע, די שול האָט זיך געענדיקט!

אָבער אין אַ שיינעם טאָג, נישט זאָגנדיק גאָרנישט קיי־נעם, איז ער אַוועק פון דער שטוב און איז באמת געגאַנגען אין שול; ער איז נישט אַלט געווען מער ווי זעקס יאָר. דער לערער האָט אים נישט געוואָלט אַריינעמען. דער קליינער לואי איז צו־ריקגעקומען. דער לערער האָט אים דאַן געזאָגט:

— וואָס קומסטו דאָ טאָן?

— אַלזאָ... לערנען.

מען האָט אים אַ צווייטן מאָל אַהיימגעשיקט; ער איז צו קליין. דאָס קינד שפּאַרט זיך אײַן, און ווערט אַזוי צודרינגלעך אַז מען נעמט נישט אין אַכט זײַן עלטער. און עס הויבט זיך אָן זײַן געדולדיקע דערציאונג.

אָ, „מײַן גוט יינגעלע"! ווי גוט איך פאַרשטיי וואָס עס האָט דיך שפּעטער געמאַכט אַזוי ליב האָבן יודאַסן „דער טונקע־לער"! נאָך מער ווי דײַן טאַלאַנט אַלס שרײַבער, ווי דײַן עמפּינדלעכקייט, ווי דײַן איטעליגענץ, באַוווּנדער איך אין דיר דײַן וווּנדערלעכע פאַרעקשנטקייט, וואָס איז געווען נישט מער ווי אַ פאָרם פון דײַן ליבע.

מיר פאָרן אַהיים.

בשעת דער רײַזע, טראַכט איך אין דעם אַרטיקל וואָס איך האָב אים געהאַט צוגעזאָגט צו שרײַבן, וואָס איך האָב זיך גע־גרייט צו שרײַבן ווען זײַן בוך וועט נאָר אַרויס, אָט באַלד בײַם פאַרלעגער פאַסקעל, דאָס אַרטיקל אויף וועלכן ער האָט גע־וואַרט. איך פאַרטראַכט דאָס אַרטיקל אין מײַן גײַסט.

פיליפּס טויט וועט נישט ברענגען דערצו אַז איך זאָל מיט גאָרנישט איבערטרײַבן מײַן לויב־געזאַנג; העכסטנס קען פאַר־קומען אַז איך וועל זיך פאַרנויגן מיט נאָך מער טרויער פאַר אָט דער רירנדער פיגור, ווען איך וועל זי קענען בעסער לער־נען (אין די פּאַפּירן וואָס ער האָט איבערגעלאָזט) און בעסער

דערקענען, וועט עס באַפעסטיקן מײַן באַוווּנדערונג פֿאַר אים.
עס האָבן אים שלעכט געקענט די וואָס האָבן נאָר געזען זײַן פּיעטעט, זײַן צאַרטקייט און די פּרעכטיקע מעלות פֿון זײַן האַרץ; בלויז מיט דעם אַלײַן וואָלט ער נישט דערגרייכט די מדרגה פֿון אַ וווּנדערלעכן שרײַבער, וואָס ער האָט באַוויזן צו זײַן. אַ גרויסער שרײַבער באַפֿרידיקט מער ווי אײַן פֿאָדערונג, ענטפֿערט מער ווי אויף איין צווייפֿל, נערט פֿאַרשידענע אַפּעטיטן. איך פֿיל אַ קנאַפּע באַוווּנדערונג פֿאַר די וואָס טראָגן ניט איבער מען זאָל קענען קוקן אויף זיי פֿון אַלע ווינקלען, די וואָס דערשיינען דעפֿאָרמירט ווען מיר קוקן אויף זיי פֿון דער זײַט. מען האָט געקענט באַוווּנדערן פּיליפּן אין אַלע הינזיכטן. פֿאַר אַלע זײַנע פֿרײַנט, פֿאַר אַלע זײַנע לייענער איז ער דערשינען איינער און דער זעלביקער; אָבער קיינער פֿלעגט נישט זען אין אים דעמזעלביקן. און די פֿאַרשידענע ליובגעזאַנגען וואָס מען ווענדעט צו אים קענען אַלע זײַן גערעכטע, אָבער יעדער איינער, גענומען באַזונדער, איז נישט גענוגנד. ער האָט געהאַט אין זיך אַלעם וואָס מען באַדאַרף, צו דעזאָריענטירן און איבערראַשן, דאָס הייסט, צו געדויערן.

א י נ ה אַ ל ט

	זײַט
ערשטער קאַפּיטל	9
צווייטער קאַפּיטל	25
דריטער קאַפּיטל	41
פערטער קאַפּיטל	71
פינפטער קאַפּיטל	85
זעקסטער קאַפּיטל	103
זיבעטער קאַפּיטל	119
טאָגבוך אָן דאַטומס פון אַנדרעי זשיד	143